STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00159

DI VUNDERLEKHE LEBNSBASHRAYBUNG FUN SHEMUEL ABA ABA ABERVO

Itzik Manger

Permanent preservation of this book was made possible by
Larry Kahaner
in honor of
the Kahaner Family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאַנגער

די ווּנדערלעכע
לעבנסבאַשרייבוּנג
פוּן שמוּאל אַבא אַבערוואַ

(דאָס בוּך פוּן גן־עדן)



פאַרלאַג י. ל. פּרץ תל־אביב, תשמ״ג 1983

ITZIK MANGER

DI VUNDERLECHE LEBNS-BASHRAYBUNG FUN SHMUEL ABE ABERVO

איציק מאַנגער

די װוּנדערלעכע לעבנס־באַשרײַבונג פֿון שמואל אבא אַבערוואָ

דאָס בוך פֿון גן־עדן

שער־בלאַט פֿון דער ערשטער אויסגאַבע
אין פֿאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1939

אילוסטרירט פֿון מענדל רייף

Printed in Israel

נדפס בישראל, תשמ״ב

נדפס בדפוס אופסט „ראם״, ת״א טל. 659596

אַ פּאָר ווערטער אויף צו פריער

ס׳איז פאַר מיר אַליין אַביסל מאָדנע צו מיין פריילעכסטן בוך אָט די טרויעריקע הקדמה.

און אפשר דאַרף זיין אַזוי? ביים ראַנד פונם אָפּגרונט ווערט דאָס געלעכטער נאָך פאַרשייטער.

אויסגעבירגערט פון מיין היימלאַנד רומעניע, דערווייטערט פון מיין געליבטן יידיש־פּוילישן ישוב, הענגענדיק אָן אַ פּאַס, אָן אַ וויזע צווישן די גרענעצן, פאַרנויג איך זיך אין אָט דער גראָטעסקער פּאָזע פאַרן געשעצטן פּובליקום און פּרעזענטיר אים מיין שמואל אבא אַבערוואָ מיט זיין אויסטערלישער לעבנסבאַשרייבונג.

אייגנטלעך איז „דאָס בוך פון גן־עדן“ דער ערשטער טייל פון אַ פאַרטראַכטער טרילאָגיע. „דאָס בוך פון דער ערד“ און „דאָס בוך פון עולם התוהו“ וועלן אפשר נאָך אָנגעשריבן ווערן.

אויך אין דעם הפקרדיק־פריילעכן בוך איז פאַראַן אַ סך פון מיינע אינטימסטע איבערלעבונגען, אַ סך פון מיין אייגענעם לעבן, ליידן און ליב האָבן.

דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך זיך אַליין, אַ זכר פון די איינזאַמע טעג און נעכט, אַרומגעבלאָנקעטע איבער די גאַסן און בולוואַרן פון פּאַריז.

די פריילעכסטע מאָמענטן אין אָט דעם אומענדלעכן הפקר זענען געווען די באַגעגענישן אין די ביינאַכטיקע שענקען מיט די שאָטנס פון די פראַנצויזישע וואַגאַנטן, יענע הפקרדיקע זינגער, וואָס זענען אפשר אין זייער היימלאַנד געווען נישט ווינציקער איינזאַם פון מיר.

אויך אַ שטיקל טרייסט. נאָר לאָמיר נישט פאַראומעטיקן די פריילעכע מעשה פון שמואל אבא אַבערוואָ.

רי שמואל אבא, איר האָט דאָס וואָרט!

איציק מאַנגער

פּאַריז, יאַנואַר 1939

I

מיין לעצטער טאָג אין גן־עדן

די צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין גן־עדן, איז געווען די שענסטע צייט פון מיין לעבן. נאָך ביים היינטיקן טאָג טוט מיר אַ קלעם ביים האַרצן און עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן, ווען איך דערמאָן זיך אין דער דאָזיקער גליקלעכער צייט.

אָפטמאָל פאַרמאַך איך די אויגן און לעב נאָך אַמאָל איבער די גליקלעכע יאָרן. די דאָזיקע יאָרן, וואָס וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן. סיידן, אַז משיח וועט קומען.

אין אַזעלכע פאַרחלומטע מינוטן פאַרגעס איך אַפילו, אַז מען האָט מיר אָפּגעשוירן די פליגל, איידער מען האָט מיך אַראָפּגעשיקט אויף דער אַנדערער וועלט. איך צעשפּרייט די הענט און פּרואוו אַ פלי טאָן. און ערשט דעמאָלט, ווען איך פאַל אַראָפּ אויפן דיל און פיל אַ ווייטיק אין אונטערשטן טייל פון מיין גוף, דערמאָן איך זיך, אַז ס׳איז פאַרפאַלן, אַז פליגל פאַרמאָגן בלויז די באַשעפענישן אין גן־עדן.

און דערפאַר טאַקע האָב איך באַשלאָסן צו באַשרייבן אַלצדינג, וואָס עס האָט מיט מיר פאַסירט, סיי פאַר מיין געבוירן ווערן, סיי נאָך מיין געבוירן ווערן. און באַשרייבן וויל איך עס נישט, כדי צו פאַרווילן די נישט־גלויביקע, נאָר כדי זיך אַליין צו טרייסטן. איך ווייס, אַז אַ סך מענטשן האָבן שוין באַשריבן זייער אייגן לעבן אין פאַרשידענע לשונות פון דער וועלט. איך אַליין האָב איבערגעלייענט אַ הונדערט אַזעלכע לעבנס־באַשרייבונגען און איך מוז זיך מודה זיין, אַז ס׳האָט געשלאָגן צו דער גאַל. אויף יעדן טריט האָבן איך געשפּירט, ווי ס׳רעדט די מענטשלעכע גאווה און דער עיקר — דער ליגן. דער ליגן, וואָס מאָלט זיך אַליין אין ראָזיקע פאַרבן און דעם צווייטן אין וואָס מער שוואַרצע. אַזאַ לעבנס־באַשרייבונג איז נישט מער ווי אַ שטות, וואָס איז אויסן אָפּצונאַרן דעם שוטה, וועלכער גלויבט דערין, און דער עיקר זיך אַליין — דעם באַשרייבער.

איך אָבער וויל דערציילן אַלצדינג אַזוי, ווי ס׳איז געווען. נישט מינערן אויף קיין האָר. איך וויל קיינעם נישט איינרעדן, אַז איך בין אַ צדיק אין

פעלן. חלילה וחס. כ׳האָב אַ סך געגרייזט און אַ סך גוטס געטאָן. דאָרט, וואו איך האָב געגרייזט, וועל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב געגרייזט, און דאָרט וואו איך האָב רעכט געטאָן, וועל איך דערציילן מיטן אַקוראַט ווי אַזוי און וואָס און ווען.

איך ווייס, אַז אַ סך מענטשן וועלן מיך פרעגן: היתכן, ווי קומט עס, אַ מענטש זאָל געדענקען מיטן אַקוראַט, וואָס מיט אים איז געשען פאַר זיין געבוירן ווערן? זיי, די פרעגערס, וועלן אַפילו ברענגען אַ ראיה, אַז אַזוינס איז נישט מעגלעך. איעדער איינער ווייסט, אַז איידער דער מענטש ווערט געבוירן, קומט אַ מלאך און גיט אים אַ שנעל אין דער נאָז און פון דעם דאָזיקן שנעל פאַרגעסט ער תיכף אַלצדינג, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, און אַפילו די תורה, וואָס דער מלאך האָט מיט אים געלערנט איידער ער איז אַראָפּ אויף דער זינדיקער וועלט.

די מענטשן, וואָס וועלן דאָס טענהן, וועלן זיין גערעכט. אַזוי איז דאָס טאַקע. אַזוי געשעט מיט יעדן מענטשן, איידער ער קומט אויף דער וועלט. דער מלאך שנעלט טאַקע אין דער נאָז איעדן איינעם און יעדער איינער פאַרגעסט טאַקע אַלצדינג. אָבער מיט מיר איז געשען אַ נס, אַן אויסטער־לישער נס. און דעם נס וויל איך טאַקע דערציילן אויף צו פריער, כדי מען זאָל פאַרשפאָרן צו שושקען איינער דעם צווייטן אין אויער אַריין, אַז אָט דער שמואל־אַבא אַבערוואָ האָט אַ טשייניק, בראָקט ליגנס, ווי אַ אידענע לאָקשן.

אין דעם טאָג, ווען מען האָט מיך איבערגעגעבן אין רשות פון מלאך, וואָס האָט מיך געדאַרפט אַראָפּברענגען אויף דער ערד, בין איך גראָד געזעסן אונטער אַ גן־עדן־בוים און געשעפּט תענוג פון די קאַנאַריקעס, וואָס האָבן זיך צעזונגען ווי אין פסוק שטייט. אַגב, מוז איך אייך זאָגן, אַז אַנטקעגן די גן־עדן־קאַנאַריקעס זענען די ערדישע קאַנאַריקעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. ערשטנס זענען די גן־עדן־קאַנאַריקעס צוואַנציק מאָל גרעסער און זינגען זינגען זיי אַזוי, אַז מען קאָן עס פשוט נישט באַשרייבן אין קיין שום מענטשלעכן לשון. אַזוינס מוז מען הערן מיט די אייגענע אויערן, כדי צו פאַרשטיין דעם חילוק.

געווען איז דאָס בין־השמשות־צייט. דער גמרא־מלמד, ר׳ מאיר פּאַרעך, אַ מלאך מיט שווערע טונקל־גראָע פליגל, איז אַוועק צו מנחה־מעריב אין דער מלאכישער קלויז, די תלמידים זענען זיך דערווייל צעלאָפן. ווער ס׳האָט

געשפּילט מיט די אַנדערע מלאַכימלעך אין קאַמער־קאַמער־הויז און ווער ס'האָט דערציילט מעשיות וועגן גזלנים. איך בין מיר אַוועק צו מיין באַליבטן גן־עדן־בוים, הערן, ווי די קאַנאַריקעס זינגען.

איך בין זיך מודה, אַז דאָס געזאַנג פון די גן־עדן־קאַנאַריקעס איז דעמאָלט געווען מיין גרעסטע שוואַכקייט. בשעת זיי האָבן געזונגען, האָב איך פאַרגעסן אין אַלץ אויף דער וועלט.

איז ליג איך מיר אַזוי אונטערן גן־עדן־בוים. די קאַנאַריקעס זינגען, גרויסע שמעטערלינגען פלאַטערן איבערן גן־עדן־גראָז, שפּילן זיך אין כאַפּער־לעך. ווען איך רעד וועגן די גן־עדן־שמעטערלינגען, טאָרט איר נישט מיינען, אַז דאָס זענען סתם שמעטערלינגען אַזעלכע, וואָס איר זעט אויף דער ערד זומער־צייט. אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר אַ גרויסן טעות. אַ גן־עדן־שמעטערלינג איז ניינצן מאָל אַזוי גרויס, ווי אַן ערדישער. יעדער שמעטער־לינג האָט אַן אַנדער קאָליר. איינער בלאָ, איינער גרין, איינער רויט, איינער ווייס, איינער שוואַרץ. הקיצור, ווי קאָן מען עס אויסרעכענען אַט די אַלע קאָלירן, אַז די מענטשלעכע שפּראַך פאַרמאָגט גאָר נישט אַזויפיל ווערטער, וויפל קאָלירן ס'איז פאַראַן אין גן־עדן?

ווי איך ליג מיר אַזוי אונטערן בוים, דערהער איך מיט אַמאָל אַ קול, אַ באַקאַנט קול, וואָס קלינגט ווי אַ זילבערן גלעקעלע:

— שמואל־אַבא, שמואל־אַבא!

איך קוק זיך אום און דערזע מיין חבר — פישערל, אַ מלאכל אַ פאַר־שייטס, מיט קלוגע, שוואַרצע אייגעלעך. דאָס מויל איז אים, ווי תמיד, אויסגעשמירט מיט פאַווידלע. ער פלאַטערט מיט די דינע, ליכטיקע פליגל איבער מיר. און אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ מיר צופוסנס.

— וואָס איז, פישערל? וואָס איז געשען? זאָג שוין גיכער, צי מיר נישט אַרויס די נשמה!

פישערל ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון אונטער די פליגל און רוימט מיר שטיל אין אויער אַריין:

— שמואל־אַבא, ס'איז שלעכט. איך בין געוואויר געוואָרן, אַז מען שיקט דיך נאָך היינט אַראָפּ אויף דער ערד. דיין גורל איז, דו זאָלסט ווערן אַ מענטש, פאַרשטייסט, וואָס מען רעדט צו דיר? — אַ מענטש.

דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן: טיק, טיק, טיק.

— וואָס רעדסטו, פישערל? ווער האָט עס דיר געזאָגט? פון וואַנען ווייסטו עס?

און פישערל האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי ער איז גראָד פאַרבייגעפלויגן דעם גן־עדן־שענק „צום צדיק נח״. דאָרט אין שענק איז געזעסן דער מלאך שמעון־בער, דער גרעסטער שיכור צווישן אַלע מלאכים.

— ער האָט געטרונקען זעקס און ניינציקער שפּירט און געשאָלטן מיט טויטע קללות, וועמען וויס איך נישט, — האָט ווייטער דערציילט פישערל, — נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אין כּעס, מען שיקט אים אין אַ שליחות. ער דאַרף דיך אַראָפּפירן אויף דער ערד, דיר געבן אַ שנעל אין דער נאָז, כּדי דו זאָלסט אַלצדינג פאַרגעסן: דעם גן־עדן, די תורה, וואָס דו האָסט געלערנט, און מיך, דיין חבר פישערל, אויך.

און פישערל האָט זיך צעוויינט. זיינע טרערן זענען מיר געפאַלן אויף דער רעכטער האַנט. זיי זענען געווען גרויסע און הייסע.

די טרערן פון מיין חבר פישערל האָבן מיך גערירט ביז טרערן. איך האָב אים געגלעט איבערן קעפּל און אים געפּרואווט טרייסטן:

— וויין נישט, פישערל, מאַלע וואָס אַ שיכורער מלאך פּלאַפּלט ערגעץ אין אַ שענק. אַנו, לאָמיך נאָר זען, ער זאָל מיך פּרואוון נעמען. די רויטע באָרד זיינע וועל איך אים אויסרייסן. איך וועל אים דאָס פּנים צעדראַפּען. איך וועל אים אָפּבייסן די רויטע נאָז זיינע, ווי דו זעסט מיך לעבן.

פישערל האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַרויקן. ער האָט געהעשעט אויף אַ קול:

— דו ווייסט דען וואָס פאַר אַ גזלן דאָס איז, אָט דער שמעון־בער? אַן אמתער רוצח!

איך האָב געוואוסט, אַז פישערל זאָגט דעם אמת. פאַר אָט דעם מלאך שמעון־בער ציטערן אַלע. ער איז כּמעט קיינמאָל נישט ניכטער. אַריינצופאַלן צו אים אין די הענט איז ערגער ווי אין גיהנום אַריין. און גראָד אים האָט מען עס אויסגעקליבן, אַז ער זאָל באַגלייטן די קינדער, וואָס דאַרפן געבוירן ווערן און ער זאָל זיי געבן דעם באַרימטן שנעל אין דער נאָז.

איך האָב געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי אָט דער שיכור פירט מיך ביי דער האַנט. אַז מען וויל נישט גיין מיט גוטן, טראָגט ער אויף די פּלייצעס. אָט שטייט מען שוין ביי דער גרענעץ

פון גן־עדן. איך הער דאָס שיכורע קול פון מלאך: „גיב אַהער די נאָניע, חברה־מאַן, לאָמיך דיר טאָן אַ שנעל און פּאַשאָל וואָן!“.

פאַר דעם דאָזיקן שנעל ציטערן אַלע, שרעקן זיך נאָך מער, ווי פאַרן געבוירן ווערן אויף דער ערד. נישט איין קינד האָט דער דאָזיקער שיכורער מלאך אומגליקלעך געמאַכט מיט זיין שנעלן. אויב איר זעט אַ קאַרנאַסע קינד אויף דער ערד, זאָלט איר וויסן זיין, אַז דאָס האָט אים שמעון־בער דער מלאך אַ צו־שטאַרקן שנעל געטאָן אין דער נאָז.

— איז וואָס־זשע קאָן מען טאָן, פישערל? גיב אַן עצה, וואָס קאָן מען טאָן? — האָב איך זיך געבעטן ביי מיין חבר.

— גאָרנישט קאָן מען טאָן, — האָט פישערל טרויעריק געענטפערט.

— דיין גורל איז געחתמעט און ס׳איז פאַרפאַלן. פון שמעון־בערס הענט וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען, זאָלסט אַפילו זיין מיט אַכצן קעפּ. איך מיין, אַז ס׳וואָלט געווען דאָס בעסטע, אַז דו זאָלסט...

— וואָס? וואָס? — האָב איך אים געפרעגט און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— אַז דו זאָלסט גיין מיט גוטן, זיך נישט איינשפּאַרן. און נישט וויינען. שמעון־בער האָט פיינט, אַז מען ווידערשפּעניקט אים. ער האָט פיינט, אַז מען וויינט. פאַר וויינען קאָנסטו נאָך פון אים כאַפּן אַזאַ שנעל אין דער נאָז, אַז דו זאָלסט, חלילה, קומען אינגאַנצן אָן אַ נאָז אויף דער וועלט. אַ שיין פנים וועסטו דעמאָלט האָבן, אַזאַ יאָר אויף שמעון־בערן.

פון פישערלס רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיך שוין נישט אַרויסדרייען פון שמעון־בערס הענט. די גאַנצע צייט, וואָס פישערל האָט גערעדט, האָב איך זיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט די נאָז, זי באַדויערט פונם גאַנצן האַרצן פאַר דעם אומגליק, וואָס קאָן איר חלילה טרעפן און טיף אין האַרצן האָב איך געבעטן צום רבונו של עולם, אַז ער זאָל זי באַהיטן און באַשיצן.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב שטילערהייט תפילה געטאָן צום רבונו של עולם, ער זאָל באַהיטן און באַשיצן מיין נאָז פאַר דער סכנה, וואָס לויערט אויף איר, איז פישערל געזעסן נעבן מיר אין גראָז, צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, משמעות ער האָט עפּעס געטראַכט.

זיינע קלוגע, שוואַרצע אייגעלעך האָבן מיט אַמאָל אַ פינקל געטאָן. תמיד ווען פישערל דערטראַכט זיך צו עפּעס, בלישטשען זיינע אויגן.

— שמואל־אַבא, ווייסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגן ?

— וואָס, פישערל ?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, צי קיינער הערט זיך נישט אונטער, און דערנאָך האָט ער מיר איינגערוימט אין אויער אַריין:

— ביי אונז אין קעלער געפינט זיך אַ פלעשל יין־המשומר, דער טאַטע האַלט עס אויף אַ רפואה. דאָס דאָזיקע פלעשל וועל איך דיר מיטגעבן אין וועג אַריין.

— וואָס הייסט, דו וועסט מיר מיטגעבן דאָס פלעשל אין וועג אַריין.

— האָב איך זיך געחידושט, — ס׳איז דען דיינס ? און צו וואָס אַ שטייגער דאַרף איך עס האָבן ?

פישערל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך זע, אַז מען דאַרף דיר לייגן אַ פינגער אין מויל אַריין. וואָס איז דאָ אַזוי שווער צו פאַרשטיין, איך בעט דיך ? דו וועסט דאָס פלעשל געבן דעם מלאך שמעון־בער, ער וועט זיך פשוט מחיה זיין דערמיט, און דערפאַר זאָל ער דיר נישט געבן — אַזוי מוזטו מיט אים אָפּמאַכן — קיין צו־שטאַרקן שנעל אין דער נאָז.

— וואָס רעדסטו, פישערל ? — האָב איך אויסגעשריגן נישט מיט מיין קול. — וואָס הייסט, דו וועסט לקחנען ? און וואו איז לא תגנוב ?

פישערל האָט זיך צעלאַכט.

— שוטה בן פיקהאַלץ, צי ווייסטו דען נישט, אַז דער „לא תגנוב״ איז נאָר פאַר די מענטשן און נישט פאַר מלאכים ? אַנו, וויז מיר, אדרבא, וואו ס׳שטייט אין דער תורה, אַז דער אויבערשטער האָט באַפוילן צו די מלאכים „לא תגנוב״ !? סיידן אין ספר פראַלניק.

איך האָב איינגעזען, אַז מיין חבר איז קליגער פון מיר און אַז ער איז גערעכט. פונדעסטוועגן האָב איך נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען. לאָמיר אָנ־נעמען, אַז כ׳וועל געבן דעם מלאך שמעון־בער דאָס פלעשל יין־המשומר און אַז שמעון־בער וועט מיר געבן אַ לייכטן שנעל אין דער נאָז, אָבער שנעלן וועט ער דאָך, און קוים שנעלט ער, מוז איך דאָך פאַרגעסן אַלץ, וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט אין גן־עדן און וואָס מיר איז אַ גרויסער שאָד.

פישערל האָט משמעות פאַרשטאַנען, וואָס איך טראַכט, ער האָט אַרויס־גענומען פון דער קעשענע אַ שטיקל ליים, עס אַזוי לאַנג געקנאָטן אין די

הענט, ביז ער האָט דערפון אויסגעפורעמט אַ נאָז. ער האָט עס מיר איבער־געגעבן און געזאָגט:

— בשעת שמעון־בער וועט טרינקען דעם יין־המשומר, זאָלסטו דיר צוקלעפּן די ליימענע נאָז. אַז ער וועט שנעלן, וועט ער אָנרירן דאָס ליים, און דו וועסט אַרויס אַ גאַנצער. געדענק אַלץ, און זע, פאַרגעס נישט צו דערציילן אויף דער ערד, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פישערל אין גן־עדן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט די פליגל און הויך אַ זאָג געטאָן:

— קום! באַלד וועט דיך שמעון־בער זוכן. בעסער וועט זיין, אַז דו וועסט אים אַליין אַנטקעגן גיין. דערווייל לאָמיר אַ פלי טאָן צו מיר אַהיים.

מיר זענען געפלויגן. דאָס איז געווען מיין לעצטער פלי איבערן גן־עדן צוזאַמען מיט מיין טייערן חבר.

ס׳האָט נישט קיין סך געדויערט און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער שטוב, וואו ס׳וואוינט פישערלס טאַטע שלמה־זלמן דער שניידער, אַ מלאך מיט אַ קנאָפּ אין גאָרגל און מיט קעלבערנע אויגן.

אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ שילד און אויפן שילד איז געווען אויסגעמאָלן אַ מלאך מיט געלאַטעטע פליגל. אַ סימן, אַז פישערלס טאַטע איז געווען אַ לאַטוטניק, וואָס האָט פאַרריכט מלאכים די אָפּגענוצטע פליגל.

פישערל איז אַריין אין שטוב און איך האָב געוואַרט אין דרויסן. ס׳האָט נישט קיין סך געדויערט און ער איז אַרויסגעקומען. אונטער אַ פליגל האָט ער געהאַלטן דעם „יין המשומר״.

ער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס פלעשל און געזאָגט:

— נאַ, נעם, שמואל־אַבא, און פלי תיכף אין שענק „צום צדיק נח״! ס׳איז בעסער, אַז דו זאָלסט קומען צו שמעון־בערן, איידער ער זאָל קומען צו דיר.

מיר האָבן זיך ביידע צעקושט, זיך אַרומגענומען, זיך נאָכאַמאָל צעקושט און נאָכאַמאָל אַרומגענומען און ווער ווייסט זוי לאַנג מיר וואָלטן נאָך אַזוי געשטאַנען, ווען פישערלס מאַמע, די מלאכטע חנה־דבורה, וואָלט נישט אַרויס־געשריגן דורכן פענסטער:

— פישערל, די וועמפּלעך ווערן קאַלט, קום עסן!

מיר האָבן זיך ביידע נאָכאַמאָל צעקושט, זיך אָנגערירט מיט די פליגל. פישערל איז אַריין אין שטוב עסן וועטשערע און איך האָב זיך אַליין געלאָזט פליען אין דער ריכטונג, וואו עס געפינט זיך דער שענק „צום צדיק נח״.

אין גן־עדן איז שוין געווען גוט טונקל. אין די שטיבער, וואו די מלאכים האָבן געוואוינט מיט זייערע משפחות, האָבן שוין געברענט לאָמפּן, בערדיקע מלאכים האָבן אַריינגעקוקט אין פֿאַרגעלטע ספרים. פעטע מלאכטעס מיט דריי־גאָרנדיקע גוידערס האָבן געלאָטעט העמדער, יונגע מלאכטעס האָבן געוויגט די וויגן, איינגעשלעפערט די ערשט־געבוירענע מלאכימלעך מיט אַ לידל:

שלאָף מיין מלאכל, מיין קליינס,
שלאָף מיין מלאכל, מיין שיינס.
רו אויס דאָס יונגע פליגעלע
אין דער מאַמעס וויגעלע,
איי ליו, ליו...

פליענדיק האָב איך אַ קוק געטאָן אַט אין דעם פענסטער און אַט אין יענעם. איך האָב זיי אַלע שטאַרק מקנא געווען, די יונגע און די אַלטע מלאכים. זיי וועלן זיך איבערשלאָפן די נאַכט און אינדערפרי זיך ווידער אויפכאַפּן אין גן־עדן. און איך? וואו וועל איך זיין? אַ גליק, וואָס דער ווינט האָט אָפּגעקילט די טרער אויף מיין באַק, אַז נישט וואָלט זי מיר אויסגעברענט אַ לאָך אין פנים.

פֿאַרן שענק „צום צדיק נח" האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט. דורכן פענסטער האָב איך אַריינגעקוקט און געזען אַ פּאָר פּראָסטע מלאכים, אָט די, וואָס אַרבעטן ביי די צדיקים שווער, אַקערן זייערע פעלדער, שניידן דעם שניט, און אַליין האָבן זיי דערפון אַ מכה. זיי זענען געזעסן ביי די טישלעך, געטרונקען בראָנפן, געגריזשעט מאַכאָרקע און אַלעמאָל אַ שפּיי געטאָן צווישן די ציין אויף דער פּאָדלאָגע.

אין אַ זייט ביי אַ טישל איז געזעסן דער מלאך שמעון־בער. די רויטע באָרד זיינע איז געווען צעשויבערט, די אויגן איבערגעקערט. ווייזט אויס, אַז ער האָט שוין געהאַט היפּש אַריינגעגאָסן. דאָס האַרץ האָט מיר געפּלאָ־טערט פֿאַר שרעק, אַז איך האָב אים דערזען. אָט דאָס איז דער, וואָס דאַרף מיך משלח זיין פונעם גן־עדן, — האָב איך זיך געטראַכט, — און בשום אופן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, איך זאָל אַריינגיין.

אַ היפּשע ווייל בין איך אַזוי געשטאַנען נישט אַנטשלאָסן, ביז איך האָב זיך געמאַכט האַרץ: איינמאָל מוז מען עס איבערקומען, — האָב איך זיך צוגעגעבן מוט און בין אַריינגעקומען.

ווי אַזוי ער האָט מיך נאָר דערזען, האָט ער זיך געוואָלט אויפהויבן און מיך אויפנעמען מיט אַ „ברוך הבא". ער איז אָבער געווען צו־שיכור און די פליגל זענען ביי אים געווען צעקנייטשט, אַזוי אַז ער איז צוריק אַנידערגעפאַלן אויף זיין אָרט.

איך בין צו אים צוגעגאַנגען, האָב אים געהאָלפן אויסגלעטן די פליגל. אויב ער קאָן נישט שטיין אויף די פיס, זאָל ער כאָטש קאָנען פליען. ס'האָט טאַקע נישט קיין סך געדויערט און מיר האָבן זיך ביידע געלאָזט פליען צו דער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ יענע וועלט פון דער וועלט.

אַרויסגעפלויגן זענען מיר דאַנערשטיק צען אַזייגער אין אָוונט און אָנגעקומען זענען מיר צו דער גרענעץ פרייטיק פאַרן ליכט־בענטשן.

לאָז זיך אייך דאַכטן, אַז נישט אַזוי גרינג איז אונז אָנגעקומען דאָס פליען. דער מלאך שמעון־בער איז, ווי געזאָגט, געווען פעסט בגילופין. אַלעמאָל האָט ער פאַרלוירן די ריכטונג. אָט זענען מיר אָפּגעפלויגן אַ דריי שעה און אָט האָבן מיר ווידער דערזען דעם קוימען פון דער קרעטשמע „צום צדיק נח". ס'האָט אים געצויגן, דעם מלאך שמעון־בער, צו דער דאָזיקער קרעטשמע, וואו ער האָט כסדר פאַרבראַכט זיינע טעג און נעכט.

שיער, שיער איז מיט אונז נישט געשען אַ שטיקל קאַטאַסטראָפע. די נאַכט אין גן־עדן איז געווען אַ פינסטערע, אָן אַ סימן פון אַ שטערן. שמעון־בער האָט פאַרגעסן דעם לאָמטערן אין שענק, אַזוי אַז מיר זענען געפלויגן ווי בלינדע, נישט וויסנדיק, וואו מיר זענען ערגעץ אין דער וועלט.

אין דער פינסטער האָט זיך שמעון־בער צונויפגעשטויסן מיט אַ צווייטן מלאך. דאָס איז געווען דער מלאך פון די חלומות, וואָס איז גראָד געפלויגן אַראָפּ צו דער ערד. פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס איז ביים מלאך פון די חלומות קאַליע געוואָרן אַ פליגל. שמעון־בער האָט געשאָלטן און דער מלאך פון די חלומות האָט געוויינט. איצט וועט ער שוין נישט קאָנען ווייטער פליען און די מענטשן וועלן שלאָפן די נאַכט אָן חלומות. מיט איין פליגל האָט ער זיך געלאָזט הינקען צו שלמה־זלמן דעם לאַטוטניק, ער זאָל אים פאַרריכטן דעם באַשעדיקטן פליגל, און מיר, דאָס הייסט שמעון־בער און איך, האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין צו דער גרענעץ.

פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס האָט זיך מיין שמעון־בער אַביסל אויסגעניכטערט. ער האָט אַרויסגענומען די ליולקע, זי אָנגעשטאָפּט מיט מאַכאָרקע,

אַנגעצונדן אַ שוועבעלע און פּיפּקנדיק די ליולקע, איז ער מיט מיר ווייטער געפלויגן.

ביי יעדן צי, וואָס שמעון־בער האָט געטאָן פון זיין פּיפּקע, איז אַביסל ליכטיק געוואָרן און מיר האָבן כאָטש פון צייט צו צייט געוואוסט, וואו מיר זענען אין דער וועלט.

מיר זענען פאַרבייגעפלויגן די גן־עדן־מיל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג פריי פאַר אַלע ווינטן, זיי זאָלן קאָנען דרייען מיט אירע פליגל.

פון דער דאָזיקער מיל דערציילט מען זיך אַ סך מעשיות אין גן־עדן. בייטאָג איז זי אַ מיל, ווי אַלע מילן. זי מאָלט ווייץ און קאָרן, ווי אַלע מילן. און ביינאַכט איז זי אַן אָרט פאַר שדים און ליצנים.

איך ווייס, אַז איר וועט מיך אָנקוקן דערשטוינט: ווי קומען שדים אין גן־עדן? איך אַליין האָב זיך אויך געוואונדערט, ווען מען האָט מיר דער־ציילט וועגן דעם. און דערציילט האָט מיר וועגן דעם מיין חבר פישערל. איך אַליין האָב די שדים קיינמאָל נישט געזען, אָבער יעדער מלאך וועט אייך דערציילן, ווי אַזוי דער מלאך רפאל, דער פעלדשער פונם גן־עדן, איז אַמאָל ביינאַכט געגאַנגען צו אַ חולה. פאַרבייגייענדיק די גן־עדן־מיל האָט ער געהערט מאָדנע קולות. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ לאַנגע צונג, וואָס אַ שד האָט אַרויסגעשטעקט דורכן קוקערל פון דער מיל. דער מלאך רפאל האָט אַ געשריי געטאָן „שמע ישראל" און איז געפאַלן אין חלשות.

מען האָט אים געפונען פאַרטאָג ליגן נעבן דער מיל, און מען האָט אים קוים אָפּגעמונטערט. פון דענסטמאָל אָן האָט ער באַקומען אַ שווערן חסרון. ער זאָהיקעט זיך בשעת ער רעדט, אַז ס'איז אויף אים ממש אַ רחמנות.

מיר, דאָס הייסט איך און דער מלאך שמעון־בער, זענען ווייטער גע־פלויגן. נישט אויסגערעדט קיין וואָרט איינער צום צווייטן. וואָס שמעון־בער האָט געטראַכט, קאָן איך אייך נישט זאָגן. פון וואַנען האָב איך עס גע־זאָלט וויסן? אָבער דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט און געפילט, דאָס, זעט איר, געדענק איך יאָ און נאָך אַ מין געדענקען.

איך האָב געטראַכט פון מיין חבר פישערל, וואָס שלאָפט איצט ביי זיך אין בעטל. ער איז אָפּגעדעקט. מיט די פיס האָט ער פון זיך אַראָפּגעקאָפּעט די קאָלדרע אויף דער ערד. אַפילו שלאָפנדיקערהייט איז ער אַ שטיפער, וואָס מען זעט נישט קיין צווייטן. אַ פינגער האָלט ער אין מיילעכל. ווער ווייסט,

צי חלומט ער נישט פון מיר, זיין חבר, מיט וועלכן ער האָט זיך היינט אויף אייביק געזעגנט.

איך האָב געוואָלט אַ וויין טאָן. די טרערן זענען מיר שוין געשטאַנען אין האַלז. נאָר אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער מלאך שמעון־בער האָט פיינט טרערן, האָב איך זיך איינגעהאַלטן און קוים, קוים געטאָן אַ זיפץ.

פאַרטאָג־צו האָט זיך דער מלאך שמעון־בער אויסגעניכטערט. דער מאָרגן־ווינט איז געווען שאַרף און קאַלט. מיר האָבן בײדע געכאַפּט אַ ציטער. מיר האָט אַפילו געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— אַי, אַ קעלט! — האָט אַלעמאָל אַ ברום געטאָן דער מלאך שמעון־בער און אַ פאָכע געטאָן מיט זיינע גרויסע וואַטאַווע פליגל, כדי זיך צו דערוואַרעמען. ביי יעדן פאָכע מיט די פליגל האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף צוריק אין דער ריכטונג, וואו ס׳געפינט זיך דער שענק „צום צדיק נח״.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט אים צו דערלאַנגען דאָס פלעשל „יין המשומר״, וואָס מיין חבר פישערל האָט מיר מיטגעגעבן.

— ר׳ שמעון־בער, — האָב איך זיך אָנגערופן און זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיין דרייסטקייט, — ר׳ שמעון בער, אַ גוט גלעזל משקה וואָלט צונויף געקומען אַציַנד, זיך דערוואַרעמען, האַ, וואָס זאָגט איר, ר׳ שמעון־בער?

דערהערט דאָס וואָרט „משקה״, האָט דער מלאך אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע גראָבע, וואַטאַווע פליגל און בשעת מעשה איבערגעשראָקן אַ פּאָר בלאָע גן־עדן־שוואַלבן, וואָס האָבן זיך גראָד געקליבן זינגען אַ שבח דעם בורא עולם.

— משקה, אוי, אַ גלעזל משקה, — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ קול, אַז צען גן־עדן־האָזן זענען געפאַלן אין חלשות פאַר שרעק און צוויי לייבעכעס האָבן געמפּילט.

איך האָב אַרויסגענומען דאָס פלעשל „יין המשומר״ פון אונטער מיין רעכטן פליגל און אים געוויזן. פאַר פרייד האָט ער געמאַכט עטלעכע קאָזשעלקעס אין דער לופט. איך האָב אין דער ערשטער רגע געטראַכט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

אין דער ערשטער רגע האָב איך זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, האָבן צו טאָן מיט אַ משוגענעם מלאך איז נישט קיין קלייניקייט. נאָך ביים היינטיקן טאָג כאַפּט מיך אָן אַ שוידער, ווען איך דערמאָן זיך אין דער יונגער מלאכטע

פערל, וואָס איז משוגע געוואָרן צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע. ווי, ווי, וואָס זי האָט פאַראַרבעט. דעם גאַנצן גן־עדן האָט זי שיער נישט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף.

הקיצור, אַזוי ווי שמעון־בער האָט דערזען דאָס פלעשל ביי מיר אין דער האַנט, איז ער צו מיר צוגעפלויגן, עס אַרויסגעכאַפּט פון מיין האַנט, אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרעק מיט די ציין און גענומען זשליאָקען. דער „יין המשומר", דאַרפט איר וויסן, איז אַ זייער שווערער וויין. יעדער טראָפּן וועגט צוריי מיט אַ האַלבן פונט.

— וויסטו וואָס, שמואל־אַבאַ, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן אין דער נידער! מיר וועלן נאָך באַוויזן אָנצוקומען באַצייטנס צו דער גרענעץ. — ער האָט אַרויסגענומען זיין מעשענעם זייגער, אַ קוק־געטאָן אויפן רויטן ציפערבלאַט און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גן־עדן־אַקער.

נאָכדעם, ווי דער מלאך שמעון־בער האָט אויסגעזשליאָקעט דאָס גאַנצע פלעשל, איז ער געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז ער האָט מיר געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און אַ ברום געטאָן:

— ביזט אַ וואוילער יאָט, שמואל־אַבאַ.

מיר זענען ווייטער געפלויגן. פליענדיק, האָבן מיר געדאַווענט שחרית, און פונקט פינף אַזייגער פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

ביים סאַמע ראַנד פון דער גרענעץ האָט שמעון־בער מיר געהייסן, אַז איך זאָל זיך אוועקשטעלן אויף איין פוס און אים אָפּזאָגן די גאַנצע תורה, וואָס איך האָב געלערנט. איך האָב געטאָן, וואָס ער האָט מיך געהייסן. נאָכדעם, ווי איך האָב געענדיקט, האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסע שער און מיר אָפּגעשוירן די פליגל.

— איצט, חברה־מאַן, גיב אַהער די נאָניע, און לאָמיך דיר אַ שנעל טאָן...

בשעת שמעון־בער האָט מיר געשוירן די פליגל, האָב איך זיך געהאַט צוגעקלעפּט די ליימענע נאָז. ער איז געווען אַזוי בגילופין פונם „יין המשומר", אַז ער האָט עס אפילו נישט באַמערקט.

— ר׳ שמעון־בער, — האָב איך זיך ביי אים געבעטן, — אַ קליינעם שנעל, ר׳ שמעון־בער! — און איך האָב טאַקע ביי אים געפונען חן אין די אויגן. ער האָט מיר געגעבן אַ לייכטן שנעל אין דער נאָז, קוים, קוים, וואָס כ׳האָב אים געפילט.

— און איצט, פּאַשאָל וואָן!

צום לעצטן מאָל האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף צוריק. געזען די גאַנצע גן־עדן־פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך געטונקט אין גינגאָלד. איך האָב אַ קוק געטון צום לעצטן מאָל אויף מײַנע פֿליגל, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד.

— זײַט געזונט, ר׳ שמעון־בער! — האָב איך אַ זאָג געטאָן צום מלאך מיט די וואַטאָווע פֿליגל און בין אַראָפּ אויף דער ערד.

II

מיין געבוירן ווערן

מיין מאַמע איז געגאַנגען שווער צו קינד. זי האָט געוויינט, געשריגן און געשאָלטן מיין טאַטן מיט טויטע קללות: „מערדער", „גזלן", „רוצח". מיין טאַטע האָט זיך אַ בלייכער אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, זיך געצופּט דאָס קליינע, שוואַרצע בערדל און נישט געוואוסט, פאַרוואָס די מאַמע איז אים מהנה מיט אַזעלכע „שיינע" צונעמענישן.

ער האָט אַלעמאָל געוואָרפן אַ בעטנדיקן בליק אויף דער הייבאַם סאָסיע־דבורה, אַ אידענע מיט געשוואָלענע הענט און מיט אַ מאַנסבילישן קול. די הייבאַם האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, וואָס זיינע בליקן באַטייטן, און האָט אַלעמאָל אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז:

— וואָס קאָן איך העלפן? איר זעט דאָך, אַז דער פּעמפּיק האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל נישט געבוירן ווערן.

די הייבאַם סאָסיע־דבורה האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. זי האָט שוין אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען, געפּראוווט מיט גוטן און מיט בייזן מיך צורעדן, אַז איך זאָל געבוירן ווערן, אָבער ס'האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב זי געהערט, ווי דעם קאָטער.

מיט פאַראַכטונג האָב איך אָפּגעוואָרפן אַלע אירע פאַרשלאָגן. כ'האָב זיך אויסגעלאַכט פון אַלע אירע צוזאָגעכצן. פון דעם „גאָלדענעם זייגער" און דעם „פוטבאָל", וואָס זי וועט מיר קויפן, אין דער רגע, ווען איך וועל דערזען די ליכטיקע שיין.

איך האָב געוואוסט, אַז זי איז אַ גרויסע ליגנערקע. אין גן־עדן האָט מען זיך אָנדערציילט וועגן איר געניג מעשיות. מיין חבר פישערל האָט מיך אַפילו געוואָרנט פאַר איר, איך זאָל איר נישט געטרויען „אויף אַזוי פיל אַ" — און בשעת־מעשה געוויזן אויף דעם נאָגל פון זיין קלענסטן פינגערל.

איך האָב גוט געדענקט די וואָרענונג פון מיין חבר און זיך געהאַלטן שטייף, נישט נאָכגעגעבן אויף קיין האָר, עלעהיי אַ הונט בילט — האָב איך געטראַכט און הנאה געהאַט פון איר כעס, פון איר וואַרפן מיט די הענט און פון אירע צעשויבערטע האָר.

סוף־כל־סוף האָב איך געפועלט, אַז זי איז אַוועק אַ ברוגזע, זי האָט אויף זיך געכאַפּט דעם שאַל, אַ טראַכע געטאָן מיט דער טיר, כ׳האָב זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער.

מיין טאַטע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אַן איבערגעשראָקענער אויף טויט. וואָס וועט דאָ זיין? — האָט ער געמורמלט און געבראָכן די הענט.

ס׳איז מיר געווען אַ גאַנץ רחמנות אויפן טאַטן, נאָר כ׳האָב אים גאָר־נישט געקאָנט העלפן. איך האָב געוואוסט, אַז קוים גיב איך נאָך דעם רחמנות־געפיל, בין איך אַ פאַרפאַלענער.

עס איז, ווי געזאָגט, געווען פרייטיק פאַרנאַכט. אידן זענען שוין געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען און מיין טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַר־לוירענער אין ווינקל פונם צימער.

סוף־כל־סוף האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט. ער האָט, משמעות איינגעזען, אַז ער וועט זיך אויף מיר נישט דערוואַרטן. ער האָט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף מיין מאַמען און איז אַוועק אין שול אַריין דאַווענען.

מיין מאַמע איז געבליבן אַליין אין שטוב. זי האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט צו שרייען, און שעלטן האָט זי נישט געהאַט וועמען. זי איז געלעגן אויפן בעט מיט פאַרוויינטע אויגן.

איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט. פאַרט אַ מאַמע — האָב איך ביי זיך געטראַכט — און פונדעסטוועגן נאָך אַלץ מורא געהאַט צו דערזען די ליכטיקע שיין פון דער וועלט. מיין פּחד פאַרן געבוירן ווערן איז געווען שטאַרקער, ווי דאָס רחמנות־געפיל צו דער מאַמען.

אין אַלע אידישע שטיבער האָבן שוין די ווייבער געבענטשט ליכט. נאָר אויף אונזער טיש זענען געשטאַנען די מעשענע שבת־לייכטער פאַרשעמטע.

מיין מאַמע האָט געקוקט אויף די מעשענע לייכטער. אינדרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען און זי איז נאָך אַלץ געלעגן. גלייך גאָרנישט, גלייך ס׳וואָלט נישט געווען ערב שבת.

מיטאַמאָל האָט זי זיך געגעבן אַ הויב אויף. ניין, זי וועט נישט פאַר־שעמען אירע שבת־ליכט. זי איז אַראָפּגעקראָכן פונם בעט און איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש, וואו די לייכטער זענען געשטאַנען.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אַלצדינג, וואָס זי טוט, צו יעדער באַוועגונג אירער, און איך מוז זיך מודה זיין, אַז איר פרומקייט איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן.

זי האָט אָנגעצונדן די ליכט, געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיט די הענט ארום די ברענענדיקע פלעמלעך און דערנאָך זיך פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים. אירע ליפּן האָבן שטיל עפּעס געשעפּטשעט. וואָס האָב איך נישט גוט געהערט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען, ווי מיין מאַמע בענטשט ליכט. איך בין געווען אַזוי גערירט און דערשיטערט, אַז איך האָב באַשלאָסן ביי זיך: וואָס עס זאָל נישט זיין, איך מוז געבוירן ווערן! איך האָב ביי זיך איבער־לייגט ווי אַזוי און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויף די שפּיצפינגער וועל איך אַריינטרעטן אין דער נייער וועלט, אַזוי שטיל, אַז מיין מאַמע זאָל אַפילו נישט הערן. פאַר די גרויסע יסורים, וואָס זי האָט צוליב מיר געליטן, האָב איך איר געוואָלט מאַכן אַן איבערראַשונג.

מיין מאַמע איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און געשעפּטשעט, געשעפּטשעט פרום מיט די ליפּן. איך האָב זיך שטילער־הייט אַרויסגעגנבעט און זי האָט טאַקע גאָרנישט נישט באַמערקט.

איך בין געשטאַנען הינטער אירע פּלייצעס און געוואַרט, זי זאָל אויפהערן צו שעפּטשען, זי זאָל אַראָפּנעמען די הענט פונם פּנים. ערשט דעמאָלט וועל איך זיך איר געבן צו דערקענען.

איך האָב געוואַרט און געוואַרט. יעדע רגע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַ יאָר. נאָר מיין מאַמע האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַראַ ליבער גאַסט ס'שטייט הינטער אירע פּלייצעס.

סוף כל־סוף האָב איך זיך אָבער דערוואַרט. די מאַמע האָט אַראָפּגענומען די הענט פון איר שיינעם, פאַרוויינטן פּנים. דאָס האַרץ האָט אין מיר אָנגע־הויבן צו שפּרינגען ווי אַ פייגעלע. איך האָב זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן אויף אַ קול:

— גוט שבת, מאַמע!

מיין מאַמע האָט נישט געגלויבט אירע אייגענע אויגן. עטלעכע רגעס איז זי געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. איך האָב געזען ווי ס'האָט איר פאַר־פעלט אָטעם. איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף מיין שפּיצל.

מיטאַמאָל האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן. איר פּנים האָט זיך צע־שטראַלט. זי האָט צו מיר אויסגעשטרעקט אירע הענט און מיך געוואָלט אַרומכאַפּן, מיך האַלזן און קושן, ווי ס'איז דער שטייגער פון אַלע מאַמעס.

איך האָב אָבער נישט געלאָזט. איך בין שנעל אַריין אין אַלקער, וואו

ס׳איז געשטאַנען אַ שיסל מיט וואַסער. איך האָב זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעווישט מיטן האַנטוך, און ערשט דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו דער מאַמע און איר געזאָגט:

— איצט קאָנסטו מיך האַלזן און קושן וויפל דיין האַרץ גלוסט.

זי האָט מיך גענומען אויף די הענט, מיך געגלעט און געקושט. דעם שטערן, די האָר, יעדעס ביינדעלע האָט זי מיר אויסגעקושט. און דערביי מיך אָנגערופן מיט פאַרשידענע נעמען: „אוצרל״, „גאָלד״, „מיין קרוין״, „מיין מלאכל״.

צום בעסטן איז מיר געפעלן, ווען זי האָט מיך גערופן „מיין מלאכל״. פישערלס מאַמע רופט מיין חבר אויך אַזוי און אַלע גן־עדן־מאַמעס רופן זייערע קינדער אויך אַזוי.

מיין מאַמע האָט מיך געוואָלט אַריינלייגן אין וויגל, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר בעט. זי האָט, מסתמא, געמיינט, אַז איך בין מיד פון דער וויטער נסיעה. איך האָב איר געדאַנקט פאַר איר געטריישאַפט, וואָס איז מיר ביז גאָר געפעלן געוואָרן.

— אַ שיינעם דאַנק דיר, מאַמע, — האָב איך צו איר געזאָגט, — איך וויל נאָך נישט שלאָפן. איך וויל וואַרטן ביז דער טאַטע וועט אַהיימקומען פון דער שול. איך וויל הערן, ווי ער מאַכט קידוש.

פון מיינע רייד איז מיין מאַמע גאָר, גאָר נתפעל געוואָרן. זי האָט מיך נאָך אַמאָל אַרומגעכאַפּט קושן:

— מיין ליכטיקער קדיש, הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו מיר לעבן!

דאָס וואָרט „קדיש״, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט, האָט מיך טרויעריק געמאַכט. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט מיך דערמאָנט, אַז ערדישע מאַמעס שטאַרבן און ס׳איז מיר שוין געווען אַ שאָד, וואָס מיין מאַמע וועט אַמאָל מוזן שטאַרבן. איך האָב זי פון דער ערשטער רגע אָן שטאַרק ליב באַקומען, און איך בין מקנא געווען פישערלען דערפאַר, וואָס זיין מאַמע וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן.

מיין מאַמע האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך בין מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן. זי האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, געשמאַצקעט מיט די ליפּן און מיך געפּרוווט צוריק פריילעך מאַכן.

איך האָב געקוקט אויף מיין מאַמעס שיין, ליכטיק פּנים, אַריינגעקוקט אין אירע בלאָע אויגן, נאָר דאָס נאָגנדיקע געפיל האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

מיין מאַמע איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט בײדע הענט:

— אוי, אַ וויטיק איז דער מאַמען! כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן.

זי איז צוגעלאָפן צום קאַמאָד, אויפגעעפנט אַ שופלאָד, זיך אַזוי געפּאָרעט דאָרט, ביז זי האָט אַרויסגענומען צווײ רויטע סטענגעס, וואָס זי האָט אָנגעגרייט.

איין רויט בענדל האָט זי אַרומגעבונדן אַרום מיין רעכטער האַנט און איינס אַרום דער לינקער. ס׳איז אַ סגולה קעגן „אַ גוט אויג״.

מיט די רויטע סטענגעס האָב איך זיך זייער דערפרייט. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו שפּילן מיט זיי, געוואָלט זיי אַראָפּרייסן פון די הענט און בשום אופן נישט געקאָנט.

מיין מאַמע האָט זיך צוגעקוקט, ווי איך שפּיל זיך. זי האָט זייער הנאה געהאַט פון אַלע מיינע העוויות און געלאַכט דערביי פונם גאַנצן האַרצן.

דאָס שפּילן מיט די רויטע סטענגעס איז מיר נמאס געוואָרן. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די שבת־ליכט, וואָס האָבן געברענט אויפן טיש. איך האָב געזען, ווי צווײ פליגעלעך דרייען זיך אַרום די פלעמלעך. אָט, אָט און זיי וועלן פאַרברענט ווערן.

איך האָב רחמנות געהאַט אויף די צווײ פליגעלעך און כ׳האָב זיך געבעטן ביי דער מאַמען:

— מאַמע, זאָג זיי, זיי זאָלן נישט צוגיין צו־נאָענט צו די פלעמלעך, ווייל ס׳קאָן, חלילה, געשען אַן אומגליק.

ווי מיין מאַמע האָט דערהערט פון מיר די דאָזיקע ווערטער, האָט זי מיך נאָכאַמאָל אַרומגעכאַפּט קושן:

— ס׳אַראַ גאָלדן קינד דו ביסט, זאָלסט מיר נאָר זיין געזונט און שטאַרק, מיין גוטע נשמה.

ס׳האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן אויף מיין מאַמען. אַנשטאָט צו וואָרענען די צווײ פליגעלעך, האָט זי מיך גאָר גענומען קושן. די צווײ פליגעלעך זענען דערווייל אומגעקומען אין די פלעמלעך פון מיין מאַמעס שבת־ליכט.

מיין מאַמע האָט באַמערקט דעם וואָלקן אויף מיין שטערן, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין ברוגז אויף איר, און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן:

— זיי נישט ברוגז אויף מיר, אוצרל, זיי נישט ברוגז אויף דער מאַמען.

איך האָב איר שטרענג געזאָגט, אַז איך בין דווקא יאָ ברוגז אויף איר און דאָס שטאַרק, שטאַרק ברוגז דערפֿאַר, וואָס דורך איר לייכטזיניקייט זענען אומגעקומען צוויי באַשעפֿענישן.

— דו האָסט זיי געדאַרפֿט וואָרענען, מאַמע. דיין פֿליכט איז געווען זיי צו וואָרענען. פֿאַרוואָס האָסטו זיי נישט געוואָרנט?

מיין מאַמע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן, אַזוי פֿאַרוואונדערט איז זי געווען איבער דעם מוסר, וואָס איך האָב איר געזאָגט.

— וואָס רעדסטו, קינד מיינס? ווען איך וואָלט צו זיי גערעדט אַפֿילו, וואָלטן זיי מיך דען פֿאַרשטאַנען? נישט איך פֿאַרשטיי זייער לשון און נישט זיי פֿאַרשטייען מיין לשון.

דאָס, וואָס מיין מאַמע האָט געזאָגט, איז פֿאַר מיר געווען אַ נייעס. אויף דער ערד פֿאַרשטייט נישט איינער דעם צווייטנס לשון. איך האָב מיט־אַמאָל דערפֿילט די אומגליקן, וואָס קאָנען אַרויסקומען פֿון אַזאַ פּלאָנטער. איך האָב דערפֿילט די גרענעצן פֿון די ערדישע ברואים און איך האָב זיי שטאַרק באַדויערט.

מיין מאַמע האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. איך האָב גע־וואוסט, אַז זי איז נישט שולדיק. זי האָט זיך נישט געקאָנט צונויפֿרעדן מיט די פֿליגעלעך. דער אמתער שולדיקער בין איך. איך האָב געקאָנט צו זיי רעדן מיט זייער לשון, נאָר כ׳האָב עס נישט געטאָן. איך האָב געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל האָבן די מצווה. איך האָב געוואָלט אָפּהיטן דעם „כיבוד־אם״ און צום סוף גענומען אויף זיך אַ גרויסע עבירה.

איך האָב געטרייסט די מאַמען, זי באַרואיקט, זי געבעטן זי זאָל מיר מוחל זיין מיין כעס.

— דו פֿאַרשטייסט, מאַמע, — האָב איך צו איר געזאָגט, — איך בין אַביסל אָנגעשטרענגט און נערוועז פֿון דער ווייטער נסיעה.

מיין מאַמע האָט מיר תיכף מוחל געווען. ווי אַלע מאַמעס פֿון דער ערד, האָט מען זי נישט באַדאַרפֿט אַ סך צו בעטן. זי האָט מיר געגלעט דאָס קעפּל מיט איר ווייכער האַנט און מיך נאָכאַמאָל געפֿרעגט:

— אפֿשר ווילסטו זיך אויסרוען, טאַטעלע? קום, לייג דיך אין וויגעלע און די מאַמע וועט דיר זינגען אַ שלאָפֿליד.

איך האָב געזען, ווי דאָס שלאָפֿליד ציטערט איר שוין אויף די ליפּן.

און כאָטש מיר איז געווען טשעקאַווע עס צו הערן, האָב איך פונדעסטוועגן זיך געבעטן ביי דער מאַמען:

— לאָז מיך, מאַמע, איך בעט דיך. איך וויל וואַרטן, ביז דער טאַטע וועט אַהיימקומען פון דער שול. איך וויל הערן, ווי ער מאַכט קידוש. איך וועל דעם ערשטן פרייטיק־צונאַכטס זיצן מיט מיין טאַטע־מאַמע ביים טיש. און נאָכן עסן וועל איך העלפן דעם טאַטן זינגען זמירות.

זי האָט מיר מער גאָרנישט געזאָגט, די מאַמע מיינע. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויסגענומען פון דער שפייז־שאַנק אַ פלעשל בראָנפן מיט צוויי גלעזלעך, איינס פאַרן טאַטן און איינס פאַר מיר. אַלצדינג אַוועקגעשטעלט אויפן טיש נעבן דער איבערגעדעקטער חלה, דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט נעבן פענסטער וואַרטן אויפן טאַטן.

אין פענסטער האָט געציטערט אַ שטערן, אַ פרומער, אַ פרייטיק־צו־נאַכטיקער שטערן. ער איז מיר פאָרגעקומען עפּעס קענטלעך און איך האָב אים שטילערהייט, אַז מיין מאַמע זאָל נישט הערן, געבעטן, ער זאָל מיר גריסן מיין חבר פישערל.

מיין מאַמע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. איך בין געזעסן אויף אַ שטול און זי באַטראַכט, זיך נישט געקאָנט גענוג אָפּחידושן פון איר שיינער פיגור.

מיטאָמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר, צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און געזאָגט:

—ששש... דער טאַטעשי גייט.

איך בין צו איר צוגעלאָפן און זי געבעטן, זי זאָל אים נישט דערציילן, אַז איך בין דאָ. איך וועל זיך באַהאַלטן הינטער דער שאַפע, און וועל אַרויסקומען אומגעריכטערהייט.

די מאַמע איז באַשטאַנען דערויף. אַלצדינג, וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך ביי איר געפועלט אין יענעם ערשטן פרייטיק־צונאַכטס.

קוים האָב איך נאָר דערהערט די טריט פון מיין טאַטן, בין איך פלינק אַרונטער אונטער דער שאַפע. דער טאַטע האָט געעפנט די טיר מיט אַ ברייטן „גוט שבת״.

פון הינטער דער שאַפע אַפילו האָב איך באַטראַכט מיין טאַטן. אַ מיטל־וואוקסיקער איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, שוואַרצע אויגן, קנייטשן אויפן

שטערן — אַ פּנים פול דאגות. וואָס ס'איז מיר נישט געפעלן ביי אים, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט גערעדט אונטער דער נאָז.

מיין טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב אַהין און צוריק, געזאָגט „שלום עליכם", באַגריסט די מלאכים, הייסט עס, וואָס געפינען זיך ביי אים אין שטוב. איך האָב זיך גוט אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן פונם צימער און נישט געזען קיין איין מלאך אַפילו. מיין מאַמע איז געשטאַנען מיט אַ פרום פּנים, זיך צוגעהערט צו מיין טאַטנס פאַנפעוואַטן „שלום־עליכם". איך בין אָבער אויף אים געווען אין כעס. איך האָב געטראַכט, אַז ער מוז זיין אַ ליגנער, אָדער אַ שוטה. אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין אַרומגיין איבער דער שטוב און רעדן צו די מלאכים, ווען מען האָט נישט געזען קיין מלאך אויף אַ רפואה.

מיין טאַטע האָט זיך אַריינגעגאָסן אַ קעלישעק ווייַן און גענומען מאַכן קידוש. איך בין שטילערהייט אַפּירגעקראָכן פון הינטער דער שאַפע. איך בין אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום טיש און אין דער רגע, ווען דער טאַטע האָט געוואָלט צופירן דאָס גלעזל צו די ליפּן, האָב איך גענומען מיין גלעזל אין דער האַנט אַריין און גענומען מאַכן אויף אַ קול קידוש.

ביים טאַטן איז אַרויסגעפאַלן דאָס גלעזל פון דער האַנט. ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, געקוקט אָט אויף דער מאַמען און אָט אויף מיר און, ווייזט אויס, גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען.

— גאָט ליב דיר דיין גאָסט! — האָט זיך אָנגערופן די מאַמע צום טאַטן, ווייזנדיק מיטן פינגער אויף מיר. — וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן, פּיוול? עס איז דאָך אונזער בן־יחיד, אונזער קדיש.

מיין טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי פאַרשטמעליעט. קוים, קוים איז ער געקומען צו זיך. ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט זיין האַריקע האַנט און מיר אָפּגעגעבן אַ „שלום־עליכם".

— עליכם־שלום דיר, טאַטע! — האָב איך אים אָפּגעענטפערט און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

די מאַמע האָט דערלאַנגט דאָס עסן. זי האָט אַלעמאָל אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן מיטן זון און אָנגעקוואָלן פון זיי ביידן, נחת געהאַט און זיך געוואונטשן שטילערהייט אין האַרצן, אַז ס'זאָל איר נישט פאַרשטערט ווערן.

די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן געגעסן, האָבן מיר געשוויגן. איך און דער טאַטע האָבן נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. מיר האָבן זיך נאָר אָנגע־

קוקט פון צייט צו צייט, זיך באַטראַכט איינער דעם צווייטן און ווייטער געגעסן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין טאַטע חידושט זיך, ווי אַזוי איך גיי אום מיט לעפל און גאָפל, ווי אַ גרויסער. ער האָט נישט געוואוסט, מיין טאַטע, אַז די גאַנצע תורה געדענק איך נאָך פונם גן־עדן. און טאַקע, פון וואַנען האָט ער עס געזאָלט וויסן, אַז מיר האָבן נאָך צווישן זיך נישט אַרויסגערעדט קיין צוויי ווערטער אַפילו?

איך האָב באַמערקט, אַז מיין מאַמע האָט כמעט גאָרנישט געגעסן. זי האָט קוים אַ זופּ געטון אַ לעפל יויך, געגעסן אַ ברעקל פלייש מיט אַ קרישקע חלה. פאַר איר איז געווען גענוג דאָס, וואָס איך עס־ קיין עין־הרע, מיט אַפּעטיט. שטיי נישט אָפּ פון מיין טאַטן אויף אַ האָר. זי האָט אויף מיר געקוקט און נישט געקאָנט פון מיר אַראָפּנעמען אירע אויגן.

מיין טאַטע האָט גענומען זינגען זמירות. מיר זענען זיינע זמירות גאָר־ נישט געפעלן געוואָרן. איך האָב זיך דערמאָנט די פרייטיק־צונאַכטסן אין גן־עדן, די זמירות, וואָס מען זינגט דאָרט, און ס'האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצן.

מיין טאַטע האָט, ווייזט אויס, נישט געוואוסט, וואָס איך טראַכט. ער האָט ווייטער געזונגען אונטער דער נאָז, געמיינט ווער ווייסט פאַר פאַראַ חידושים ער באַווייזט. איך האָב געפילט, ווי ס'שלאָגט מיר צו דער גאַל. אָט, אָט און איך פאַל אַוועק אין חלשות.

איך האָב זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן און זיך אָפּגערופן צום טאַטן בזה הלשון:

— ווייסט וואָס, טאַטע, רו זיך אַביסל אָפּ און לאָמיך אַליין אַביסל זינגען.

מיין טאַטע איז רויט געוואָרן. אָן אָדער איז אים אָנגעשוואָלן אויפן שטערן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און מ'יך געוואָלט מכבד זיין, ווי אַ טאַטע קאָן.

מיין מאַמע איז גראָד געווען אין קיך. און ווער ווייסט, צי וואָלט מיר מיין טאַטע נישט פאַרפאַרן אין די ציין אַריין אַזוי, אַז איך וואָלט דערזען, ווי מען זאָגט, „קראָקע מיט לעמבעריק״.

מיין גליק איז געווען, וואָס איך האָב תיכף אָנגעהויבן צו זינגען. די

האַנט פון טאַטן איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. און אַזוי איז זי שוין געבליבן הענגען ביז איך האָב געענדיקט דאָס זינגען.

בשעת איך האָב געזונגען זענען אַלע פייגל פון דער שטאָט זיך צוזאַמענ־געפלויגן און זיך אַוועקגעשטעלט אויף אונזער פענסטער, אויף אונזער דאַך און וואו עס איז נאָר געווען אַ פריי אָרט.

די מאַמע איז געשטאַנען אויף דער שוועל, אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ טאָפּ און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי זיך געווישט די אויגן.

די פלעמלעך פון די שבת־ליכט האָבן געטאַנצט, זיך אַלע מאָל פאַר־נייגט אין מיין זייט. מיך באַגריסט ווי עפּעס אַ שררה, אַ חשוב פון די גאָר הויכע פענסטער.

די קאַץ, וואָס האָט געוואָלט באַוואַשן אירע קעצעלעך, איז געבליבן ליגן מיט דער צונג אין דרויסן.

ביים שכן ר׳ שמואל זיינוול, וואָס האָט גראָד געגעסן לאָקשן מיט יויך, איז געבליבן הענגען אַ לאָקש אין דער באָרד און מיטן עס־לעפל אין דער האַנט האָט ער זיך צוגעהערט צו מיינע זמירות.

פאַר אונזער טיר און פאַר אונזער פענסטער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אידן, אידענעס און קינדער. זיי זענען געשטאַנען און געשפּיצט די אויערן, מורא געהאַט, זיי זאָלן עפּעס נישט פאַרהערן.

די אידן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בערד, די אידענעס ביים האַרצן, און די קינדער האָבן געהאַלטן די פינגער אין די מיילער.

דער טויבער שכנא האָט געזאָגט צום טויבן בערל הויך, אויף אַ קול, אַז יעדער זאָל עס הערן, ער אַליין אויך:

— ס׳איז טעם גן־עדן.

דער טויבער בערל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. אַ סימן, אַז ער איז מסכים. אַזוינס האָט ער נישט געהערט פון זינט ער לעבט. און ער, דער טויבער בערל, איז נישט קיין אַבי ווער, ער האָט זיך שוין עפּעס אָנגעהערט אין זיין לעבן.

דער פּראַוואָסלאַוונער גלח האָט זיך שפּעטער געשוואוירן, אַז ביי אים אין סאָד האָבן זיך אין יענעם פריטיק־צונאַכטס צעבליט די עפּל, צייטיק געוואָרן כהרף־עין און טאַקע תיכף אַראָפּגעפאַלן.

ווי לאַנג איך האָב געזונגען, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז אין דער רגע, וואָס איך האָב אויפגעהערט, איז ביי מיין טאַטן אַראָפּגעפאַלן די

האַנט. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן, אַז ער האָט זי אויפגעהויבן, כדי מיר צו געבן אַ פּאַטש.

אָרום מיין מאַמען האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער טייך מיט טרערן. נאָך אַ האַלבע שעה, ווען איך וואָלט געזונגען, וואָלט זי מיט אירע טרערן געווען פאַרטרונקען די שטוב.

קוים האָב איך געענדיקט מיינע זמירות, זענען זיך די פייגל צעפלויגן. יעדער פויגל צו זיין נעסט. די קאַץ האָט פאַרענדיקט וואַשן אירע קעצעלעך און אונזער שכן האָט פאַרענדיקט דאָס עסן די לאָקשן מיט יויך.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט צו אונז אַ גאַנצע מחנה אידן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען אַזוי־פיל קאַפּאָטעס און בערד.

— ווער האָט דאָס ביי אייך אַזוי שיין געזונגען, ר׳ פּיוזל? — האָבן זיי געפרעגט ביי מיין טאַטן, און מיין טאַטע האָט, ווייזנדיק מיטן פינגער אויף מיר, געענטפערט:

— ער, מיין זון, הייסט דאָס, מיין זון, וואָס איז היינט פאַרנאַכט געבוירן געוואָרן.

— קומט דאָך אייך אַ מזל־טוב, ר׳ פּיוזל, — האָבן די אידן געזאָגט און געוואונטשן דעם טאַטן מיט דער מאַמען „מזל־טוב״.

יעדער פון די אידן האָט מיר אָפּגעגעבן שלום־עליכם, מיר צוגעוואונטשן, איך זאָל אויפוואַקסן אַ פרומער איד. פון די אַלע „שלום־עליכמס״ האָט מיר שוין ווי געטאָן די האַנט. נאָר די טיר האָט זיך נאָך אַלץ נישט פאַרמאַכט. קוים זענען די אַרויס, זענען געקומען אַנדערע אידן און מיט זייערע „מזל־טובס״ האָבן זיי מיר פאַרגלישעט די אויערן און מיט זייערע „שלום־עליכמס״ מיר שיער נישט אויסגעלענקט די האַנט.

אַ שטיקל גליק, וואָס די מאַמע האָט זיך אַריינגעמישט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן מיין צער און זיך אויסגעשריגן אויף די אורחים:

— אפשר וואָלט איר צורו געלאָזט ס׳קינד, איר עט מוחל זיין און קומען אַ צווייט מאָל. אויפן ברית מירצעשעם.

ס׳האָט געדויערט אַ היפּשע ווילע ביז די אידן האָבן זיך אָפּגעטראָגן. אַז איך בין געבליבן אַליין מיט מיינע עלטערן, האָב איך צו זיי געזאָגט:

— איר וועט זיין אַזוי גוט און מאָרגן נאָך הבדלה פאַרבעטן צו אונז דעם רב, דעם דיין און דעם גביר פונם שטעטל. איך וויל פאַר אייך און

פאַר זיי דערציילן וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען, געהערט און איבערגעלעבט אין גן־עדן.

מיין טאַטע איז ווידעראַמאָל געבליבן שטיין אָן לשון, קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס הייסט, דו וועסט דערציילן וועגן גן־עדן? דו געדענקסט דען, וואָס ס'האָט מיט דיר פּאַסירט? דער מלאך האָט דאָך דיר געגעבן אַ שנעל אין דער נאָז, אַז דו זאָלסט פאַרגעסן?

איך האָב פאַרזיכערט מיין טאַטן, אַז איך געדענק אַלצדינג מיטן אַקוראַט, אַז איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן און כדי צו איבערצייגן אים, אַז איך זאָג דעם אמת, האָב איך אים דערציילט די מעשה וועגן דעם מלאך שמעון־בער, וואָס האָט מיך באַגלייט פונם גן־עדן ביז צו דער גרענעץ פון דער וועלט.

מיין טאַטע איז געווען אויסער זיך. ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. מיך נאָכאַמאָל אויסגעפרעגט און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט וועגן יעדער קלייניקייט. איך האָב אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערציילט און מיר וואָלטן זיכער אַזוי געזעסן די גאַנצע נאַכט, ווען די מאַמע וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט:

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויפן קינד, פּיוול? דו זעסט דאָך, אַז ער איז מיד. מאָרגן איז אויך אַ טאָג, וועסט נאָך האָבן צייט מיט אים צו רעדן זויפל דו וועסט נאָר אַליין וועלן. קום, קעצעלע, קום שלאָפן.

די מאַמע האָט מיך גענומען אויף די הענט, מיך אַריינגעלייגט אין וויגל, מיך איינגעדעקט. און וויגנדיק דאָס וויגל, האָט זי מיר געזונגען דאָס ערשטע מאָל איר שלאָף־ליד.

אַ שטיקל צייט בין איך געלעגן מיט אָפענע אויגן, נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. נאָר דאָס וויגן פון דער וויג און דער, מאַמעס לידל האָבן מיך סוף־כל־סוף איינגעשלעפערט.

III

מיין ערשטער שבת אויף דער ערד

שבת אין דער פרי איז מיין טאַטע אויפגעשטאַנען. איך בין געלעגן אין וויג און זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך נאָך אַ סך פריער פון אים. מיט פאַרוואונדעטע אויגן האָב איך באַטראַכט די גאָלדענע זון־שפּינען, וואָס זענען געקראָכן פון צוויי פאַרשידענע זייטן. איינע פון דער דרום־וואַנט און די צווייטע פון דער מזרח־וואַנט. זיי זענען געקראָכן פּאַמעלעך, זיך דערנענטערט איינע צו דער צווייטער. איבער מיין טאַטנס בעט האָבן זיי זיך געגעבן שלום, און — באַמס! זיי זענען ביידע אַראָפּגעפאַלן אין מיין טאַטנס באָרד אַריין.

מיין טאַטע האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ טרייסל־געטאָן מיט דער באָרד און ביידע זון־שפּינען זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם דאָזיקן שפּיל.

מיין טאַטע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך גענומען אָנטאָן. איינס און צוויי איז ער געווען אָן אָנגעטוענער. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך גענומען אַרומדרייען איבער דער שטוב אַהין און צוריק. אויב איך האָב זיך נישט פאַרציילט, אַ צוויי הונדערט מאָל.

דאָס אַרומדרייען זיך איבער דער שטוב איז אים סוף־כל־סוף נמאס געוואָרן. איך האָב דערזען, ווי ער דערנענטערט זיך צו מיין וויגל. איך האָב שנעל פאַרמאַכט די אויגן.

מיין טאַטע איז געשטאַנען איבער מיר און מיך באַטראַכט. געקלערט מסתמא, אין וועמען איך בין געראָטן, אין אים צי אין דער מאַמען. דערנאָך האָב איך געפילט, ווי ער טאָרעט מיך:

— שטיי־אויף, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — שוין גענוג צו פּאָפן. עס איז צייט צו גיין אין שול אַריין.

איך האָב פעסטער צוגעמאַכט די אויגן. געמאַכט זיך, אַז איך שלאָף. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך געפילט זייער גוט אין דער מאַמעס וויגל און ס׳האָט זיך מיר נישט געגלוסט צו גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין.

מיין טאַטע האָט זיך אָבער איינגעעקשנט. ער האָט מיך געטאָרעט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און זיך כמעט צעשריגן:

— וויפל איז דער שיעור דיך צו וועקן, דו אזוינער און אזוינער?!

פון זיין געשריי האָט זיך אויפגעכאַפּט די מאַמע. זי האָט אַ פינקל־געטון אויף אים מיט אירע שיינע אויגן און אים דערלאַנגט די אמתע גאַב:

— וואָס ווילסטו פונם קינד, פּיוול? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מען זאָל שלעפּן אַ זויג־קינד, וואָס איז ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן, אין שול אַריין? הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר? זאָלסט מיר תיכף צו־רו לאָזן דאָס קינד, שלימזל.

דערהערט דאָס וואָרט „שלימזל", איז מיין טאַטע עפּעס ווי קלענער געוואָרן. אַנטקעגן מיין מאַמעס מענה־לשון האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט ביישטיין. ער האָט נאַרעשעוואַטע געשמייכלט און זיך פאַרענטפערט:

— נישט איז נישט. אַז דו זאָגסט נישט, זאָל זיין נישט, זעלדע.

איך בין פון אים געוואויר געוואָרן אין דער דאָזיקער רגע, אַז מיין מאַמע הייסט זעלדע. דער נאָמען איז מיר שטאַרק געפעלן.

מיין טאַטע האָט געמיינט, אַז ער איז שוין מיט איר פאַרטיק, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסן טעות. מיין מאַמע האָט אים נאָכגעקרימט:

— נישט איז נישט? קוק אים נאָר אָן, דעם שלימזל! נישט איז נישט? אליין האָט עס קיין שכל נישט צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר נישט שלעפּן אַ זויג־קינד אין שול אַריין. אַזאַ שלימזל, אַזאַ גזלן דאַרף מען זוכן אין דער וועלט, כדי צו געפינען צו אים אַ פּאָר.

מיין טאַטע איז געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אויף אַזאַ פּאַרציע האָט ער זיך נישט געריכט און דאָס נאָך שבת אין דער פרי, אויפן ניכטערנעם מאָגן. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן דעם טלית און איז אַוועק אין שול אַריין. אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער.

מיין מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם בעט. געכאַפּט אויף זיך דאָס קליידל. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער וויג און מיר געגלעט דאָס קעפּל.

— שלאָף, טאַטעלע, שלאָף, קעצעלע, מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך

איך האָב אָנגעכאַפּט דער מאַמעס האַנט. זי גענומען קושן. איך האָב איר געדאַנקט פאַר דעם, וואָס זי האָט מיך געראַטעוועט.

— אַ שיינעם דאַנק דיר, מאַמע, — האָב איך צו איר געזאָגט, — הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו מיר לעבן פאַר דעם, וואָס דו האָסט אַריינגעזאָגט

דעם טאַטן. ס׳האָט אים געאַרט, וואָס איך בין נאָך אַביסל געשלאָפן, איז ער געגאַנגען און האָט מיך אויפגעוועקט.

כ׳האָב דער מאַמען בפירוש געזאָגט אַ ליגן. דער שטן, ימח־שמו, האָט מיך דערצו אָנגערעדט. ס׳האָט מיר תיכף באַנג־געטאָן. איך האָב זיך תיכף געוואָלט מודה זיין, נאָר די בושה האָט מיך דערפון אָפגעהאַלטן.

אַגב, איז דאָס געווען דער איינציקער אינצידענט אין יענעם שבת אין דער פרי. ווייטער איז דער שבת אָפגעלאָפן, ווי אַלע שבתים, פייערלעך און נודנע. דער טאַטע איז געקומען פון דער שול, מען האָט אָפגעגעסן. דער טאַטע האָט זיך אַביסל צוגעלייגט, די מאַמע האָט געלייענט דאָס טייטש־חומש.

איך מוז באַמערקן, אַז פון אַלע שבתדיקע מאכלים האָט מיר צום בעסטן געשמעקט דער טשאָלנט. דאָס איינציקע מאכל, וואָס האָט דעם אמתן טעם גן־עדן.

דער טאַטע האָט געכראָפּעט. די מאַמע האָט געשעפּטשעט איבערן טייטש־חומש. זומער־פליגן האָבן געזשומעט איבער דער שויב. די אויגן האָבן זיך מיר גענומען קלעפּן. איך בין אַנדרימלט געוואָרן און זיך ערשט אויפגעכאַפּט פאַרנאַכט־צו. אין שטוב איז שוין געווען טונקל. די מאַמע האָט שטיל און פרום געזאָגט „גאָט פון אברהם״.

דער מאַמעס תפילה האָט אין מיר דערוועקט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. צוריק, צוריק אין גן־עדן אַריין! איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די שבת־בין־השמשותן אין גן־עדן. אָט איז די מלך־עליון־אַליי. יונגע מלאכטעס שפּאַצירן און וואַרפן „אייגעלעך״ צו די יונגע מלאכים, וואָס גייען פאַרביי. שבת, דאַרפט איר וויסן, פליט מען נישט אין גן־עדן, שבת גייט מען דאָרט צו־פוס.

די מאַמע זיצט אין ווינקל און שעפּטשעט „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב״ — און איך זע בשעת־מעשה אונזערע הייליקע אָבות, ווי זיי שפּאַצירן אין גן־עדן. אברהם אבינו גייט פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן. יצחק אבינו טראָגט אַ פאָר שוואַרצע ברילן — די ראיה איז אים נאָך אַלץ געשלאָגן — און יעקב אבינו נעמט אַלעמאָל אַרויס דאָס שקעטעלע מיט טאַבאַקע, טוט אַ שמעק און צעניסט זיך, אַז מען הערט עס איבערן גאַנצן גן־עדן.

אַלע אין גן־עדן זענען שטאַרק מקנא אונזערע אָבות. אַ יעדער פון זיי פאַרמאָגט אַ שיינע ווילע, מיט אַ סאָד, אַ חוץ גרויסע שטחים ערד, וואָס די אָרעמע מלאכים באַאַרבעטן.

איך געדענק אַזאַ שבת־בין־השמשות אין גן־עדן. די אָבות האָבן, ווי געווײנלעך, שפּאַצירט אין דער מלך־עליון־אַלײ. זײ האָבן צווישן זיך עפּעס גערעדט, זיך אַפילו געהיצט. איך בין געווען זײער שטאַרק נײגעריק צו הערן וואָס זײ שמועסן. מסתמא וועגן דער הײליקער תורה, — האָב איך געטראַכט, — שמועסן זײ. ס׳איז כדאי צו הערן.

איך האָב אַ זאָג־געטאָן צו מײן חבר פישערל, וואָס איז געגאַנגען נעבן מיר:

— װײסטו װאָס, פישערל? לאָמיר זיך אונטערהערן צו די רײד פון די הײליקע אָבות.

בײ מײן חבר פישערל האָב איך תיכף געפּועלט. זײנע קלוגע, שוואַרצע אײגעלעך האָבן אַ בלישטשע געטאָן:

— קום, שמואל־אַבא, לאָמיר זיך אונטערהערן.

מיר האָבן זיך בײדע אָנגענומען בײ די הענט און מיר זענען שטילערהײט נאָכגעגאַנגען די הײליקע אָבות. זײ זענען געווען אַזוי פאַרטיפט אין זײער שמועס, אַז זײ האָבן אונז אַפילו נישט באַמערקט.

— פאָלג מיך, — האָט געזאָגט יצחק אבינו צו יעקבן, — נעם און גט־אָפּ די צוויי שפחות, וועסטו האָבן שלום־בית. דו זעסט דאָך, אַז רחל מיט לאהן קאָנען נישט הויזן צוזאַמען מיט דײנע קעפּסווײבער. ס׳איז פּשוט אַ בושה פאַרן גאַנצן גן־עדן, אָט־די קריגערײען פון די ווײבער בײ דיר אין שטוב.

אברהם אבינו, וואָס איז געגאַנגען אין דער רעכטער זײט, האָט צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, געהאַלטן, אַז יצחק אבינו איז גערעכט:

— ס׳פּאַסט טאַקע נישט, יעקב. דו הערסט, וואָס מען זאָגט צו דיר? נעם און טרײב אַרויס די צוויי שפחות.

— זײדע, — האָט יעקב אבינו ווידערשפּעניקט, — איך וועל עס נישט טאָן. אָפּגעלעבט אַ לעבן מיט זײ אויף דער ערד, קוים געפּועלט מען זאָל זײ אַרײנלאָזן אין גן־עדן, און איצט זאָל איך זײ אַרויסטרײבן פון שטוב. וואו איז יושר, זײדע?

— יושר, שמוישער, — האָט אברהם אבינו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — דו טו, וואָס דער טאַטע הײסט דיר און וואָס דער זײדע הײסט דיר. זײ מײנען דײן טובה.

— איבערחזרן די מעשה מיט הגרן אין טאָפּלט?... — האָט מיט כעס

געזאָגט יעקב. — איך וויל עס נישט טאָן און וועל עס נישט טאָן. די ווייבער מעגן זיך אַפילו איינע דער צווייטער אויסדראַפּען די אויגן.

די אַנצוהערעניש, וואָס יעקב האָט געמאַכט וועגן דעם ענין הגר, האָט אברהם אבינו משמעות פאַרדראָסן. ער איז רויט געוואָרן ווי אַ צוויק און אַ געשריי געטאָן:

— שייגעץ, אַזוי רעדט מען צו אַ זיידן? — און ער האָט יעקבן אַראָפּ־געלאָזט אַ הילכיקן פּאַטש.

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. איך האָב אָנגעכאַפּט מיין חבר פישערל ביי דער האַנט און זיך ביי אים געבעטן:

— קום, פישערל, לאָמיר אַנטלויפן. כ׳האָב פיינט, אַז מען שלאָגט זיך. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל הערן אַ וואָרט תורה און צום סוף, נאָדיר גאָר פּעטש.

פישערל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס דו ווילסט, וועל איך טאָן, שמואל־אַבא, אַלצדינג וועל איך דיר צוליב טאָן.

— טאָ לאָמיר־זשע גיין צום גן־עדן־בוים און הערן די קאַנאַריקלעך זינגען.

— גוט, שמואל־אַבא, קום!

אויפן וועג צו די קאַנאַריקעס האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין חבר:

— יעקב אבינו וועט זיי טאַקע אַרויסטרייבן?

— ווער ווייסט, — האָט פישערל אַ פינקל געטאָן מיט די אייגעלעך, — די אָבות זענען גרויסע עקשנים. מ׳עמער לעבן, על׳מיר זען.

מיין מאַמע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטע וואָך!

איך בין געווען אַזוי פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען, אַז איך האָב אַפילו נישט געהערט דער מאַמעס „גוט־וואָך״. זי איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— וואָס טראַכסטו, קעצעלע?

— גאָרנישט, מאַמע, אָט אַזוי זיך פאַרטראַכט אַביסל.

איך האָב געפילט, אַז איך טאָר איר נישט דערציילן אָט־די פריקרע סצענע פון גן־עדן. זי איז אַ פרומע, מיין מאַמע, און אויף איר וועט דאָס מאַכן אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

זי האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט, די מאַמע מיינע, און דווקא געוואָלט וויסן, וועגן וואָס איך האָב געטראַכט.

איך בין געווען אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. צום גליק האָב איך מיך דערמאָנט אין אַ צווייטער מעשה, וואָס האָט מיט מיר געטראָפן אין גן־עדן. איך האָב געזאָגט צו דער מאַמען:

— כ׳האָב מיך דערמאָנט, מאַמע, ווי אַזוי יעקב אבינו האָט מיר אַמאָל אין גן־עדן אַ קניפּ געטאָן אין בעקל.

— דערצייל, קעצעלע!

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, מאַמע? יעקב אבינו איז אין אַ פאַרנאַכט געגאַנגען דאַוונען אין דער אבישער קלויז. די פּאַטשיילע זיינע איז, ווייזט אויס, געווען שלעכט צוגעשפּיליעט צום קאַפּטן. זי איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. איך האָב די פּאַטשיילע אויפגעהויבן און זי דערלאַנגט יעקב אבינו:

— ר׳ יעקב, איר האָט פאַרלוירן די פּאַטשיילע, אָט האָט איר זי.

יעקב אבינו האָט ביי מיר גענומען די פּאַטשיילע און מיך אַ פרעג געטאָן:

— ס׳אַראַ סדרה גייט די וואָך?

— ויחי, — האָב איך אים געענטפערט, און ער האָט מיר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל.

— ביזט אַ וואוילער בחור! — האָט ער געזאָגט און ער איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

— וואו, אין וועלכן בעקל האָט ער דיר אַ קניפּ געטאָן? — האָט מיך געפרעגט די מאַמע און אירע אויגן האָבן געשטראַלט.

— אָט דאָ, אין דער לינקער באַק, אויף דעם אָרט, — האָב איך איר אָנגעוויזן מיטן פינגער.

די מאַמע האָט געקושט דאָס דאָזיקע אָרט אפשר טויזנט מאָל. דאָס איז נישט געווען דאָס געוויינלעכע קושן אירס. אַ פרומער ציטער איז געווען אין יעדן קוש. אַ קליינקייט, אַ קלייניקייט — צו דער באַק פון איר קינד האָבן זיך צוגערירט צוויי פינגער פון יעקב אבינו אַליין!

מיין מאַמע איז געווען אַ גוטע און אַ פרומע. כ׳האָב איר פאַרגונען די דאָזיקע פרייד פונם גאַנצן האַרצן.

דער טאַטע איז אַהיימגעקומען פון דער שול און געמאַכט הבדלה. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער צערעמאָניע מיט אינטערעס. ווען ער האָט פאַר־ענדיקט דאָס מאַכן די הבדלה — האָב איך אים געפרעגט:

— טאַטע, האָסט פאַרבעטן די אַלע מענטשן, וואָס איך האָב דיר געזאָגט?

— זיי זענען מחויב יעדע רגע אָנצוקומען, — האָט מיר דער טאַטע געענטפערט, — נאָר האַלט זיך מיט דרך־ארץ קעגן זיי. אַ קלייניקייט: דאָס זענען די שענסטע אידן פון שטאָט. דער רב ר׳ ישעיה, דער דיין ר׳ צדוק און דער סאַמעראַדנער גביר, ר׳ מיכל הורוויץ.

איך האָב דעם טאַטן צוגעזאָגט, אַז איך וועל האָבן דרך־ארץ פאַר די חשובסטע מענטשן פון דער שטאָט און אַז איך וועל זיך האַלטן סטאַטעטשנע.

— און זאָלסט למען־השם דערציילן דעם ריינעם אמת. דו הערסט, וואָס מען זאָגט דיר: דעם ריינעם אמת! — האָט דער טאַטע צוגעגעבן.

איך האָב זיך געפילט באַליידיקט:

— פאַר וועמען האַלסטו מיך, טאַטע? — האָב איך אים געפרעגט. — וואָס בין איך עפּעס, אַן אַבי ווער, וואָס זאָל דערציילן ליגנט?

מיין מאַמע, אַ לעבן אויף איר קאָפּ, איז אויך אַריינגעשפּרונגען אין דער מלחמה. אַריינזאָגן דעם טאַטן איז זי תמיד געווען גרייט, בפרט, אַז זי האָט געפילט, אַז דער טאַטע האָט מיך באַליידיקט.

— וואָס ווילסטו פונם קינד, פּיווול? — האָט זי זיך געכעסט אויפן טאַטן. — נעמסט סתם אין דער וועלט אַריין און ביזט חושד ס׳קינד, אַז ס׳קען זאָגן ליגן. האָסט אים שוין געכאַפּט אַמאָל ביי אַ ליגנט, פּיווול? זאָג! רעד! וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן?

דער טאַטע האָט איר געוואָלט ענטפערן. בעסער געזאָגט, זיך פאַר־ענטפערן, אַז ער האָט, חלילה, נישט געמיינט קיין שלעכטס, אַז ער האָט נאָר געוואָלט... „דו פאַרשטייסט, זעלדע?“

נאָר מיין מאַמע האָט אים נישט געלאָזט אויסרעדן. אויף רעדן איז זי אַליין אַ בעלן. איינמאָל אָנגעהויבן דעם שטורם, האָט זי נישט נאָכגע־לאָזט אויף אַ רגע. זי איז געגאַנגען אויפן גאַנצן נצחון.

— קוק אים נאָר אָן, דעם טאַטן, דעם שיינעם! נעמט און איז חושד אַן עופהלע אין ליגנט. אַ טאַטע בינסטו? אַ שטיין בינסטו, אַן אָנשיקעניש, אַ פּיפּערנאָטער, נאָר נישט קיין טאַטע.

דאָס, וואָס מיין מאַמע האָט אָנגערופן דעם טאַטן „פּיפּערנאָטער“, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין גרויס התפעלות. מיין טאַטע איז געשטאַנען אַ פאַר־לוירענער. שוין די צווייטע פּאַרציע היינט און דאָס נאָך אויף דער פולער וואָך.

ער האָט געשטאַמלט:

— נו, האָב איך נישט געזאָגט, גאָרנישט נישט געזאָגט, לאָז שוין נעמען אַ סוף, זעלדע!

אָנקוקנדיק מיין טאַטן, ווי ער שטייט אַזוי נעבעכדיק און פאַרלוירן, האָט זיך מיר זייער געגלוסט אים אַ געשריי טאָן אין פּנים אַריין: „פּיפּער־נאָטער". צום גליק האָב איך זיך דערמאָנט אין „כּיבוד־אב" און איך האָב זיך איינגעהאַלטן.

מיין טאַטע האָט אַרויסגענומען פון ספרים־שאַנק אַ ספר, זיך אַוועקגע־זעצט ביים טיש און אַריינגעקוקט אין די פאַרגעלטע בלעטער. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער פאַרגראָבט דאָס פּנים פאַר בושה.

מיין מאַמע איז אַריין אין קיך אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, כּדי מכבד צו זיין די געסט, וואָס דאַרפן יעדע רגע אָנקומען.

איך בין געזעסן אויף דער ערד און זיך צוגעקוקט, ווי מיין טאַטנס שאָטן הוידעט זיך אויף דער וואַנט אַהין און אַהער.

דער שאָטן פונם טאַטן איז דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי דער טאַטע אַליין. טשעקאַווע צו וויסן, צי איז דער שאָטן פון מיין טאַטן אויך אַזאַ פּחדן, ווי דער טאַטע. און וואָס וואָלט געווען, ווען מיין מאַמעס שאָטן באַגעגנט זיך מיטן טאַטנס שאָטן אויף דער וואַנט? אַ שיינע חתונה וואָלט עס געווען. איך וואָלט זייער טשעקאַווע געווען דאָס צו זען.

איך בין צוגעקראָכן צום טאַטנס בענקל און אַזוי אויף אַ טשעקאַוועס אים גענומען קיצלען דעם פוס. פריער פאַמעלעך, דערנאָך שטאַרקער. דער טאַטע איז געוואָרן אין כּעס. ער האָט מיר געוואָלט דערלאַנגען דערפאַר עטלעכע שמיץ. אין דער רגע אָבער איז אַריינגעקומען די מאַמע מיטן זידנדיקן סאַמאָוואַר. דער טאַטע האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן שטול, גלייך גאָרנישט.

ס׳האָט קיין סך נישט געדויערט און די פאַרבעטענע אורחים זענען אַריינגעקומען צו אונז אין שטוב. אויף צו פריער איז געגאַנגען דער רב, הינטער אים דער דיין און הינטערן דיין דער גביר, ר׳ מיכל הורוויץ. זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם טאַטן און דער מאַמען מזל־טוב און מיר שלום־עליכם.

איך האָב זיי באַטראַכט. צום בעסטן איז מיר געפעלן דער רב. אַ קליין, מאָגער אידל מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, מיט ציטערדיקע הענט און מיט אַ גוטן שמייכל אין די צוגעמרוזשעטע, קאַפּראַווע אויגן. דער דיין איז געווען עטוואָס העכער פונם רב און אַ סך אינגער, אַן ערך אין די פערצי־

קער. אויף דער רעכטער באַק האָט ער געהאַט אַ בראָדעווקע און גערעדט האָט ער געלאַסן, נישט געאײַלט זיך, הנאה געהאַט פון יעדן וואָרט, וואָס ער זאָגט אַרויס.

דער גביר, ר׳ מיכל, אַ ברייטער פּאַרשוין מיט אַ צוגעשוירן בערדל, איז מיר נישט באַזונדערס געפעלן. ער האָט זיך עפּעס צופיל אויסגעשטעלט מיט זײַן גאָלד. גאָלדענע רינגען אויף די פינגער, אַ גאָלדענע קייט מיט אַ גאָלדענעם זייגער און אַ פול מויל מיט גאָלדענע ציין. דאָס, וואָס מיך האָט פאַרדראָסן, איז געווען דער כבוד, וואָס דער רב מיטן דיין האָבן אים אָפּגעגעבן, כאָטש ער איז נישט געווען אַזאַ ואַזשנער למדן.

די געסט האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. אַנטקעגן מיר איז געזעסן דער רב. ער האָט מיר באַטראַכט מיט זײַנע קאַליעדיקע אויגן. זיך געחידושט, וואָס איך זיץ און האַלט זיך ווי אַ גרויסער.

אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן. מײַן מאַמע איז געשטאַנען אין אַ זייט און געהאַט תענוג פון מיר. ווער ס׳האָט נישט געזען מײַן מאַמען אין יענעם שבת־צונאַכטס, דער האָט קיין שיינס נישט געזען אין זײַן לעבן.

דער ערשטער האָט גענומען דאָס וואָרט דער רב. ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער דער לאַנגער, ווײַסער באָרד און זיך אָנגערופן בזה הלשון:

— איז הייסט עס, ווילסטו אונז דערציילן וועגן גן־עדן? אדרבא, לאָמיר טאַקע הערן, וואָס ס׳טוט זיך עפּעס אין גן־עדן.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז איך בין גרייט זיי צו דערציילן אַלצדינג, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַר מײַן געבוירן ווערן אין גן־עדן, נאָר מיט איין תנאי, אַז זיי, דער רב, דער דיין, דער גביר און דער טאַטע זאָלן שווערן, אַז זיי וועלן קיינעם נישט דערציילן. די מאַמע באַפריי איך פון דער שבועה, ווייל דער מאַמען גלויב איך אויפן וואָרט.

כאָטש דער גאַנצער ענין איז זיי געווען נישט צום האַרצן, פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, זיי האָבן זיך אַלע געמוזט אויפשטעלן, אויפהויבן די הענט און מיר נאָכזאָגן וואָרט ביי וואָרט:

— מיר שווערן, מיר שווערן, ביים מאָנד און ביי די שטערן, אַז מיר וועלן האַלטן אין זיך דעם סוד, זאָ וואַהר העלפע אונז דער אַלמעכטיקער גאָט.

נאָך דער שבֿועה האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער און איך האָב אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— מאַמע, זיי אַזוי גוט און פֿאַרהענג אַלע פֿענסטער, פֿאַרשטאָפּ אַלע שפּאַרעס, אַז קיין ווינט זאָל זיך חלילה נישט אַריינגנבֿענען און זיך נישט אונטערהערן. אַ ווינט איז בטבֿע אַ מסור, אַ פּלאַפּלער. ער פּלאַפּלט אַלצדינג אויס פֿאַר יעדן איינעם. ס'איז אים נישט קיין חילוק, צי פֿאַר אַ ווײַנשל־בוים אין סאַד, צי פֿאַר די פֿליגל פֿון אַ מיל.

די מאַמע האָט מיך תיכף געפֿאָלגט, — אַ לעבן אויף איר קאָפּ! זי האָט פֿאַרשטאָפּט אַלע שפּאַרונעס, פֿאַרהאָנגען די פֿענסטער. די שטימונג איז געוואָרן זייער אַ פֿייערלעכע. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָב איך אָפּילו געזען, ווי ביים רבֿ ציטערט די באָרד.

איך האָב צוגעלייגט אַ פֿינגער צום שטערן. געטראַכט, פֿון וואַנען איך זאָל אָנהויבן. נאָך אַ רגע ישובֿ־הדעת, האָב איך באַשלאָסן קודם־כּל צו דערציילן, ווי אַזוי דער מלאך שמעון־בער האָט מיך אַרויסגעפֿירט פֿונם גן־עדן, די מעשה מיט דער ליימענער נאָז. איך האָב פֿאַר זיי אָפּגעמאָלן דעם מלאך שמעון־בער, ווי לעבעדיק. דער רבֿ האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! אַ מלאך זאָל עס אַזוי שיכּורן! אוי־וואַ! איז וואָס שווייגט מען עס דאָרטן אין גן־עדן, האַ?

איך האָב אים דערציילט, אַז קיין שום מוסרן שמעון־בערן העלפֿט נישט. אין גן־עדן איז מען שוין צוגעוואוינט צו די צרות. מען איז נאָך צופֿרידן, אַז ס'לויפֿט כאַטש אָפּ גלאַטיק און שמעון־בער פֿאַרגעסט אַמאָל צו שלאָגן ס'ווייב.

— ער שלאָגט דאָס ווייב אויך, דער רשע? — האָט זיך געחידושט דער רבֿ. — געוואַלט, אידן, געוואַלט!

— נאָך אַ מין שלאָגן, רבי. זיין ווייבל זיסל, אַ מלאכטע, וואָס איז כּמעט תּמיד אויף דער צייט, גייט כּסדר אַרום מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און מיט בלאָע צייכנס אויפֿן לייב.

— אין גן־עדן זאָל אַזוינס פּאַסירן, עקט זיך די וועלט, — האָט טרויעריק אַ זיפֿץ געטאָן דער רבֿ, און דער דיין, דער גבֿיר און דער טאַטע האָבן אים אונטערגעהאָלפֿן.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב דערציילט וועגן דעם מלאך שמעון־בער, האָט דער גבֿיר ר׳ מיכל הורוויץ אַלע ווײַלע זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי דער נאָז.

דורך מיר איז ער ערשט געוואָרן גענוי, פאַרוואָס זיין נאָז איז אַביסל קאַרנאָסע.

— הם, הם, — האָט ער געוואָרטשעט, — זיין מזל איז וואָס ער לעבט נישט אויף דער ערד, אַז נישט וואָלט איך אים געקלאָגט אין געריכט.

דער גביר ר׳ מיכל, דאַרפט איר וויסן, האָט זייער ליב געהאַט פּראָצעסן. וואָס, וואָס, איז ביי אים תיכּף געווען אַן אָנקלאָגע אין געריכט. אין דעם פאַל — מיטן מלאך שמעון־בער — וואָלט עס געווען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט אַ געוואונענער פּראָצעס.

איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה. צו וואָס האָט מיר געטויגט, — האָב איך געקלערט, — אָנצוהייבן מיט אָט־די פרומע לייט. זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן, אַז מען דערציילט זיי דעם אמת. נאָר אַזוי ווי איך האָב שוין אָנגעהויבן, האָב איך באַשלאָסן צו דערציילן ביזן סוף.

דער דיין ר׳ צדוק האָט אַ הוסט געטאָן און זיך געווענדעט צו מיר מיט דער בקשה, אַז איך זאָל אים זאָגן, ווי גרויס קאָן זיין אַן ערך דער גן־עדן. דאָס הייסט, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער איז טשעקאַווע צו וויסן, וויפל שטח דער גן־עדן פאַרנעמט.

איך האָב אים געזאָגט, אַז דער גן־עדן איז קיין עין־הרע גענוג גרויס. ער ציט זיך אויף אַן ערך פיר הונדערט טויזנט קוואַדראַט־מייל. אויף מזרח גרענעצט ער זיך מיטן טערקישן גן־עדן, אויף מערב — מיט גויאישן גן־עדן. אויף דרום איז ער אָפּגעטיילט דורך צוויי טויזנט נעפּל־פאַרהאַנגען פון דער ערד, און אויף צפון — דורך אַ פייער־ים פונם גיהנום.

— אוי־וואַ, אוי־וואַ! — האָט געמאַכט דער דיין און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— פלאי פלאים! — האָט געזאָגט דער רב און זיך אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד.

— זאָנדערבאַר! — האָט געזאָגט דער גביר און זיך אָנגעכאַפּט ביי דעם גאָלדענעם זייגער.

— באַוואוינט איז דער גן־עדן, — האָב איך ווייטער דערציילט, — דאָס רוב פון מלאכים און פון פרומע אידן. ליטוואַקעס טרעפט מען דאָרט ווינציק. דערפאַר אַ סך פּוילישע, און דער עיקר, גאַליציאַנער צדיקים. צווישן די מלאכים און די צדיקים איז נישטאָ קיין איבעריקער שלום־בית. די מלאכים טענהן, אַז ס׳זענען פאַראַן צופיל צדיקים אין גן־עדן. טויזנט פאַרשוין אויף

אין קוואַדראַט קילאָמעטער. ס׳איז שוין נישטאָ כמעט מיט וואָס צו אָטעמען, קלאָגן זיך די מלאכים און שעלטן די צדיקים מיט טויטע קללות.

צווישן די צדיקים איז אויך נישט פאַראַן קיין איבעריקער שלום. אַ פוילישער צדיק איז ביי אַ גאַליציאַנער צדיק ערגער ווי טריף. און דאָס אייגענע פאַרקערט. נאָר וואָס שייך אַ ליטוואַק, זענען ביידע צדיקים מסכים, אַז מען טאָר אים בשום אופן נישט אַריינלאָזן אין גן־עדן.

דער עיקר פאַרדריסט די מלאכים, וואָס די צדיקים גייען אַרום פוסט און פּאַס. טוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער און שאַפן זיך מיט די מלאכים גלייך זיי, די מלאכים, וואָלטן געווען זייערע משרתים פון ששת ימי בראשית.

אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מלאכים איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער מלאך יונה טויב האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, מען זיל פאָדערן ביים רבונו של עולם, ער זאָל באַגרענעצן די רעכט פון די צדיקים און איינפירן אַ קוואָטע פאַר גן־עדן.

כמעט אַלע מלאכים האָבן אַפּלאַדירט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, און ער וואָלט זיכער דורכגעגאַנגען מיט אַ מערהייט שטימען, ווען די צדיקים וואָלטן נישט געהאַט קיין מזל. פאַר זיי האָט זיך אין דער לעצטער רגע איינגעשטעלט אַ מלאך מיט געלע האָר, אַ שטיקל מיסטיקער, רזיאל הייסט ער.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געהאַלטן אַ דרשה. וואָס ער האָט גערעדט, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען. בכלל איז שווער צו פאַרשטיין דאָס לשון פון דעם דאָזיקן מלאך. נאָר איינס האָט מען אַרויסגעפילט פון זיינע ווערטער — אַז ער פאַרטיידיקט די צדיקים, אַז ער איז קעגן דעם פאָרשלאַג פון דעם מלאך יונה טויב. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַפילו דעם דאָזיקן יונה טויב אָנגערופן „פּושע ישראל“ און „המן“.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. דער מלאך רזיאל האָט גרויס אָנזען אין גן־עדן. טאַקע דערפאַר, ווייל מען פאַרשטייט נישט, וואָס ער רעדט, מיינען אַ סך, אַז ווער ווייסט וואָס פאַראַ חכמה ס׳שטעקט אין זיינע רייד. איין צד איז געווען פאַרן פאָרשלאָג פון דעם מלאך יונה טויב. דער צווייטער האָט געהאַלטן מיט רזיאל המלאך. עס האָט געהאַלטן ביי פּעטש. אָבער איינס האָט מען געפועלט: די צדיקים פירן ווייטער דאָס רעדל אין גן־עדן. זיי באַלע־באַטעווען דאָרטן ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן און קוים זאָגט מען זיי עפּעס, ענטפערן זיי מיטן באַרימטן פסוק פון שיר השירים — „ישקנו“.

— פון זינט יענער פאַרזאַמלונג האָבן זיך די מלאכים אָרגאַניזירט אין צוויי חברות, — האָב איך ווייטער דערציילט. — איין חברה האָט זיך אַ נאָמען געגעבן ק.אַ.ג.צ. (דאָס הייסט, קאַנטראַ די צדיקים). די צווייטע חברה האָט זיך אַ נאָמען געגעבן פּ.ר.אַ.צ. (דאָס הייסט, פּראָ צדיקים).

איך האָב פּאַר מיינע צוהערער געניי געשילדערט די קאַמפּס־מעטאָדן פון אָט די בײדע צדדים. זיי דערציילט וועגן אַ גאַנצער ריי פּאַמפלעטן, וואָס איין צד שליידערט אַנטקעגן צווייטן. וועגן די אָנפאַלן, וואָס איין צד אָרגאַניזירט אויפן צווייטן.

— אוי־וואַ, אוי־וואַ, — האָט געזאָגט דער דיין און זיך אָנגעכאַפּט בײם קאָפּ.

— פלאי פלאים! — האָט געזאָגט דער רב און זיך אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד.

— זאָנדערבאַר! — האָט געזאָגט דער גביר ר׳ מיכל, און זיך אָנגעכאַפּט ביי דער גאָלדענער קייט.

דער גביר ר׳ מיכל, דאַרפט איר וויסן, פאָרט אָפט געשעפטלעך קיין לייפּסק און דערפאַר האָט ער ליב אַריינצוּוואַרפן פון צייט צו צייט אַ טייטשיש וואָרט.

— אַבי די צדיקים האָט חלילה נישט געשאַדט, — האָט מיין טאַטע לייכט אָפּגעאָטעמט און דערביי אָנגעקוקט דעם רב. איך האָב פאַרשטאַנען דעם בליק פון מיין טאַטן. זיינע אויגן האָבן גערעדט קלאָרע דיבורים:

— איר דאַרפט נישט מורא האָבן צו גיין אין גן־עדן אַריין. רבי, הלוואי וואָלט איך געווען אַזאַ צדיק ווי איר, וואָלט איר שוין געזען, וואָס איך וואָלט אויפגעטאָן אין גן־עדן.

מיין טאַטע האָט פונם גאַנצן האַרצן געבענקט צום גן־עדן. איך האָב אַפילו פאַרשטאַנען פאַרוואָס. דאָ אויף דער ערד איז ער געווען דאָס פוסנ־בענקעלע פון מיין מאַמען. דאָרט אין גן־עדן וועט זי זיין זיין פוסנבענקעלע. אַז ער וועט אַרויפשטעלן אויף איר זיינע פיס, וועט ער נקמה נעמען פאַר אַלע בזיונות, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן אויף דער וועלט.

דער רב האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב געזען דעם עץ־הדעת, און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז יאָ, האָט ער אָפּגעזיפצט. דער גביר האָט מיך געפרעגט, צי אין גן־עדן זענען פאַראַן גאָלדענע מטבעות. און דער דיין האָט מיך געפרעגט, צי די מלאכטעס גייען באַצייטנס צו טבילה.

די אַלע פֿרעגעניש‏ן, וואָס מען האָט מיך געפֿרעגט, זענען מיר געוואָרן דערווידער. קוים האָב איך פֿאַרענטפֿערט איין פֿראַגע, האָט מען מיר שוין געשטעלט אַ צווייטע. אייגנטלעך האָב איך געהייסן פֿאַרבעטן די דאָזיקע מענטשן, כדי זיי צו דערציילן וועגן מיינע איבערלעבונגען אין גן־עדן, און פּלוצים נאַ דיר גאָר אַ פֿאַרהער, — ס'האָט פּשוט געשלאָגן צו דער גאַל.

איך האָב פֿאַרלוירן דעם חשק ווייטער צו דערציילן. איך האָב עטלעכע מאָל אומישנע געגענעצט. דאָס הייסט, איך האָב זיי געגעבן אָנצוהערעניש‏ן, אַז איך בין שוין מיד און זיי זאָלן מיר מער נישט דולן קיין ספּאָדעק.

זיי האָבן זיך אָבער, ווייזט אויס, געמאַכט פֿון מיינע אָנצוהערעניש‏ן אַ פּוסבאָד און ווייטער געפֿרעגט. דער רבֿ, למשל, צי כ'האָב געזען דעם שור־הבר און צי איז דאָס טאַקע אַזאַ וואַזשנע בהמה, וואָס פֿון איר פֿלייש וועט קלעקן פֿאַר כל־ישׂראל בשעת משיח וועט קומען.

איך האָב זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיי געזאָגט, אַז איצט בין איך מיד און וועל מער גאָרנישט דערציילן, און מאָרגן אויף דער נאַכט, אַז זיי וועלן קומען צו אונז, זאָלן זיי אַזוי גוט זיין און שוויגן און הערן, און איך וועל מאָרגן אויף דער נאַכט זיי דערציילן, ווי אַזוי כ'האָב מיך באַקענט מיט מיין חבֿר דעם מלאך פֿישערל.

— אָר־וואַ, אָר־וואַ, אַ מלאך זאָל הייסן „פֿישערל", אָר־וואַ! — האָט אַ זאָג געטאָן דער דיין, און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— פּלאי־פּלאים! אַ מלאך מיטן נאָמען „פֿישערל", — האָט געזאָגט דער רבֿ, און זיך אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד.

— זאָנדערבאַר! — האָט געזאָגט דער גבֿיר ר' מיכל, און זיך געהאַלטן ביי דער גאָלדענער קייט.

איך האָב אָבער מער נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט זיי. איך האָב צוגערופֿן די מאַמע און איר געזאָגט, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, זי זאָל מיר געבן צו זויגן. פֿון זינט פֿיר אַזייגער האָב איך נאָך אין מיין מויל נישט געהאַט.

נאָכדעם, ווי מיין מאַמע האָט מיר געגעבן צו זויגן, האָט זי מיך צוגעטראָגן צום וויגל, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר בעט. זי האָט מיך אַריינגעלייגט אין וויגל און מיך גענומען וויגן.

איך בין געלעגן און געטראַכט, אַז די ברואים אויף דער ערד זענען מאָדנע ברואים, און אַזוי טראַכטנדיק, בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

דער רב, דער דיין און דער גביר זענען נאָך געזעסן אַ שטיקל צייט ביי אונז אין שטוב, געטרונקען טיי און געשמועסט מיטן טאַטן. דערנאָך זענען זיי אַוועקגעגאַנגען. אויף יענער זייט שוועל האָט דער רב געזאָגט צום טאַטן:

— הייסט עס, מירצעשעם, מאָרגן, פּייוול.

IV

מיין חבר פישערל

דעם צווייטן אויפדערנאַכט, ווען אַלע זענען שוין געזעסן אַרום דעם טיש, האָב איך פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעהויבן צו דערציילן:

— מיט מיין חבר פישערל האָב איך זיך באַקענט ביי מאיר פאַרעך, דעם גמרא־מלמד אין חדר, וואו מיר האָבן צוזאַמען געלערנט. פון דער ערשטער רגע אָן איז מיר פישערל זייער געפעלן געוואָרן.

דאָס דאָזיקע קליינע מלאכל מיט די קלוגע, שוואַרצע אייגעלעך איז, אַגב, געפעלן געוואָרן יעדן איינעם, ווער ס׳האָט אים נאָר געזען. אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, דעם גמרא־מלמד, דעם מלאך ר׳ מאיר פאַרעך, וואָס האָט געהאַט פון אים אויסצושטיין געברענטע צרות.

אַז מען וויל זיין גערעכט, האָט דער גמרא־מלאך פאַרוואָס צו זיין אין כעס אויף מיין חבר פישערל. מיין חבר האָט אים שיער, שיער נישט אומ־גליקלעך געמאַכט מיט זיינס אַ שפּיצל.

געווען איז דאָס אין אַ דינסטיק בייטאָג. דער גמרא־מלאך האָט מיט אונז געקנעלט, געפּאַכעט מיטן קאַנטשיק איבער אונזערע קעפּ, אַזוי לאַנג ביז ער איז מיד געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן, און ס׳האָט נישט קיין סך געדויערט, האָט ער אָנגעהויבן כראָפּען. ער איז, ווי זיין שטייגער, אַנטשלאָפן געוואָרן. דער קאַנטשיק איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

פישערלס אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן. ער האָט זיך געווענדעט צו אונז, די אַנדערע תלמידים, און געפרעגט:

— חברה, עץ קאָנט האַלטן אַ סוד?

— יאָ, — האָבן מיר אַלע אָפּגעענטפערט און מיט גרויס אינטערעס גענומען וואַרטן, וואָס ס׳וועט געשען. פאַרשטאַנען האָבן מיר אַלע, אַז פישערל גרייט זיך עפּעס אָפּצוטאָן.

פישערל האָט אַרויסגענומען אַ שטיק סמאָלע פון דער קעשענע. ער איז צוגעגאַנגען צום גמרא־מלמד, אויף די שפּיץ פינגער. די פליגל פונם גמרא־מלאך זענען אַראָפּגעהאַנגען מיד. פישערל האָט פּאַמעלעך אויפגע־הויבן דעם רעכטן פליגל פונם מלמד, אים אָנגעשמירט מיט סמאָלע און

אים דערנאָך צוגעקלעפּט צו דער באַנק. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן רעכטן פליגל, האָט ער געטאָן דאָס זעלבע מיטן לינקן.

מיר האָבן זיך אַלע געשטיקט פון געלעכטער. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט די מינוט, ווען דער גמרא־מלאך וועט זיך אויפכאַפּן.

מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט, און דער מלמד איז ווייטער געשלאָפן, ער האָט אַפילו נישט געהאַט בדעה זיך אויפצוכאַפּן.

געזען, אַז מען קאָן זיך נישט דערוואַרטן, איז מיין חבר פישערל צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן גמרא־מלאך און אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין:

— רבי, מען גייט שוין דאַוונען מנחה!

דער גמרא־מלאך האָט זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט זיך נעמען פליען אין שול אַריין. ער האָט אַזאַ ריס געטאָן די פליגל, וואָס זענען געווען צוגעקלעפּט מיט סמאָלע צו דער באַנק, אַז ביידע שפּיצן פון די פליגל האָבן זיך אָפּגעריסן. דער רבי איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און זיך צעשריגן פאַר גרויס יסורים.

די רביצין גאָלדע, אַ מלאכטע מיט אַ בילמע אויפן רעכטן אויג, איז אַריינגעפלויגן פון דער קיך מיט אַ געיאָמער און אַ געשריי. מען האָט תיכף געשיקט רופן דעם פעלדשער, דעם מלאך רפאל. דער פעלדשער האָט געהייסן זיך ברענגען אַזאַ מין פלאַסטער פון דער גן־עדן־אַפּטייק און פאַרקלעפּט דעם גמרא־מלאך מיט דעם דאָזיקן פלאַסטער די פליגל.

פון דענסטמאָל אָן האָט אונזער גמרא־מלמד געטראָגן אַ האַרץ אויף מיין חבר פישערל. צי ער איז יאָ געווען שולדיק, צי נישט, דער ערשטער האָט ער — פישערל הייסט עס — געכאַפּט שמיץ.

מיין חבר פישערל איז אָבער פון די שטיפער, וואָס קיין שום שמיץ אין דער וועלט האָבן אים נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון צו שטיפן. און טאַקע דערפאַר האָב איך אים ליב געהאַט. איך האָב זיך צו אים צוגעבונדן מיט לייב און לעבן און ער צו מיר אויך.

וואָס עפּעס, האָב איך אים דערציילט אויף צו פריער, און ער פון זיין זייט האָט זיך מיט מיר וועגן אַלצדינג באַראַטן.

— פישערל, גיב אַן עצה! — און פישערל האָט צוגעלייגט זיין פינגערל צום שטערן, אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז ער האָט פאַר מיר געפונען אַן עצה.

— שמואל־אַבא, וואָס זאָגסטו דערצו?

און איך האָב אים געזאָגט אַלץ, וואָס איך טראַכט. נישט באַהאַלטן

גאַרנישט פון מיין טייערן חבר, וואָס איז מיר געווען ליב ווי אַן אייגענער ברודער, און אפשר נאָך מער ווי אַן אייגענער ברודער.

איך ווייס, אַז איר וועט מיר זאָגן, דאָס שפּיצל, וואָס פישערל האָט אָפּגעטאָן דעם גמרא־מלאך, איז נישט קיין נייעס. אַלע חדר־אינגלעך אויף דער ערד באַרימען זיך מיט אַזוינע שפּיצלעך, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן זייערע ערדישע מלמדים. דערויף קאָן איך אייך ענטפערן, אַז ערשטנס, איז דאָס דאָזיקע שפּיצל נישט דאָס איינציקע, וואָס פישערל האָט אָפּגעטאָן אין גן־עדן, און צווייטנס, זאָגן די ערדישע חדר־אינגלעך ליגנט, זיי באַרימען זיך נאָר, אין דער צייט, וואָס פישערל האָט טאַקע אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע שפּיצל אויפן רעכטן אמת.

איין מאָל איז פישערל צו מיר צוגעקומען. ער איז געווען זייער טרויעריק. ער האָט אַ רגע אויף מיר געקוקט מיט זיינע טרויעריקע אויגעלעך און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, שמואל־אַבא? ס׳איז נישטאָ קיין יושר אין גן־עדן.

איך האָב אים אָנגעקוקט דערשטוינט. נישט געוואוסט אַנטקעגן וואָס ער זאָגט דאָס מיר. פישערל האָט אַ זיפץ געטאָן און מיר דערציילט אַט־וואָס:

— דו ווייסט, שמואל־אַבא, אַז איך האָב אַ פעטער. חיים נגיד דער מלאך רופט מען אים. ער האָט אַן אייגענע מויער אויפן אליהו הנביא־בולוואַר, אַ מויער מיט אַ גאָרן און מיט אַ נייעם בלעכענעם דאַך.

— איך ווייס, פישערל, — האָב איך אים געענטפערט, — דיין פעטער האַלט די גן־עדן־פּראָפּינאַציע אין אַרענדע. מען זאָגט, אַז ער איז רייך, ווי קורח.

— און אַ גרויסער דבר־אחר, — האָט פישערל צוגעגעבן. — אין גויאישן גן־עדן וואָלט מען פון אַזאַ דבר־אחר געמאַכט אַ גאַנצן „פּראַזניק״.

— אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד, פישערל? דערצייל, איך בין טשעקאַווע צו וויסן.

— הער זיך צו מיט קאָפּ, — האָט מיר געזאָגט פישערל. — דער דאָזיקער פעטער מיינער, דער דבר־אחר, האָט אַ ציג, וואָס גיט יעדע צוועלף מינוט צוואַנציק קוואַרט מילך. איז דאַרף מען ביי אים אַרויסנעמען די ציג פון שטאַל און זי אַוועקפירן.

— וואוהין דאַרף מען זי פירן, פישערל? זאָג, דערציייל, צי נישט אַרויס די נשמה!

— צום פעטער יואל מלאך דעם איינבינדער, וואָס וואוינט אין יוחנן הסנדלר־געסל. ער איז קראַנק אויף סוכאָטע. ער דאַרף די ציגן־מילך אַ סך נויטיקער, ווי דער פעטער חיים נגיד דער מלאך.

— ביסט גערעכט, פישערל, — האָב איך אים צוגעגעבן, — ס'איז טאַקע נישטאָ קיין יושר אין גן־עדן. דער רייכער פעטער, וואָס איז געזונט ווי אַ בער, האָט אַ ציג, וואָס גיט מילך, כאָטש ער דאַרף די מילך אויף סיט סאָט כפרות, און דער אָרעמער פעטער, וואָס איז קראַנק אויף סוכאָטע, האָט אַ פייג, נישט קיין מילך, כאָטש ער דאַרף די מילך אין לעבן אַריין.

פישערל האָט צוגעלייגט זיין פינגערל צום שטערן. אַ ווײַלע געטראַכט (תמיד, ווען מיין חבר פישערל טראַכט, לייגט ער צו אַ פינגער צום שטערן).

— שמואל־אַבא, ווייסט וואָס?

— וואָס, פישערל?

— מען דאַרף די ציג אַרויסגנבענען ביים פעטער חיים נגיד דעם מלאך און זי אַוועקפירן צום פעטער יואל.

— גוט, פישערל, — בין איך געווען מסכים, — אָבער ווען? באַטראַכט זיך, אַז מען דאַרף דאָס טאָן אין אַ גינציקער צייט.

פישערל האָט זיך צעלאַכט:

— ס'וועט שוין זיין גוט, שמואל־אַבא. מיטאָג־צייט לייגט זיך דער פעטער חיים נגיד דער מלאך אַביסל צו. די מומע יענטל, די מלאכטע, גייט דענסטמאָל צו דער שניידערקע אָנמעסטן אַ פּאָר נייע פליגל.

— נו, נו, — האָב איך פון מיין חבר געזעצט די נשמה.

— אין דער צייט וועל איך אַרויסנעמען די ציג פונם שטאָל און זי אַוועקפירן צום אָרעמען פעטער. דו וועסט שטיין אויף דער גאַס און אַכטונג געבן, צי די מומע קומט נישט אָן.

— גוט, פישערל, איך בין גרייט. ווען, אַ שטייגער, וועלן מיר דאָס אַדורכפירן?

— וואָס הייסט, ווען? — האָט פישערל אַ מאַך געטאָן מיט זיינע פליגל. — מאָרגן, בלי־נדר מאָרגן, תיכף נאָך מיטאָג.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט וואו צו טרעפן. פישערל האָט מיר גענוי אויסגעמאָלן דאָס אָרט. דעם גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי צעדולט.

די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אין חלום די ציג, וואָס גיט יעדע צוועלף מינוט צוואַנציק קוואָרט מילך.

דעם אַנדערן טאָג, פּונקט צו דער צייט, וואָס מיר האָבן אָפּגעשמועסט, האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין חבר אויפן באַשטימטן אָרט. מיר האָבן זיך תיכף אַוועקגעלאָזט צום אליהו הנביא־בולוואַר, וואו ס'וואוינט פישערלס רייכער פעטער.

דער אליהו הנביא־בולוואַר איז זייער אַ שיינער. דאָרט וואוינט די סאַמע סמעטענע פונם גן־עדן. דער שענסטער מויער געהערט צום סאַדעגורער צדיק. אויף דער ערד האָט ער זיך געפירט זייער ברייט און אַזוי פירט ער זיך אויך אין גן־עדן. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויף דעם אייגענעם בולוואַר האָט זיך רחב הזונה געעפנט אַ סאַלאָן, וואו די רייכערע מלאכטעס מאַניקירן זיך די נעגל. אַגב, איז זי געוואָרן זייער פרום אין גן־עדן. זי לייענט אַ סך מוסר־ספרים און קען זיי כמעט אויף אויסנווייניק. וואָס שייך דעם מאַניקירן די נעגל, האַלט זי נישט דערפון, אָבער פּרנסה איז פּרנסה. אין גן־עדן האָט מען שוין כמעט פאַרגעסן, אַז זי איז אַמאָל געווען אַ זונה.

איך מיט מיין חבר פישערל האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן חיים נגיד דעם מלאכס הויז. מיר האָבן גענומען וואַרטן די מומע זאָל אַרויסגיין. דאָס וועט זיין דער בעסטער סימן, אַז דער פעטער כאַפּט אַ דרימל.

מיר האָבן געוואַרט אַן ערך אַ האַלבע שעה. די מלאכטע, יענטל די נגידית, איז אַרויסגעפלויגן פון איר דירה. מיר האָבן איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

— אַז ס'זאָל איר נאָר פאַרשטערט ווערן, — האָט מיין חבר פישערל געשאָלטן די מומע זיינע. — זי נעמט און צעטרענצלט אַ פאַרמעגן אויף מאָדעס אין דער צייט, וואָס די מומע ריווטשע דעם פעטער יואל דעם איינבינדערס קאָן זיך אַפילו נישט פאַרגינען איבערצוניצעווען אירע אַלטע פליגל, וואָס זענען שוין אַזוי אָפּגעריבן, אַז ווער ס'זעט זי מיינט, אַז זי איז אַ בעטלערקע און וויל איר שענקען אַ נדבה.

מיין חבר פישערל האָט שוין געוואָלט אַריינגיין אין הויף, וואו ס'געפינט זיך דער שטאַל. אָבער פּונקט אין דער רגע איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטער איד מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט. ער האָט אָפּגעשטעלט מיין חבר און אים געפרעגט:

— מלאכל, וואו גייסטו?

מיין חבר פישערל האָט דעם אַלטן תיכּף דערקענט. ס׳איז געווען אליהו הנביא. אַמאָליקע צייטן פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן פון צייט צו צייט אויף דער ערד. העלפן אַן אָרעמאַן, באַווייזן אַ נס, אַז אַ שלימזל זאָל האָבן אויף שבת. לעצטנס האָט ער זיך מיאש געווען. די אָרעמעלייט אויף דער ערד האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין זיין הילף. זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַליין צו העלפן. — זאָלן זיי, — זאָגט מיט ביטול אליהו הנביא, — זאָלן זיי זיך אַליין העלפן, ווי הייסן זיי דאָרטן... די... ציצעליסטן.

פון זינט אליהו הנביא האָט אויפגעהערט זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד, גייט ער אַרום פּוסט און פּאַס אין גן־עדן. שפּאַצירט דעם גאַנצן טאָג אויפן בולוואַר, וואָס טראָגט זיין נאָמען. איר זאָלט אים אָפּגילטן, וועט ער נישט גיין שפּאַצירן אויף אַן אַנדער גאַס.

— מלאכל, וואו גייסטו?

איך האָב זיך דערשראָקן. געמיינט, אַז איצט איז דער גאַנצער ענין אַ פאַרפאַלענער. נאָ דיר גאָר אין מיצקע דרינען דעם אַלטן אליהו הנביא, וואָס האָט איבעראַל ליב אַריינצושטעקן די נאָז.

מיין חבר פישערל האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ער קען דעם אַלטנס שוואַכקייט. דער אַלטער האָט ליב, אַז מען דערציילט אים פון זיינע ניסים, וואָס ער האָט אַמאָל אָפּגעטאָן. אַמאָל, ווען ער האָט געוואָלט און ווען ס׳האָט זיך אים געגלוסט. היינט קאָן ער אויך באַווייזן ניסים, נאָר ער וויל נישט.

— זאָלן זיי זיך אַליין העלפן, די... ווי הייסן זיי דאָרט... די ציצעליסטן.

אַרויסזאָגנדיק דאָס וואָרט „ציצעליסטן", האָט ער אויסגעשפּיגן. פישערל האָט אים געזאָגט, אַז ער איז גערעכט. ער האָט אים דערציילט אַזעלכע מעשיות וועגן אליהו הנביא, אַז דער אַלטער האָט זיך צעשמייכלט און געמיינט, אַז אַלץ, וואָס פישערל דערציילט אים, איז אמת.

קוים מיט צרות האָבן מיר זיך דערוואָרט, דער אַלטער זאָל אַוועקגיין. פישערל האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פונם שטערן, אַזוי האָט ער זיך אָנגעהאָרעוועט.

— איצט, שמואל־אַבּא, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — זע און גיב אַכטונג, צי קיינער קומט נישט אָן. אויב, חלילה, יאָ, לייג אַריין צווי פינגער אין מויל און גיב אַ פייף.

— גוט, — האָב איך אים געענטפערט, — נאָר זע מאַך עס וואָס שנע־לער, פישערל.

מיין חבר האָט זיך געזאָמט. יעדע רגע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז אייביקייט. איך האָב געדרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, זיך איינגעקוקט, צי מען קומט, חלילה, נישט אָן. דאָס האַרץ האָט מיר געזעצט ווי משוגע.

מיין חבר פישערל איז אַרויסגעקומען. אויף אַ שטריק האָט ער געפירט דעם פעטערס ציג.

— שנעל, פישערל, שנעל, לאָמיר פליען צום פעטער יואל! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ס׳וועט עפּעס געשען.

— שוטה, — האָט מיר געזאָגט פישערל, — מיר מוזן גיין צופוס. אַ ציג האָט נישט קיין פליגל.

מיר האָבן קוים געמאַכט עטלעכע טריט און מיר האָבן דערזען, ווי פישערלס מומע, די מלאכטע יענטל די נגידית, פליט אין איילעניש צוריק. זי האָט, ווייזט אויס, עפּעס פאַרגעסן אין דער היים. די מומע האָט אונז דערזען און גענומען מאַכן אַ געוואַלט. איך און מיין חבר האָבן גענומען פליען, אַנטלויפן. די ציג האָט זיך געבאָמבלט אין דער לופטן. איר „מע״ האָט מוראדיק געקלונגען איבערן גאַנצן בולוואַר.

פישערל האָט נישט אָפּגעלאָזט דעם שטריק. מיר האָבן געסאָפּעט און זענען ווייטער געפלויגן. שמעיה דער פאָליציאַנט, אַ מלאך אין אַ גרינעם מונדיר, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג און דיריגירט מיטן שטעקעלע, די מלאכים זאָלן זיך, חלילה, נישט צונויפשטויסן — האָט גענומען פייפן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע געיעג. שמעיה דער פאָליציאַנט האָט געהאַלטן אין איין פייפן און האָט אונז נאָכגעיאָגט. די מומע יענטל, אַ מלאכטע אַ שוואַר־באַלייבטע, האָט, פליענדיק, געפּרייכט ווי אַ גאַנז און געשריגן אויף אַ קול:

— גזלנים, געץ מיר אָפּ די ציג! ווײ איז מיר, ווינד איז מיר, געץ מיר אָפּ מיין ציג!

— פישערל, האַלט פעסט דעם שטריק! — האָב איך גערופן. די ציג האָט געצאַפּלט אין דער לופטן. איר „מע״ האָט פאַרטויבט די אויערן.

— דער אַלטער אליהו האָט אונז צופיל פאַרהאַלטן, — האָט געסאָפּעט מיין חבר און פעסטער אָנגעכאַפּט דעם שטריק.

— וואו מען ריכט זיך נישט, דאָרט וואַקסט ער אויס, — האָב איך צוריק געענטפערט מיין חבר, און מיר זענען ווייטער געפלויגן.

איך האָב קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, אַזוי שנעל האָבן געפּאָכעט אונזערע פליגל. מיר זענען געווען יונג און די פליגל אונזערע נאָך נישט קיין אָפּגענוצטע. מיר האָבן געמאַכט פאַרשידענע זיג־זאַגן. אָט האָבן מיר שוין געמיינט, אַז אונזערע פאַרפאָלגער האָבן אונז פאַרלוירן, און אָט האָבן מיר זיי ווידער געהערט פּאַכען הינטער אונז.

ביי דער ציג האָבן זיך פּאָר שרעק געעפנט די אייטערס. די מילך האָט גענומען אַראָפּרינען אין דער נידער. קליינע מלאכימלעך, וואָס האָבן נאָך נישט געקאָנט פליען, זענען געשטאַנען אונטן מיט אָפענע מיילעכלעך און זיך מחיה געווען מיט יעדן טראָפּן מילך, וואָס האָט אַראָפּגעטריפט פון דער הויך.

מיט גוטע צוואַנציק מינוט פריער פון אונזערע נאָכיאָגער האָבן מיר דערגרייכט דאָס יוחנן הסנדלר־געסל. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. פישערל האָט אָנגעקלאַפּט ביי זיין אָרעמען פעטער אין פענסטער. דער פעטער זיינער, דער מלאך יואל דער איינבינדער, איז אַרויסגעקומען. ער האָט זיך פאַרהוסט און געפרעגט, וואָס ס'איז דער מער מיט אונז.

— מיר האָבן דיר געבראַכט די ציג, דעם פעטער חיים נגיד דעם מלאכס ציג. דיר וועט זי מער צונוץ קומען.

— ווער האָט דיר געבעטן די טובה? — האָט זיך צעשריגן דער איינ־בינדער און דערלאַנגט פישערלען צוויי הילכיקע פעטש.

אין דער רגע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אונזערע נאָכיאָגער. די מומע יענטל איז געווען רויט, ווי אַ בוריק. זי האָט געשריגן און געוויינט:

— די ציג, גזלנים, געט מיר אָפּ די ציג.

שמעיה דער פּאָליציאַנט, דער מלאך אין גרינעם מונדיר, האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, פאַרשריבן מיין נאָמען און פישערלס נאָמען. די מומע יענטל האָט געהאַלטן די ציג אויפן שטריק און אונז מבטיח געווען, אַז זי וועט אונז צושטעלן דאָס אמתע בענקעלע צו מאיר פאַרעך, דעם גמרא־מלאך.

די מומע יענטל האָט אַ צי געטאָן דעם שטריק און זיך געלאָזט אַהיימ־גיין מיט דער ציג. איך מיט מיין חבר פישערל האָבן זיך אָנגעקוקט טרויעריק און פאַרשעמט.

מיר זענען אַהיימגעגאַנגען. וואָס פישערל האָט געטראַכט, ווייס איך נישט. נאָר מיר איז געווען שטאַרק קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

פישערל האָט אַ צייט לאַנג געשוויגן. איך האָב אים גאָרנישט נישט געוואָלט פרעגן. צו וואָס אַ שטייגער און וואָס אַ שטייגער?

מיטאַמאָל האָט מיין חבר אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע קלוגע, שוואַרצע אייגעלעך און געזאָגט:

— ווייסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגן, שמואל־אַבא?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, — האָב איך געענטפערט, — וואָס בין איך עפּעס אַ נביא?

— כ׳האָב זיך דערטראַכט, — האָט פישערל געזאָגט, — אַז כל־זמן די רייכע פעטערס לאָזן נישט און די אָרעמע פעטערס ווילן נישט, וועט נישט זיין קיין יושר אין גן־עדן.

דעם אַנדערן טאָג איז פישערל נישט געקומען אין חדר אַריין. איך האָב געטראַכט, אַז ער איז נישט געקומען דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דער גמרא־מלאך, מאיר פאַרעך, זאָל אים נישט שמייסן. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז נישט פאַר פּחד האָט ער אויסגעפעלט אין חדר — פישערל האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין בעל־פּחד — ער איז נישט געקומען דערפאַר, ווייל ער האָט געהאָלפן זיין טאַטן, דעם לאַטוטניק שלמה־זלמן, אַרויסשלעפּן די פאַסטריגעס פון הונדערט פאַר איבערגעניצע־ווערע פליגל.

— פישערל, — האָב איך זיך געווענדעט צו מיין חבר, — פאַרוואָס נעמסטו מיך קיינמאָל נישט מיט צו דיר אַהיים? שעמסט דיך אפשר מיט מיר?

— חס־וחלילה, — האָט זיך פישערל דערשראָקן, — דו רעדסט נאַריש־קייטן, שמואל־אַבא. אויב דו ווילסט, קאָנסטו שוין גיין מיט מיר, אַפילו די רגע.

מיר האָבן זיך ביידע געלאָזט פליען, אַהיים צו פישערלען. פישערלס טאַטע, שלמה־זלמן דער שניידער, אַ מלאך מיט אַ קנאָפּ אין גאָרגל און מיט קעלבערנע אויגן, האָט געוואוינט נישט ווייט פון דער גן־עדן־לאַנקע, וואו מען האָט געפּאַשעט דעם שור־הבר.

דער שור־הבר איז אַ גוויסער, פעטער אָקס. וויפל ער וועגט, ווייסט נישט קיינער. נישטאָ אַזאַ וואָג אין גן־עדן, וואָס זאָל אויסהאַלטן זיין שווער־קייט. אויף דער רעכטער זייט האָט דער שור־הבר אַ גרויסן, ברוינעם פלעק, וואָס זעט אויס ווי די מאַפּע פון גן־עדן.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום מלאך שלמה־זלמן דעם לאַטוטניק

אין שטוב, האָבן מיר געטראָפן דעם מלאך גבריאל שטיין פאַרן גרויסן שפיגל. שלמה־זלמן האָט אים אָנגעמאָסטן די פליגל, וואָס דער מלאך גבריאל האָט געגעבן צו פאַרריכטן.

דער מלאך גבריאל איז אַ הויכער, ברייטער מלאך, זייער אַ רייכער, אָבער זייער אַ קאַרגער. פון זינט ער לעבט, האָט ער זיך נאָך נישט געמאַכט קיין פּאָר נייע פליגל, נאָר ער האַלט אין איין איבערניצעווען די אַלטע.

— אָט דאָ אין דער רעכטער זייט קוועטשט אַביסל, — האָט געזאָגט דער מלאך גבריאל. — אָט־אָ־דאָ, שלמה־זלמן.

שלמה־זלמן מלאך דער לאַטוטניק האָט געצייכנט מיטן קריידל, געמאָסטן מיטן צענטימעטער־בענדל. אַלעמאָל איז ער אונטערגעשפרונגען און מבטיח געווען:

— ס׳וועט שוין זיין רעכט, ר׳ גבריאל, ס׳וועט שוין זיין רעכט, פאַרלאָזט זיך אויף שלמה־זלמנען.

דער מלאך גבריאל האָט אָבער פיינט זיך צו פאַרלאָזן אויף יענעם. ער האָט רק געהויבן די אַקסלען, געפונען אַ חסרון אָט דאָ און אָט דאָרטן. שלמה־זלמנען האָט עס פאַרדראָסן ביז גאָר.

אַ גוטע שעה האָט ער אַזוי אָפּגענודעט דעם אָרעמען לאַטוטניק. דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען. ביי דער טיר האָט ער זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט און נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט דעם לאַטוטניק:

— געדענק, שלמה־זלמן, איך דאַרף האָבן די פליגל אויף פּסח. געדענק!

קוים איז דער מלאך גבריאל אַוועקגעגאַנגען, איז פּישערלס טאַטע גע־וואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער. ער האָט אונטערגעטאַנצט און זיך צעזונגען:

וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו?
דעם שור־הבר מיטן לויתן,
דעם שור־הבר מיטן לויתן
וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו.

ביי דער ניי־מאַשין איז געזעסן דער געזעלן סיאָמקע מלאך. ער האָט אַרומגעשטעפּט די קאַנטן פון אַ פליגל און שטומערהייט געברומט.

ביים פּרעס־טיש איז געשטאַנען דער געזעלן בערל מלאך. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט קליינע, פּייערדיקע אייגעלעך. ער האָט אַלעמאָל מיט אַ פינגער געפּרואווט צי דאָס פּרעסל איז נאָך געווען הייס, און ווייטער געפּרעסט.

סיאָמקע מלאך און בערל מלאך, די צוויי שניידער־געזעלן, זענען אַמאָל געווען נאָענטע חברים, כמעט ווי איין גוף און איין נשמה. נאָר פון זינט זיי האָבן זיך ביידע פאַרליבט אין דער מלאכטע רויזל, דער טאָכטער פונם גן־עדן־קרעמער, ישראל־משה, זענען זיי געוואָרן אויף מעסער־שטעך, געטאָן איינער דעם אַנדערן אויף צו להכעיס, ממש אין דער לעבער אַריין.

די מלאכטע רויזל, אַ יונגע און אַ שיינע, האָט פון זיי בײדן געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. אָט האָט זי אַנגעצויגן איינעם און אָט דעם אַנדערן. אין אַ געוויסן מאָמענט איז אַזש דערגאַנגען צו אַ געשלעג צווישן די צוויי אַמאָליקע חברים. זיי האָבן זיך געוואָרפן די פרעס־אײַזנס אין קאָפּ אַריין און אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד זענען זיי געקומען צו דער אַרבעט מיט באַנדאַזשירטע קעפּ.

סיאָמקע מלאך האָט שוין אַפילו געפּרואווט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף זיינע שעלקעס. ער האָט אין יענעם מאָמענט פאַרגעסן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום מיתה פאַר אַ גן־עדן־מלאך. און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געבאָמבלט אַ גאַנצן מעת־לעת אין דער לופטן, האָט ער אַראָפּגע־נומען די שעלקעס פונם האַלז און געשאָלטן דעם גן־עדן, דעם געזעלן בערל מלאך און... ער האָט געוואָלט שעלטן די טאָכטער פונם גן־עדן־קרעמער, די סיבה פון אַלע זיינע ווייטיקן, נאָר דאָס האַרץ האָט אים דערצו נישט דערלאָזט.

מיר איז זייער געפעלן געוואָרן די היים פון מיין חבר פישערל. אַ שטוב מיט אַן אַלקער און אַ קיך. דאָס איז געווען אַרום און אַרום די גאַנצע היים. אין איין שטוב האָט מען געאַרבעט, אין אַלקער איז מען געשלאָפן און אין קיך האָט פישערלס מאַמע, חנה־דבורה, זיך געפּאָרעט דעם גאַנצן טאָג, צוגעגרייט מיטאָג און וועטשערע פאַרן גאַנצן הויזגעזינט.

דאָס פענסטער איז געווען אָפן. דורכן פענסטער האָט מען געזען די גן־עדן־לאָנקע און דעם שור־הבר, וואָס פּאַשעט זיך. דריי באַרוועסע מלאכים האָבן געהיט דעם שור־הבר, ער זאָל נישט פאַרקריכן אין קיין פרעמדע גערטנער. איינער פון זיי האָט מעשה פּאַסטוך געשפּילט אויף זיין פייפל און די אַנדערע צוויי האָבן געזונגען.

פאַרנאַכט האָבן די צוויי מלאכים פאַרשטעקט די נאָדלען אין די לאַצן אין זענען אַוועק חלומען וועגן זייער בשותפותדיקער געליבטער. פישערלס טאַטע איז אַוועק אין שניידערישן שולעכל דאַוונען. איך און פישערל זענען

געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, געזען ווי די גן־עדן־לאַנקע הויבט אָן צו טונקלען. מיר האָבן געהערט די זילבערנע גן־עדן־גרילן טשירקען. דער שור־הבר האָט געצופט די גראָז. איך האָב באַוואונדערט זיין אַפּעטיט.

די דריי פאַסטוכער האָבן געזונגען, דאָס הייסט, איינער האָט געשפּילט אויפן פייפל און די אַנדערע צוויי האָבן געזונגען. ווער ס'האָט נישט געהערט דאָס פאַסטוכער־געזאַנג אין גן־עדן, ווייסט נישט פון קיין שיינס אויף דער וועלט.

אויף דער לאַנקע פון גן־עדן
פאַשען מיר פון גאַנץ קאַיאַר,
מיר, די פאַסטוכער די קליינע,
אָט דעם גרויסן שור־הבר.

פייפט אַ פויגל אין גן־עדן,
איז זיין פייפן מלא־חן.
שפרינגט אַ קעלבל אויף דער לאַנקע,
איז זיין שפרינגען מלא־חן.

גרילן טשירקען אין די גראָז,
טריל, טריל, טריל און טריל, טריל, טריל,
און דער ווינט, דער אַלטער שטיפער,
דרייט די פליגל פון דער מיל.

דאָס פייפל איז זיך פאַרגאַנגען נאָגנדיק און זיס. מיר האָבן שוין געזען נאָר די סילועטן פון די דריי פאַסטוכער, און געהערט דאָס מעלה־גרהן פונם שור־הבר.

די לבנה איז אויפגעגאַנגען פון צווישן די ביימער. איך האָב אַ טאָרע געטאָן מיין חבר פישערל, וואָס איז געשטאַנען פאַרטראַכט און געשוויגן.

— פישערל, ווייסט וואָס?

— וואָס, שמואל־אַבא?

— לאָמיר זיך אַביסל איבערשפּאַצירן.

— וואו, שמואל־אַבא?

— איך מיין, מיר זאָלן גיין אַביסל שפּאַצירן אין דער דריי־אָבות־אַליי.

— מסכּים.

מיר האָבן צעשפּרייט אונזערע פליגלען און מיר זענען געפלויגן. פּישערל האָט טיף אין זיך אַריינגעאָטעמט דעם גן־עדן־ווינט.

— דיין טאַטע איז זייער אַ וואוילער מלאך, פּישערל. ער אַרבעט אַזוי שווער און פונדעסטוועגן ווייזט ער אויס צו זיין אַ גרויסער קבצן.

פּישערל האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט פיינט געהאַט, אַז מען האָט גערעדט וועגן זיין טאַטנס אָרעמקייט.

די דריי־אָבות־אַליי איז געווען פול מיט יונגע פאָרלעך. אַ סך זענען געפלויגן. אַ טייל זענען געזעסן אויף די בענק און זיך געשושקעט.

וואָס דאָס שושקען זיך באַדייט, האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען. נאָר ס׳איז אונדז געפעלן געוואָרן. מיר האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ווען מיר וועלן אויסוואַקסן, וועט זיך יעדער פון אונדז אויסקלויבן אַ מלאכטע און מיר וועלן זיך אויך שושקען מיט זיי אין דער דריי־אָבות־אַליי.

מיר האָבן דערהערט אַ טיפן, שווערן זיפץ. מיר האָבן זיך איינגעקוקט ווער ס׳זיפצט דאָס אַזוי, און מיר האָבן באַלד דערקענט דעם שניידער־געזעלן סיאָמקע מלאך, וואָס האָט שפּאַצירט אַן איינזאַמער אין דער אַליי.

פון דער צווייטער זייט אַליי האָט זיך דערהערט אַ צווייטער זיפץ. דאָס האָט געזיפצט בערל מלאך, וואָס האָט זיך אויך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט.

— אַז מיר וועלן אויסוואַקסן און ווערן גרויסע, וועלן מיר אויך זיפצן, — האָט געזאָגט פּישערל.

— און נאָך שטאַרקער, ווי די צוויי שניידער־געזעלן, — האָב איך צוגעגעבן.

— אַוודאי, — האָט פּישערל באַשטעטיקט. און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער סאַמע מיט פון דער אַליי.

מיר האָבן שפּאַצירט אַהין און צוריק. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דעם שעפּטשען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון צווישן די ביימער. אַ מלאך האָט זיך געשוואוירן מיט כל־השבועות, אַ מלאכטע האָט נישט געגלויבט. ער האָט זי געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט אים נישט גלויבן, וועט ער זיך אַראָפּשליידערן אויף דער ערד.

— וואָס טוסטו דאָ, פּישערל, קום אַהיים!

מיר האָבן דערקענט פּישערלס שוועסטער עטל. זי איז געגאַנגען מיט אירס אַ חברטע שפּאַצירן אין דער אַליי.

— איך וויל נישט אַהיימגיין. כ׳וויל נאָך אביסל שפּאַצירן מיט מיין חבר שמואל־אַבא, — האָט פישערל גענטפערט.

די שוועסטער איז אַוועקגעגאַנגען. איך מיט מיין חבר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט.

— דיין שוועסטער איז אַ שיינע, — האָב איך געזאָגט, — זי האָט אַזוינע ראָזע פליגל.

— זי איז שוין אַ כלה, — האָט מיר פישערל געענטפערט שטאָלץ, — שבת נאָך שבועות וועט זיין די חתונה.

— וועסט מיך פאַרבעטן אויף דער חתונה, פישערל?

— אַוודאי, — האָט מיר פאַרזיכערט מיין חבר, און מיר האָבן זיך צעשיידט ביז מאָרגן אינדערפרי.

די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַ חתונה. פישערל איז געווען דער מחותן, איך בין געווען דער חתן. כלי־זמר האָבן געשפּילט. די כלה האָט געוויינט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז ס׳איז נאָר אַ חלום. ס׳האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן נאָך דעם דאָזיקן שיינעם חלום.

V

געשפּענסטער אין גן־עדן

דאָס דערציילן האָט מיך אַביסל פאַרמאַטערט. איך האָב אַ ווײַלע אָפּגערוט. אַ קוק געטאָן אויף מײַנע צוהערער, געוואָלט זען, צי כאַפּן זיי נישט קיין דרימל, בשעת איך דערצייל וועגן מײַנע איבערלעבונגען אין גן־עדן. נאָר אַז איך האָב געזען דעם רב, ווי ער האַלט די באָרד אײַנגעקלאַמערט מיט זײַנע פינגער, דעם גביר, ווי ער האַלט די הענט אויפן בויך און דעם דיק, וואָס זיצט מיט אַן אָפן מויל, כאַטש שפּרעך אים אָפּ אַ גוט אויג — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך מעג ווײַטער דערציילן.

... — פון יענעם מאָדנעם חלום האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַנטקעגן מיטן נאַכט. אין חלום, ווי איר ווייסט, בין איך געווען דער חתן, מײַן חבר פישערל דער מחותן, און פישערלס שוועסטער, עטל, איז געווען די כלה.

איך האָב געוואָלט צוריק אַנטשלאָפן ווערן, ווײַטער שפּינען דעם דאָזיקן שיינעם חלום, נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט. איך בין געלעגן אַ שטיקל צײַט מיט צוגעמאַכטע אויגן אויף מײַן געלעגער, נאָר דער שלאָף האָט מיר געמיטן און דער שיינער חלום איז שוין געווען הינטער־הינטער־העט אויף יענער זײַט פון די גן־עדן־מילן.

איך בין אַראָפּ פון מײַן געלעגער. אַ באָרוועסער, אין נאַכט־העמד בין איך צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט.

די גאַס איז געווען פאַרגאָסן מיט לבנה־זילבער. אַזאַ ליכטיקע לבנה־נאַכט איז אַפילו אין גן־עדן אַ זעלטנקייט. איך האָב אויפגעעפנט דאָס פענסטער, אַרײַנגעאָטעמט אין זיך דעם מילדן מיטן־נאַכט־ווינט און אים צוריק אַרויסגעאָטעמט מיט אַ גרוס צו מײַן חבר פישערל און צו זײַן שיינער שוועסטער מיט די ראָזע פליגל.

אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן טראָטואַר האָבן זיך צונויפגעשטויסן צוויי שאָטנס. זיי האָבן אויסגעשפּיגן און זיך פאַרחידושט:

— דו ביסט עס, סיאָמקע?

— דו ביסט עס, בערל?

— וואָס טוסטו אַזוי שפּעט בײַנאַכט אויף דער גאַס, סיאָמע?

— און דו, וואָס טוסטו, בערל?

איך האָב זיי דערקענט, דאָס זענען געווען די צוויי פאַרליבטע שניידער־מלאכים, וואָס אַרבעטן ביי פישערלס טאַטע, שלמה־זלמן דעם לאַטוטניק.

איך האָב אָנגעשטרענגטביידע אויערן. ס׳איז מיר געווען אַ שאָד צו פאַרלירן דאָס מינדסטע וואָרט פון זייער שמועס.

— איך קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן, סיאַמע. קוים פאַרמאַך איך די אויגן, זע איך זי, דעם גן־עדן־קרעמערס טאָכטער.

סיאַמע האָט אָפּגעזיפצט:

— מיט מיר איז אויך דאָס אייגענע, בערל. איך... איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. איך האָב געזען, ווי די נאָדלען פינקלען אין זייערע לאַצן.

— איך בין מקנא, — האָט טרויעריק אַ זאָג געטאָן סיאַמקע מלאך, — איך בין מקנא דעם מינדסטן שניידער־יונג אויף דער ערד. ער, אַז ס׳גליקט אים נישט אָפּ אַ ליבע, קאָן ער כאָטש איינגעמען סם, אָדער זיך דערטרינקען אין אַ טייך.

— מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, — האָט אים אָפּגעענטפערט בערל מלאך, — מיר מוזן טראָגן אונזער שלימזל אייביק. אַ פאַסקודנע וואָרט אָט־דאָס וואָרט „אייביק". ווער האָט עס אויסגעטראַכט? און צו וואָס?

איך האָב געזען, ווי די צוויי פראַגעצייכנס „ווער?" און „צו וואָס?" פלאַטערן אַראָפּ פון בערל מלאכס ליפּן און בלייבן הענגען אין גן־עדן־חלל, וואָס איז פול מיט זיסן לבנה־שיין.

זיי זענען זיך צעגאַנגען, סיאַמקע רעכטס און בערל לינקס. די צוויי אומגליקלעכע מלאכים, וואָס בלאָנקען זיך אַרום דורך די גן־עדן־נעכט, האָב איך באַדויערט. טיף, טיף באַדויערט.

איך האָב געטראַכט, אַז דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל, די סיבה פון זייער אומרו, שלאָפט איצט, מסתמא. אירע האָר זענען צעוואָרפן איבערן קישן. די פליגל, מיט וועלכע זי האָט זיך צוגעדעקט, האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר לייב. אפשר שמייכלט זי אין חלום און ווייסט אפילו נישט, אַז דאָס שלימזל, וואָס זי האָט באַשוואוירן, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ס׳בענקט נאָכן טויט און קאָן נישט שטאַרבן.

אַ לבנה־נאַכט אין גן־עדן, — האָב איך געטראַכט, — האָט זיך אויך אירע געשפּענסטער.

אין יענער רגע האָב איך אַפילו נישט געאַנט, אַז אין דער דאַזיקער נאַכט וועט מיר זיין באַשערט צו זען און צו הערן אַ סך מער, ווי די זיפּצן פון די צוויי שלימזלדיקע שניידער־מלאכים.

איך האָב דערהערט אַ געוויין. אַ שאַרפס, אַ פאַרצווייפלטס. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צום ערשטן מאָל דערזען דעם מלאך שמעון־בער. ער איז געווען, ווי זיין שטייגער, טויט־שיכור. ביי די הענט האָט ער געפירט צוויי נישט־געבוירענע קינדער. זיי האָבן זיך געריסן פון זיינע הענט, געשריגן און געוויינט.

— עץ וועט האַלטן דעם פּיסק, ממזרים, — האָט זיך געכעסט דער מלאך שמעון־בער, — עץ וועט שוין אַמאָל פאַרשטומט ווערן, צי ניין?

זיין רויטע באָרד איז געווען צעשויבערט, די אויגן זענען אים געווען איבערגעקערט, אַזוי שיכור איז ער געווען.

— מיר ווילן נישט געבוירן ווערן, — האָבן געוויינט די צוויי נישט־געבוירענע קינדער, — מיר ווילן נישט אַראָפּ אויף דער ערד. האָט רחמנות, ר׳ שמעון־בער!

איינס פון די קינדער איז געווען אַ מיידעלע און איינס אַ אינגעלע. שמעון־בער האָט באַקומען דעם באַפעל זיי אַראָפּצושטעלן היינטיקע נאַכט אויף דער ערד. זיי האָבן געדאַרפט געבוירן ווערן אַ צווילינג.

— איך וויל נישט געבוירן ווערן, — האָט שמעון־בער זיי איבערגעקרימט.

— ווער פרעגט אייך, ממזרים?

דאָס אינגעלע, וואָס שמעון־בער האָט געפירט ביי דער רעכטער האַנט, איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום שיכורן מלאך:

— ר׳ שמעון־בער, לאָזט מיר אַ רגע אָפּ די האַנט. כ׳וויל זיך אָפּווישן די נאָז.

שמעון־בער האָט זיך נישט געכאַפּט. ער האָט אָפּגעלאָזט די האַנט פון דעם בחור. דער חברה־מאַן האָט גענומען אַנטלויפן.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע געלויף אין דער דאַזיקער שיינער לבנה־נאַכט אין גן־עדן. שמעון־בער האָט געפאַכעט מיט זיינע גראָבע, וואַטאָווע פליגל, זיך געיאָגט נאָך דעם אַנטלאָפענעם. דאָס מיידעלע האָט ער פעסט געהאַלטן ביים הענטל און זי נאָכגעשלעפּט מיט זיך.

איך האָב אַלצדינג געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. דאָס האַרץ האָט מיר געפּלאַטערט. איך האָב תפילה־געטאָן צום בורא־עולם, אַז ער זאָל באַווייזן אַ נס און שמעון־בער זאָל נישט כאַפּן דאָס אַנטלויפנדיקע קינד.

מיין תפילה האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט געהאָלפן. שמעון־בער האָט סוף־כל־סוף געפּאַקט דעם חברה־מאַן. ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַן אויער און אים געשלעפּט מיט זיך.

— וואַרט נאָר צו, אַז מירן קומען צו דער גרענעץ, וועט עך שוין כאַפּן דעם אמתן שנעל אין די נעז, בענקאַרטעס.

דאָס מיידעלע איז, נעבעך, געווען גאָט די נשמה שולדיק, אָבער שמעון־בער, אַז ער איז אין כעס איז אים אַלצאיינס, צי מען איז יאָ שולדיק, צי נישט. ער מוז און וועט שוין זיין כעס אויסלאָזן.

איך האָב געזען, ווי שמעון־בער שלעפּט דאָס מיידעלע ביי דער האַנט, דאָס אינגעלע ביי אַן אויער. זיי פליען אַוועק אין דער ריכטונג צו דער גרענעץ.

איך האָב זיי נאָכגעקוקט אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן גורל פון די נישט־געבוירענע קינ־דער. געוואָלט פאַרשטיין זייער שרעק פאַר דער ערד און נישט געקאָנט. איך בין נאָך געווען צו יונג און צו קליין, כדי דאָס אַלצדינג צו פאַרשטיין.

מאָרגן וועל איך דערציילן מיין חבר פישערל אַלצדינג, וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט אין דער דאָזיקער נאַכט. טשעקאַווע, וואָס ער וועט מיר דערויף ענטפערן.

— אַז שמעון־בער איז אַ גזלן און אַ שיכור, דאָס ווייס איך אַליין, — וועל איך אים זאָגן. — כ'האָב זיך שוין אַ סך אָנגעהערט וועגן אים און נעכטן האָב איך עס אַליין געזען. ס'איז אַלץ אמת, וואָס מען דערציילט וועגן אָט דעם רשע. נאָר זאָג מיר, פישערל, איך בעט דיר, פאַרוואָס ציטערן די נישט־געבוירענע קינדער אַזוי פאַרן געבוירן ווערן און פאַרוואָס שרעקן זיי זיך אַזוי פאַר דער ערד?

איך האָב געפּרוווט טרעפן, וואָס פישערל וועט מיר ענטפערן. איך האָב, פונקט ווי מיין חבר, צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן. געמיינט, אַז דער פינגער ביים שטערן וועט מיר עפּעס העלפן. נאָר ווייס איך וואָס. אַלץ איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש, פונקט ווי פריער. איך אַליין האָב נישט געקאָנט געבן קיין באַשייד.

איך האָב דערהערט אַ פאָכען פון פליגל. כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן

און געזען, ווי ס׳בלישטשען פון דער ווייטנס פייערלעך. אַ סך, אַ סך פייערלעך. די פייערלעך קומען אַלץ נענטער און נענטער. דאָס פאָכען פון די פליגל ווערט אַלץ מעכטיקער און האַסטיקער.

כ׳האָב זיך געחידושט. אַזאַ פאָכען האָב איך ביז דענסטמאָל נישט געהערט. ווער קאָן דאָס זיין? — האָב איך געטראַכט און אָנגעשטרענגט מיינע אויגן.

איך האָב דערזען אַ מלאך מיט גרויסע, שוואַרצע פליגל. דער מלאך האָט געהאַט טויזנט אויגן, וואָס האָבן געפלימערט רויט און דראָענדיק דורך דער ווייסער לבנה־נאַכט. אין דער האַנט האָט דער מלאך מיט די שוואַרצע פליגל געהאַלטן אַ שווערד.

— דאָס איז דער מלאך־המות, — האָב איך געטראַכט. — ער פליט, מסתמא, איצט אַראָפּ אויף דער ערד. דאָ אין גן־עדן האָט פאַר אים קיינער קיין מורא נישט, נאָר דאָרט אויף דער ערד ציטערט מען פאַר אים. קוים דערהערט מען זיין פלאַטערן מיט די פליגל, באַפאַלט יעדן איינעם אַן אימה. אידן לויפן אין שול אַריין זאָגן תהילים און ווייבער לויפן רייסן קברים. אָבער ס׳העלפט זיי, זאָגט מען, גאָרנישט. ווען דער מלאך־המות דאַרף נעמען, דעם נעמט ער. ס׳העלפט נישט קיין שום געוויין און קיין שום תפילה.

דער מלאך מיט די שוואַרצע פליגל איז געקומען אַלץ נענטער און נענטער. ער האָט געפאָכעט מיט זיין גרויסער שווערד אין דער לופט: צו וויסן־געטאָן, אַז ער פליט אין אַן ערנסטן, זייער אַן ערנסטן שליחות.

פונם גן־עדן־הימל האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטערן. דער שטערן איז אַנטקעגנגעפלויגן דעם מלאך מיט די שוואַרצע פליגל און אים פאַרהאַלטן.

— מלאך־המות, וואו פליסטו? — האָט געפרעגט דער שטערן און גע־ציטערט. איך האָב נישט געוואוסט, צי פאַר פחד, צי פאַר רחמנות.

— איך פלי, — האָט אים געענטפערט דער מלאך־המות מיט די שוואַרצע פליגל, — איך פלי אַראָפּ אויף דער ערד. איך דאַרף נעמען די נשמה פון אַ כלה־מיידל און זי אַרויפברענגען פאַר דער פמליה של מעלה.

דאָס האַרץ האָט מיר געפלאַטערט. די נשמה פון אַ כלה־מיידל, — האָב איך געטראַכט. פישערלס שוועסטער איז דאָך אויך אַ כלה־מיידל.

נאָר איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די גן־עדן־כלות האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַרן מלאך מיט די שוואַרצע פליגל און איך האָב זיך באַרואיקט.

דער שטערן האָט געציטערט, געפלאַטערט און זיך געבעטן ביים מלאך־המות:

— קער זיך אום, מלאך מיט די שוואַרצע פליגל! וואָס ווילסטו פון דעם אָרעמען כלה־מיידל אויף דער ערד? האָב רחמנות אויף איר. זאָל זי זיך פרייען מיט די בלומען, מיט איר ליבע, מיט אירע חלומות.

— ט'אַסטו דיר אַ נייעם מליץ־יושר, — האָט זיך געכעסט דער מלאך־המות. — ווער האָט ביי דיר געבעטן דיין רחמנות? מען האָט דיר געהייסן דו זאָלסט שיינען, טאָ שיין דיר געזונטערהייט און מיש זיך נישט אין יענעמס געשעפטן.

דער שטערן האָט אָבער נישט אָפגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן איינצו־טענהן מיטן שוואַרצן מלאך, געפרואווט אים איבערצייגן:

— דאָס ערדישע כלה־מיידל איז נישט מיין שוועסטער און אַפילו נישט מיינע קיין קרובה. איך האָב נאָר אַמאָל געזען אירע אויגן, וואָס האָבן צו מיר אַרויפגעקוקט. איך האָב נאָר אַמאָל געהערט אירן אַ זיפץ און אַ מורמל. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איבערגעבן אַ גרוס איר באַשערטן.

— אַנטקעגן וואָס דערציילסטו מיר דאָס? — האָט געזאָגט שטרענג דער מלאך מיט די שוואַרצע פליגל. — אפשר וואָלסטו מיר נישט געשטאַנען אין וועג, איך בעט דיך. אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט, ווען איך וואָלט געווען אַזוי סענטימענטאַל, ווי דו.

דער שטערן האָט ממש געכליפּעט, זיך געבעטן מיט טרערן און אינגאַנצן געציטערט.

— צי איז דיר נישט אַ שאָד, מלאך, אָט דאָס יונגע לעבן? ניינצן יאָר איז דאָס אַלט אינגאַנצן. באַטראַכט זיך — ניינצן יאָר.

— ביזט גאָר אַ גאַנצער פּאָעט, — האָט געזאָגט דער מלאך מיט ביטול.
— אפשר וואָלסטו געפלויגן צום כסא־הכבוד און געזונגען שירה? ס'וואָלט געווען אַ סך גלייכער פאַר דיר און דו וואָלסט פאַרשפּאָרט מיר שטערן אין מיין אַרבעט.

— ביזט אַ רשע און אַ גזלן, — האָט טרויעריק געזאָגט דער שטערן, — דו האָסט אַ האַרץ פון אַ שטיין. דיך נעמט נישט קיין שום געבעט, אָבער געדענק, וואָס איך זאָג דיר...

— וואָס זאָל איך געדענקען? און וואָס האָב איך צו געדענקען?

— געדענק, — האָט פרום געזאָגט דער שטערן, — אַז ס׳שטייט אין חד־גדיא...

— וואָס שטייט אין חד־גדיא? — האָט געחוזקט דער מלאך־המות.

— אין חד־גדיא שטייט, אַז צום סוף וועט קומען דער רבונו של עולם און וועט קוילען דעם מלאך־המות...

איך האָב געזען ווי דער מלאך־המות האָט אַ ציטער געטאָן, דער שטערן האָט אים דערמאָנט זיין אייגענעם סוף. ס׳איז געווען אַ מערקווירדיקער ציטער, דער שרעק פונם טויט פאַר זיך אַליין.

איך בין געווען נייגעריק, וואָס ס׳וועט ווייטער געשען. שוין־זשע וועט דער מלאך מיט די שוואַרצע פליגל זיך אומקערן? און דאָס ערדישע כלה־מיידל וועט מאָרגן אינדערפרי עפענען די אויגן ווי אַלע טאָג? זיך פרייען מיט דער זון, מיט די בלומען, מיט איר באַשערטן?

איך האָב, ווייזט אויס, געהאַט אַ טעות. דער מלאך־המות האָט אַ פאָכע געטון מיט זיין שווערד. פונקען זענען אַזש געפלויגן. ער האָט צעשפּרייט זיינע שוואַרצע, גרויסע פליגל און זיך געלאָזט ווייטער פליען.

— דו פליסט טאַקע ווייטער? — האָט מיט אַ געבראָכן קול געפרעגט דער שטערן.

— איך מוז! — האָט אים געענטפערט שטרענג דער מלאך, און איידער וואָס־ווען איז ער נעלם געוואָרן.

פונדערווייטנס האָב איך נאָך געזען זיינע פינקלדיקע אויגן, געהערט דאָס רוישן פון זיינע פליגל. דער שטערן איז ערגעץ־וואו אַראָפּגעפאַלן אין גן־עדן־גראָז, געזוכט אַ טרייסט ביי די גן־עדן־גרילן.

מאָדנע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין. אין דער זעל־ביקער לבנה־נאַכט האָב איך געהערט דאָס געוויין פון צוויי קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט געבוירן ווערן, און דעם האַרטן, שטרענגן „איך מוז" פונם מלאך מיט די טויזנט אויגן, וואָס איז געפלויגן אויסלעשן אַ לעבן אויף דער ערד.

אַנטקעגנאיבער מיין פענסטער האָט געבליט אַ קאַרשנבוים. און כאָטש זיין קרוין איז געווען פול מיט לבנה־שיין, האָט ער געוואָרפן אַ שאָטן אויף דער ערד.

איך האָב געזען דעם דאָזיקן שאָטן, געזען, ווי ער ציטערט. שוין־זשע,

— האָב איך זיך אַליין געפרעגט, — מוז אַפילו אַ שאָטן ציטערן? טאַ פאַר וועמען? אפשר גאָר פאַר זיך אַליין?

דאָס ערשטע מאָל פון זינט איך בין געווען אין גן־עדן האָב איך זיך געשראָקן פאַר שאָטנס און געשפּענסטער.

איך האָב זיך געפּרואווט באַרואיקן, איינשטילן די שרעק. איך האָב גערעדט הויך צו זיך אַליין, כדי איך זאָל בעסער הערן.

— שוטה, — האָב איך זיך אַליין געמוסרט, — פאַרוואָס האָסטו מורא? און פאַר וועמען האָסטו מורא? נישט דיך האָט עס געמיינט דער מלאך שמעון־בער, נישט דיך האָט ער געפירט געבוירן ווערן און נישט דיך איז דער מלאך מיט די טויזנט אויגן געפלויגן אויסוואָרצלען פון דער ערד.

אין דעם קרוין פונם אַנטקעגנאיבערדיקן קאַרשנבוים האָט אַ ווינט גערעדט פונם שלאָף. דער שאָטן פונם בוים אויף דער ערד האָט געוואָלט אָנכאַפּן זיין אייגענעם עק און נישט געקאָנט.

אפשר אָוועקגיין פונם פענסטער? — האָב איך געקלערט. — און פונ־דעסטוועגן בין איך ווייטער געשטאַנען, זיך נישט גערירט פונם אָרט. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז די נאַכט אין גן־עדן פאַרמאָגט נאָך געשפּענסטער. זיי וועלן זיך נאָך אַנטפּלעקן באַצייטנס.

איך האָב געהערט זינגען, שטיל און טרויעריק האָט אָפּגעקלונגען דער ניגון אין דער לבנהדיקער גן־עדן־נאַכט.

איך האָב זיך איינגעהערט, געפּרואווט דערגיין פון וואַנען דער ניגון טראָגט זיך, און בשום־אופן נישט געקאָנט.

דער ניגון האָט זיך דערנענטערט צו דעם געסל, וואו איך האָב געוואוינט. ערשט איצט האָב איך באַמערקט די געשטאַלט, וואָס האָט געזונגען איר ליד, געצויגן דעם ניגון איבער די לבנהדיקע גן־עדן־גאַסן.

ס׳איז געווען פּערעלע די משוגענע, אַ מלאכטע, וואָס איז אַראָפּ פון זינען צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע. מיין חבר פישערל האָט מיר דערציילט, אַז זי, פּערעלע, האָט געשפּילט אַ ליבע מיט דעם גן־עדן־בוכהאַלטער געצל. געצל פאַרשרייבט די מצוות, וואָס אידן טוען. צום סוף פון יעדן יאָר רעכנט ער צונויף די אַלע מצוות און שטעלט צו דעם חשבון דעם מלאך מיכאל.

דריי יאָר איז פּערעלע געגאַנגען מיט דעם גן־עדן־בוכהאַלטער. יענער האָט איר צוגעשוואוירן „עוויגע ליבע“. פּערעלע האָט געמיינט, אַז אַלצדינג, וואָס ער זאָגט, איז תורת משה. זי, די גוטע, פרומע נשמה, האָט נישט

געוואוסט, אַז ס׳זענען פאַראַן שאַרלאַטאַנעס אין גן־עדן, וואָס שפּילן זיך אַ שטיקל צייט מיט מיידלשע הערצער, כדי זיי דערנאָך אַוועקצואוואַרפן.

פערעלע האָט געאַרבעט ביי אַ גן־עדן־מאַדיסטקע. יעדן גראָשן, וואָס זי האָט פאַרדינט, האָט זי אַוועקגעלייגט, געשפּאָרט דעם ביסן פונם מויל, זי האָט געוואַרט אויפן גליקלעכן טאָג, ווען זי וועט חתונה האָבן מיט דעם גן־עדן־בוכהאַלטער. דענסטמאַל וועט איר צונויף קומען דאָס קניפּל, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון יאָרן האַרעוואַניע.

צום סוף האָט זיך פון אַלצדינג אויסגעלאָזט אַ בוידעם. איר געליבטער האָט זי אַוועקגעוואָרפן און חתונה געהאַט מיטן מלאך מיכאלס אינגסטער טאָכטער כאַוועשע.

פערעלע האָט געוויינט דורך די נעכט. נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. קיין שום טרייסטן זי האָט נישט געהאָלפן.

אין אַ שיינעם טאָג איז זי אַרויס מיט צעשויבערטע האָר און מיט צע־שויבערטע פליגל. זי האָט געמאַכט אַזעלכע געוואַלדעס, זיך געוואָרפן אויף יעדן איינעם, אַז מען האָט זי געמוזט בינדן. צוויי מלאכים האָבן זי צוגע־שלעפּט צום רעגן־קראַן און געלאָזט אויף איר אַזוי לאַנג גיין דאָס קאַלטע וואַסער, ביז פערעלע האָט זיך באַרויִקט.

פון זינט דענסטמאַל אָן איז זי געוואָרן שטיל, נישט גערעדט מיט קיינעם קיין וואָרט. ווי זי האָט נאָר געזען אַ מלאך, האָט זי אים אויסגעמיטן. גאַנצע טעג פלעגט זי אָפּזיצן ביי זיך אין שטוב. האָט מען צו איר גערעדט, האָט זי נישט געענטפערט. זי האָט געקוקט יעדן איינעם גלייך אין די אויגן אַריין און גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען.

— אין לבנהדיקע נעכט, — האָט מיר דערציילט מיין חבר פישערל, — ווען אַלע מלאכים, קליינע און גרויסע, שלאָפן שוין, דענסטמאַל פאַרלאָזט פערעלע די שטוב, זי גייט אַרום איבער די גאַסן און זינגט אירע ליבע־לידער.

אין יענער לבנה־נאַכט האָב איך זי געזען גיין, אַ הויכע מיט ברענענדיקע אויגן. די האָר זענען איר געווען צעוואָרפן איבער די אַקסל. די פליגל זענען ביי איר געווען צעשויבערט.

זי איז געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו די שטערן און געזונגען:

איך בין געגאַנגען שפּאַצירן
צווישן ווייץ און קאָרן

און דעם, וואָס איך האָב ליב געהאַט,
האָב איך אָנגעוואוירן.

איך האָב איִם אָנגעוואוירן
צווישן יאָ און ניי, —
צי האָט איר איִם, איר פייגעלעך,
אין ערגעץ נישט געזען?

אויב יאָ, טאָ זאָגט איִם, פייגעלעך,
אַז כ׳זיץ נאָך אַלץ און וואַרט,
אויב יאָ, טאָ פרעגט איִם, פייגעלעך,
פאַרוואָס ר׳האָט מיך גענאַרט.

איך קאָן שווערן, אַז איך האָב געזען טרערן אין אירע אויגן. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט אירע צעשויבערטע האָר, זיי נאָך מער צעשויבערט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער ווינט מאַכט חוזק פון אָט דער משוגענער מלאכטע און ס׳האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן.

פערעלע איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן מיין פענסטער. זי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אַ טיפן זיפץ געטאָן. זי האָט, משמעות, געפילט, אַז נאָענט נעבן איר איז פאַראַן אַ האַרץ, וואָס פילט מיט איר ווייטיק.

איך האָב געוואָלט צו איר עפּעס רעדן, כ׳האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז זי זאָל האָבן אָט דעם געצל, דעם בוכהאַלטער, טיף טייער אין דר׳ערד. אַז דער דאָזיקער שאַרלאַטאַן האָט נישט די ווערט אַפילו קיין איין טרער פון אירע שיינע אויגן.

איך האָב אָבער גאָרנישט נישט געזאָגט. ביז צום היינטיקן טאָג ווייס איך נישט, פאַרוואָס איך האָב געשוויגן. אפשר, ווען איך וואָלט איר געזאָגט אין יענער רגע אַ פּאָר גוטע ווערטער, וואָלט איך זי געטרייסט.

און אפשר האָב איך דערפאַר גאָרנישט נישט געזאָגט, ווייל אין גן־עדן זענען אויך נישט פאַראַן אַזוינע ווערטער, וואָס זאָלן היילן די וואונדן פון אַן אומגליקלעכער ליבע.

פערעלע איז ווייטער געגאַנגען. מיט אירע האָר האָבן זיך איצט געשפּילט צוויי גן־עדן־שטיפערס, טאַדרעס דער דרום־ווינט און שמעלקע דער מזרח־ווינט.

איך האָב נישט געקאָנט מער איינשטיין ביים פענסטער. ס'האָט מיך געצויגן צו אָט דער משוגענער מלאכטע. און אָט אַזוי, ווי איך בין געווען אָנגעטאָן, אין הוילן נאַכט־העמד, בין איך איר נאָכגעגאַנגען.

מיט די באָרוועסע פיס האָב איך געטראָטן אויפן קילן לבנה־זילבער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט הפקר אין די גן־עדן־גאַסן.

פערעלע איז געגאַנגען פאָרויס, איך נאָך איר. זי האָט מיך אַפילו נישט באַמערקט. פערעלע איז געגאַנגען טריט ביי טריט און געזונגען:

די לבנה שיינט אין מיטן דער נאַכט,
די מלאכים זיי טוען איצט שלאָפן,
נאָר מיך, נאָר מיך, האָט, מאַמע געטרייע,
אַ גרויסער אומגליק געטראָפן.

אַ ליבע, אַ ליבע, האָב איך געשפּילט
מיט אַ ליכטיקן פאַרשוין,
ער איז געווען דער שענסטער דימענט
אין דער גן־עדן־קרוין.

ער האָט מיך געהאַלזט, געקושט און געגלעט,
און מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן,
ער האָט מיך גערופן: „מיין קרוין", „מיין גאָלד"
און געטאָן מיר צום האַרצן צודריקן.

אוי, מלאכטעס יונגע, הערט צו מיין ליד,
וואָס איז פול מיט פּיין און מיט טרערן,
גלויבט די מלאכים ווי הינט אויף דער גאַס,
ווען זיי טוען אַ ליבע אייך שווערן.

דאָס דאָזיקע לידל, וואָס פערעלע האָט געזונגען, האָט מיך אינגאַנצן צענומען. איך האָב געזען, ווי פערעלע דערנענטערט זיך צום דוד המלך־וועלדל. איך בין איר נאָכגעגאַנגען.

די צוויי גן־עדן־שטיפער, טאַדרעס דער דרום־ווינט און שמעלקע דער מזרח־ווינט, האָבן זיך גענומען שפּילן מיט מיין העמד און עס אַלע מאָל פאַרהויבן מיר איבערן קאָפּ.

איך האָב זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן מיך לאָזן צורו. ס'איז איצט נישט די צייט אויף צו שפּילן זיך. אַן אַנדערטמאָל, אַז זיי וועלן וועלן, בין איך תמיד גרייט.

די צוויי שטיפער האָבן מיר אַריינגעשושקעט אין די אויערן, איינער אין רעכטן און דער צווייטער אין לינקן:

— דאָס שפּילן זיך מיטן העמד איז אַ בעסער שפּיל, שמואל־אַבא, ווי דאָס שפּילן אַ ליבע. פונם שפּיל מיטן העמד קומען נישט אַרויס אַזוינע צרות, ווי פונם שפּילן אַ ליבע. פאָלג אונז און לאָמיר זיך שפּילן דאָס שפּיל מיטן העמד.

איך האָב זיי אָפּגעטריבן פון זיך, זיי פעסט אויסגעזידלט, זיי געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז נישט תמיד בין איך אויפגעלייגט אויף צו שטיפן.

נאָענט נעבן וועלדל איז פערעלע געבליבן שטיין. זי האָט צעשפּרייט אירע הענט און אַריינגעזונגען אין וועלדל אַריין:

אָט דאָ, אין דעם וועלדל,
אין אַ לבנה־נאַכט
האָב איך דיר מיין ליבע
פאַר אַ קרבן געבראַכט.

איך בין אויך געבליבן שטיין, פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן און זיך צוגעהערט צו דעם ליד, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ תפילה און אַ קדיש אינאיינעם:

פרעג דעם בוים אין וואַלד,
פרעג דעם ווינט אין פעלד,
פאַרוואָס דו האָסט פאַראומערט
מיין ליכטיקע וועלט.

אדרבא — האָב איך געטראַכט — אדרבא. פרעג פון היינט ביז מאָרגן, זאָלן זיי דיר געבן אַן ענטפער.

פרעג דעם פויגל אויפן בוים,
פרעג דאָס פישעלע אין טייך,
צי זיי האָבן פאַרלוירן
אַזאַ מין קיניגרייך.

פערעלע איז אַריין אין דוד־המלך־וועלדל. איך בין איר מער נישט נאָכגעגאַנגען. איך האָב, דעם אמת געזאָגט, מורא געהאַט. דער שגעון געמישט מיט וואַלד האָט מיך געשראָקן.

איך בין געשטאַנען ווי פאַרגליווערט ביים אַריינגאַנג אין דוד־המלך־וואַלד. איך האָב אַליין נישט געוואוסט צי האָט זיך מיר דאָס אַלצדינג געחלומט, צי ס'איז געווען וואָר.

איך האָב צעשפרייט די פליגל. דער מאָרגנטוי האָט געשימערט אויף זיי. כ'בין אַהיימגעפלויגן מיטן געדאַנק צו פאַרגעסן די אַלע קאָשמאַרן, אָט־די אַלע געשפּענסטער פונם גן־עדן, וואָס האָבן זיך צו מיר באַוויזן אין דער לבנה־נאַכט.

אָבער איך האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן. נאָך ביז צום היינטיקן טאָג שטייען די דאָזיקע גן־עדן־געשפענסטער פאַר מיינע אויגן. די צוויי פאַר־ליבטע שניידער־מלאכים, וואָס בענקען נאָכן טויט, די צוויי נישט־געבוירענע קינדער, וואָס ווילן נישט געבוירן ווערן, די תפילה פונם שטערן צום מלאך־המות, ער זאָל נישט איבעררייסן דאָס ציטערנדיקע לעבן פונם ערדישן כלה־מיידל. און דער עיקר, דער זינגענדיקער אומזין פון אַן אַנטוישטער גן־עדן־ליבע...

— צי קאָן מען פאַרגעסן אָט אַזאַ נאַכט? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיינע צוהערער, וואָס זענען געזעסן ביי מיין טאַטן אין שטוב און זיך צוגע־הערט צו מיינע דערציילונגען וועגן גן־עדן.

דער רב האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, זיך אויפגעכאַפּט ווי פון יענער וועלט:

— האָסט עפּעס געפרעגט, שקאָץ? הא, וואָס האָסטו געפרעגט?

דער גביר האָט געצימבלט מיט זיינע פינגער אויפן בויך. ער האָט, מסתמא, געוואָלט זאָגן אויף דייטש „זאָנדערבאַר" און נישט געקאָנט.

דער דיין, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַן אָפן מויל, האָט צוגעמאַכט דאָס מויל און איינגעשלונגען אַ טוץ פליגן, וואָס האָבן זיך אין משך פון מיין דערציילונג איינקוואַרטירט צווישן זיינע ציין.

מיין מאַמע האָט אָפּגעווישט די טרער, וואָס האָט זיך איר געבאַמבלט אין רעכטן אויג און נישט געקאָנט אַראָפּפאַלן.

מיין טאַטע האָט געפּויקט מיט די פינגער אויפן טיש. וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן דערמיט, האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

איך האָב געפילט, אַז מער וועל איך אין דעם אויפדערנאַכט נישט קאָנען

דערציילן. איך האָב זיך אַנטשולדיקט און אָן וועטשערע האָב איך זיך אַליין אַריינגעלייגט אין מיין וויגל.

איך האָב נאָך געהערט, ווי דער רב, דער דיין און דער גביר געזעגענען זיך מיט מיין טאַטן. איך האָב געהערט, ווי זיי טשמאַטשקען די מזוזה. דער רב האָט אַ זאָג געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין:

— הייסט עס, אַז מאָרגן מערטשישעם וועט ער ווייטער דערציילן, פּיזול? איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

VI

אין דוד המלכס גיטער

דעם אַנדערן אויפֿדערנאַכט, ווען דער רבֿ, דער דיין און דער גביר ר׳ מיכל הורוויץ זענען געזעסן ביים טיש און געוואַרט איך זאָל ווייטער דערציילן, האָב איך זיי אַ ווײַלע באַטראַכט. זיי זענען געווען בלאַס און נישט אויסגעשלאָפֿן. די באָרד פֿונם רבֿ — אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט — איז מיט אַ האָר ווייסער געוואָרן, די געשפּענסטער־מעשה אין גן־עדן האָט אים, ווײַזט אויס, שטאַרק צערודערט.

— נו, — האָט אַ וואָרטשע געטאָן מײַן טאַטע, — נו, דערצייל שוין! זעסט דאָך, אַז מען וואַרט דו זאָלסט דערציילן און דו זיצסט ווי אַ גולם.

דערהערט דאָס וואָרט „גולם״, האָט זיך מײַן מאַמע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, געוואָלט פֿאַר מיר איינשטעלן און אַרײַנזאָגן דעם טאַטן, ווי ס׳געהער צו זײַן, נאָר דאָס מאָל האָב איך נישט געלאָזט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען און זי איז געבליבן שטיין אויף איר אָרט. דער טאַטע, וואָס האָט שוין געכאַפּט אַ ציטער פֿאַרן שטורעם, האָט זיך באַרואיקט, און איך האָב גענומען דערציילן:

— נאָך די אַלע זעאונגען, וואָס איך האָב געזען אין יענער ווייסער לבֿנה־נאַכט, האָב איך שוין מער נישט געקאָנט שלאָפֿן. איך האָב זיך קוים דער־וואַרט, ס׳זאָל שוין גוט ליכטיק ווערן אין גן־עדן און איך בין תּיכּף געפֿלויגן צו מײַן חבֿר פֿישערל.

איך האָב אָנגעקלאַפּט צו אים אין פֿענסטערל. פֿישערל איז נאָך געשלאָפֿן. ער האָט נישט געהערט מײַן קלאַפּן.

איך האָב שטאַרקער געקלאַפּט, די פֿינגער האָבן מיר אַזש ווי געטאָן. קוים מיט צרות האָב איך אים אויפֿגעוועקט.

— פֿישערל, קום! שנעל, שנעל.

— וואָס איז געשען, שמואל־אַבאַ? — האָט געפֿרעגט מײַן חבֿר און זיך אויסגעריבן די אויגן.

— קום אַרויס, וועסט שוין אַלץ געוואויר ווערן, — האָב איך געציטערט מיט מײַן גאַנצן גוף. מײַן חבֿר איז אַרויסגעקומען. איך האָב אים אָנגענומען

ביי דער האַנט, אים אַריינגעקוקט אין זיינע פאַרשלאָפענע אויגן און געזאָגט:

— לאָמיר פליען צום דוד־המלך־וועלדל!

מיר זענען געפלויגן. אויפן וועג האָב איך אים דערציילט די אַלע קאַשמאַרן, וואָס האָבן זיך מיר אַנטפּלעקט. פישערל האָט אָפּגעזיפצט.

מיין דערציילן האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. ער האָט אַ ציטער געטאָן מיט זיינע ליכטיקע פליגל און געזאָגט:

— איך האָב נאָך ביז איצט גאַרנישט געזען פון דעם אַלעמען, וואָס דו דערציילסט מיר, שמואל־אַבא. געהערט האָב איך אַ סך, אָבער געזען נישט. וויזט אויס, אַז אַזעלכע זאַכן זעט מען נאָר אין שלאָפלאָזע נעכט. דו האָסט געהאַט די זכיה פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט. איך בין דיך שטאַרק מקנא, שמואל־אַבא.

איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען. זיינע רייד זענען מיר אויסגעקומען מאָדנע. וואָס איז דאָ געווען מיך מקנא צו זיין?

כ׳האָב עס אים געזאָגט. ער האָט מיך אָנגעקוקט. זיין בליק איז געווען מאָדנע ווייט...

— דאָס, וואָס דער טאָג פאַרשווייגט און פאַרבלענדט מיט זונגאָלד, פלאַפּלט אויס די נאַכט. זי הויבט אויף דעם שלייער פון די זאַכן און דו קוקסט אַריין אין תהום. אַ שאָד, וואָס איך בין פאַרשלאָפן אָט די דאָזיקע נאַכט.

מיר זענען ווייטער געפלויגן. די מאָרגנזון האָט געוואַרעמט אונזערע פליגל. דער גן־עדן־ווינט איז געווען אַ יונגער און פרישער. ער האָט זיך געשפּילט מיט אונזערע האָר און זיך אַליין געחידושט אויף זיין חוצפה.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום דוד־המלך־וועלדל. דער ווינט האָט אונז איבערגעלאָזט. ער איז פלינק אַריינגעשפּרונגען אין וועלדל אַריין, דער־ציילן די גן־עדן־האָזן, אַז ס׳קומען געסט. זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. די צוויי „פליערס" האָבן נישט מיטגענומען זייערע פיילנבויגנס.

איך און מיין חבר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער, נאָענט פאַרן אַריינגאַנג אין וועלדל.

— אָט אָ דאָ, — האָב איך געוויזן מיטן פינגער, — האָט זיך פּערלע די משוגענע מלאכטע פאַרנומען אין וועלדל אַריין. איך האָב מורא געהאַט איר נאָכצוגיין. קום, פישערל, אפשר וועלן מיר זי נאָך טרעפן.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין וועלדל אַריין. געזוכט די שפּורן פון דער משוגענער און גאָרנישט געפונען.

פייגל האָבן געצוויטשערט אויף דיביימער. אויף די גראָזן האָט גע־שימערט דער טוי, גרויסע זילבערנע טראָפּנס.

— אפשר זענען די טראָפּנס טוי די טרערן, וואָס די אומגליקלעכע ליבע האָט אַריינגעוויינט אין די גראָזן? — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו מיין חבר.

— אפשר, טאַקע? — האָט פישערל געפּליסטערט. מיר האָבן זיך אַוועק־געשטעלט ביי אַ גרויסער, ווילדער גן־עדן־רויז, וואָס איז פול געווען מיט אָט־די טראָפּנס, און מיר האָבן פרום און פּאַרכטיק אָפּגעזונגען אַ קאַפּיטל תהילים.

— די טרערן זענען געבליבן, — האָב איך אַ פרעג געטאָן, — טאָ וואו זענען אַהינגעקומען די שפּורן פון פּערעלעס טריט?

— מסתמא האָט דער גן־עדן־סטרוזש אויסגעקערט די שפּורן. אַזוי פירט מען זיך דאָ אין גן־עדן. דער טאָג טאָר נישט געוואויער ווערן, אַז די גן־עדן־נעכט זענען אָפּטמאָל פול מיט שטות און מיט שגעון.

— איז דאָך אומזיסט דאָס זוכן, פישערל, לאָמיר זיך אומקערן.

פישערל האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט צוגעלייגט זיין פינגערל צום שטערן. איך בין געשטאַנען און געוואַרט, וואָס וועט ער דאָ אויסקלערן.

אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן איבער פישערלס קאָפּ, אַ טשירקע געטאָן: פּי, פּי. אַלע פייגל קענען מיין חבר פישערל. זיי האָבן אים ליב און באַגריסן זיך מיט אים. „פּי, פּי" — הייסט אויף פויגליש לשון „פישערל".

— מירן היינט נישט גיין אין חדר אַריין, — האָט אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן מיין חבר.

— נו און דער רבי, מאיר פאַרעך דער גמרא־מלאך? ער וועט דאָך אונז מאָרגן דערפאַר קאַטעווען.

— כ'האָב אים אויף דער ערד, — האָט מיין חבר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— מסכים! — האָב איך צוגעגעבן. — איך האָב דעם דאָזיקן רשע אויך אויף דער ערד.

מיר זענען נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, זיך צוגעהערט צום צוויטשערן פון די פייגל, אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון די גראָזן.

— קום, שמואל־אַבא!

— וואוהין, פישערל?

— מירן פליען אין דוד המלכס גיטער.

— אין דוד המלכס גיטער? מען וועט אונז דען אַריינלאָזן?

— איך האָב אַ חבר דאָרטן, ער איז אַ פּאַסטוך אין דוד המלכס גיטער, ער פּאַשעט די שאָף. לייבעלע מלאך הייסט ער. כ׳האָב אים שוין נישט געזען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

— ס׳איז ווייט פון דאַנען, פּישערל?

— אַ צוויי שעה פליען קיין מזרח צו, שמואל־אַבא. אונזער דוד המלך איז שוין איינמאָל רייך! דעם גאַנצן טאָג גייט ער אַרום מיט דער גילדענער קרוין אויפן קאָפּ. ער גייט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און קוקט זיך צו ווי די מלאכים אַרבעטן, פאַרזייען זיינע פעלדער. ער האָט שטאַרק ליב, אַז מען זינגט זיין „תהילים״, אַט דער דוד המלך. זיינע לידער האַלט ער פאַר די שענסטע אין דער וועלט און די מלאכים, וואָס אַרבעטן ביי אים, מוזן זיי זינגען דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט.

— גוט, פּישערל. מירן פליען און מירן הערן, ווי די מלאכים זינגען די לידער פון דוד המלך.

מיר האָבן צעשפּרייט אונזערע פליגל און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר זענען געפלויגן קעגן מזרח צו. די זון האָט אונז געבלענדט די אויגן.

די ערשטע האַלבע שעה איז אונז געווען שווער דאָס פליען אַנטקעגן דער זון. דערנאָך האָבן מיר זיך צוגעוואוינט. איך האָב שוין געפלאַמט פאַר נייגעריקייט צו זען די גיטער פון דוד המלך.

מיין חבר האָט מיר געוויזן מיטן פינגער:

— שמואל־אַבא, דו זעסט?

איך האָב אַראָפּגעקוקט און געזען: גרינע פעלדער, וואָס ציען זיך טיף אין האָריזאָנט אַריין. אין דער רעכטער האַנט גרויסע, בליענדיקע וועלדער. לינקס, אַ זילבערנער טייך, וואָס זעט אויס ווי דער זילבערנער גאַרטל, וואָס די מלכה שבא האָט פאַרלוירן.

איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און איך האָב אויסגעשריגן:

— אוי, ווי שיין!!

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַביסל נידעריקער, כדי מיר זאָלן בעסער קאָנען זען. אויף די פעלדער זענען געשטאַנען פּראָסטע מלאכים, די העמדער איבער די הויזן. זיי האָבן געאַקערט און געזייט. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן געטריפט פון זייערע שטערנס. די מלאכים האָבן געזונגען:

טאָגט דער טאָג אין פענסטער,
טרייבט מען אונז אַרויס,
פון אונזער אָרעם ווינקל,
אונזער אָרעם הויז.

קוקו, קוקו, ביזט אַן עדות,
ווי מיר האָרעוועז דאָ שווער —
טראָג אַוועק צו גאָט בעכי
אונזער שטילע טרער.

מיר אַקערן די פעלדער,
מיר שניידן דעם שניט,
און ברענגען די קינדער
דעם הונגער נאָר מיט.

קוקו, קוקו, ביזט אַן עדות,
ווי מיר האָרעוועז דאָ שווער,
טראָג אַוועק צו גאָט בעכי
אונזער שטילע טרער.

— פאַרוואָס זענען זייערע לידער אַזוי טרויעריק ? — האָב איך געפרעגט ביי מיין חבר.

— פאַרוואָס, פרעגסטו ? — האָט אַ זיפץ געטאָן מיין חבר. — קוק זיך נאָר צו, ווי זיי וואוינען און דו וועסט פאַרשפּאָרן צו פרעגן. ווער ס'איז זיי מקנא, מעג איבערקומען אויף זייער שטאַנד.

ער האָט מיר געוויזן מיטן פינגער. איך האָב זיך איינגעקוקט און געזען קליינע, נידעריקע כאַטעס פון ליים. די דעכער געדעקט מיט שטרוי.

— אָט דאָרטן אין די כאַטעס וואוינען זיי, די אָרעמע מלאכים. קיינמאָל נישט זיך אָנגעגעסן צו דער זעט, קיינמאָל קיין חלום נישט געחלומט ביזן סוף.

— פאַרוואָס האָבן זיי, נעבעך, אַזאַ פינסטערע דאָליע, פישערל ?

— פאַרוואָס, פרעגסטו ? — האָט פישערל אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. — פאַרוואָס ? ווייל ס'איז נישטאָ קיין יושר אין גן־עדן. דוכט זיך, זיי זענען מלאכים, פונקט ווי אַלע אַנדערע, זיי האָבן פליגל און זינגען שירה און פונ־דעסטוועגן — נאָ, זע !

פון פישערלס אויגן איז אַראָפּגעפאַלן אַ טרער. איך האָב אויפגעכאַפּט די טרער מיט דער האַנט, זי איז געווען הייס.

— איז, הייסט עס, נישט פאַר יעדן דער גן־עדן אַ גן־עדן? — האָב איך געפרעגט.

— דערווייל... דערווייל נישט, — האָט מיין חבר מיר געענטפערט. און מיר זענען ווייטער געפלויגן.

און דאָס אַלצדינג טוט זיך אָפּ אין דוד המלכס גיטער — האָב איך געטראַכט און הויך אַ זאָג געטאָן:

— וואו איז יושר?

פישערל האָט זיך פאַרקרימט:

— שוטה, האָסט דאָך געהערט, וואָס אברהם אבינו האָט געזאָגט דענצמאָל שבת אויפן שפּאַציר: „יושר שמוישער"...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענעם געשפּרעך פון די אָבות און בין רויט געוואָרן פאַר בושה.

— נו, און דוד המלך? — האָב איך געפרעגט. — וואָס טוט דוד המלך?

— הלואי אויף אַלע מלאכים געזאָגט געוואָרן. ער לעבט זיך אין גן־עדן ווי גאָט אין פראַנקרייך. דעם גאַנצן טאָג גייט ער אַרום פּוסט און פּאַסט. אָדער ער שפּילט אויף דער האַרף, אָדער ער ליובעט זיך מיט אבישג, און אַז ס׳ווערט אים נמאס, טשעפּעט ער זיך צו די שיינע טעכטער פון די אָרעמע מלאכים.

— ער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן זיינע אַלטע שטיק?

— ניין, פאַרקערט. אין גן־עדן פּראַוועט ער ערשט זיינע שטיקלעך, סטייטש, דוד המלך!

מיר זענען פאַרבייגעפלויגן דעם זילבערנעם גן־עדן־טייך. מלאכטעס זענען געשטאַנען באָרוועסע ביים ברעג און געוואַשן גרעט. אַ יונגע מלאכטע מיט רויטע הענט האָט געזונגען:

וואויל איז, צדיקים,
וואויל איז צו אייך,
מיר וואַשן דאָס גרעט
ביים גן־עדן־טייך.

וואָס איר מאַכט קויטיק,
מאַכן מיר ריין,
וואָס איר מאַכט בלאָטיק,
מאַכן מיר שיין.

און די אַנדערע מלאכטעס, עלטערע און אינגערע, וואָס זענען געשטאַנען געבויגן ביים ברעג טייך, האָבן אָפּגעענטפערט אין כאָר:

אַ לויב דעם באַשעפער,
דעם האַר פון דער וועלט,
וואָס האָט אויף יושר
די וועלטן געשטעלט.

ווער ס׳שפּילט אויף דער האַרף,
און אָט ווער ס׳דאַרף
וואַשן דאָס גרעט
און שווייסן דאָס פעלד.

פון די ליימענע כאַטעס האָט זיך געטראָגן דאָס געוויין פון קליינע זויג־מלאכימלעך. זיי זענען געלעגן אַליין אין די וויגן און זיך געריסן די העלזער. ברײַנע די גן־עדן אַם, אַ מלאכטע מיט גרויסע, פולע ברוסטן, איז געגאַנגען פון כאַטע צו כאַטע און אָנגעזויגן די קליינע מלאכימלעך. דער האַר פון די גיטער, דוד המלך, האָט זי געדונגען דערצו, כדי די „פּעמפּיקעס״ זאָלן נישט אָפּרייסן די מאַמעס פון דער אַרבעט.

— פון וואַנען נעמט ברײַנע די גן־עדן־אַם אַזוי פיל מילך אויף אָנצוזויגן אַזוי פיל מלאכימלעך? — האָב איך געפרעגט מיין חבר.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, שוטה? — האָט אַ וואָרטשע געטאָן מיין חבר פישערל. — זי גיסט אונטער וואַסער...

מיר זענען ווייטער געפלויגן, זיך פאַרנומען אויף רעכטס, צו די סעדער צו. די זון האָט גענומען בראָטן. מיר האָבן געזוכט אַ שאָטנדיק ווינקל.

אין מיטן פון אַ בליענדיקן פּאַרק איז געשטאַנען אַ פּאַלאַץ פון מירמל־שטיין. די פענסטער פון פּאַלאַץ זענען געווען ברייט צעעפנט. צווי יונגע מלאכטעס מיט פעדערן אין די האָר האָבן געלופטערט דאָס בעטגעוואַנט.

— דאָס איז דער פּאַלאַץ פון דוד המלך, — האָט מיר געזאָגט מיין חבר פּישערל. — דער פּאַלאַץ האָט איבער הונדערט חדרים. אין דעם פּאַלאַץ וואוינט דער מלך מיט זיינע ווייבער און קעפּסווייבער.

— אַ שיינער פּאַלאַץ, — האָב איך זיך געחידושט. — ס'וואָלט כדאי געווען צו כאַפּן אַ קוק, וואָס ס'טוט זיך דאָרט אינעווייניק.

— זאָל גאָט אָפּהיטן! — האָט אויסגעשריגן פּישערל. — קוים טרעטסטו איבער די שוועל פון דעם פּאַלאַץ, כאַפּן דיך תיכף די סריסים און מאַכן דיך פאַר אַ פּאַזש.

— אַ פּאַזש ביים מלך דוד איז דען אַזאַ שלעכטע זאַך, פּישערל?

— זאָלן שוין דיינע שונאים רעדן, שמואל־אַבא, ווייל דו אַליין ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. מער פעלט דיר נישט, ווי אונטערהאַלטן אַ גאַנצן טאָג דעם שלעפּ פון דוד המלך, אָדער אים קיצלען די פּיאַטעס.

איך האָב אַ ציטער געטאָן מיט בידע פליגל.

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַ פּאָר פאַרשוויצטע פּיס מיט גרויסע הינער־אויגן אויף די פינגער. איך קיצל די דאָזיקע פּיס. דער שוויס דושעט און דער מלך כעסט זיך און שרייט זיך אויס אויף מיר:

— שטאַרקער, שטאַרקער קיצל, שמואל־אַבא! וואָס ביסטו, אַ פּאַזש, צי אַ ליימענער גולם?

בררר... איך האָב נאָכאַמאָל אַ ציטער געטאָן.

מיר האָבן דערהערט דאָס שפּילן פון אַ האַרף. פּישערל האָט אויפגעשפּיצט די אויערן.

— דו הערסט, שמואל־אַבא?

— איך הער, פּישערל!

— דער מלך דוד שפּילט אויף דער האַרף. לאָמיר פליען, אָבער שטיל, אויף די שפּיץ־פליגל, ער זאָל אונז נישט דערהערן.

מיר זענען נאָכגעפלויגן די קלאַנגען פון דער האַרף. אונטער אַ שאָטנדיקן דאָמב איז געזעסן דוד המלך. ער האָט געשפּילט. נעבן אים איז געזעסן אַ יונג מיידל מיט שוואַרצע, געקרויזטע האָר. זי האָט געהאַט אַ קאַרשעלע אויף דער לינקער באַק.

איך און מיין חבר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נישט ווייט פון דעם פּאָרל. איך האָב באַטראַכט דעם מלך. ער איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער, אַ באַ־

לייבטער, מיט שאַרפע, גרינע אויגן. דאָס בערדל אַ רויטלעכס, אַביסל אַרומ־געשוירן.

— אַט ער האָט עס געמאַכט דעם תהילים? — האָב איך פליסטערנדיק געפרעגט ביי מיין חבר.

— ששש... — האָט מיין חבר צוגעלייגט זיין פינגערל צום מויל. איך האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט איז דאָס בעסטע צו שווייגן און צו הערן.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז דוד המלך האָט געשפּילט זייער שיין. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געשפּילט, איז דאָס מיידל, וואָס איז נעבן אים געזעסן, געוואָרן וואָס אַמאָל שענער און שענער.

אַז ער האָט פאַרענדיקט דאָס שפּילן, האָב איך געזען ווי אַן אָדלער קרייזט זיבן מאָל אַרום דוד המלכס קאָפּ. פון צווישן די ביימער פון סאָד האָבן אויסגערופן טויזנטער שטימען:

— דוד מלך ישראל חי וקים!

דער מלך האָט געשמייכלט. ס'האָט אים, ווייזט אויס, הנאה געטאָן. דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן נעבן אים, האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, שולמית? וואָס האָסטו אַזוי נישט קיין צייט?

— האָט דער מלך צו איר געזאָגט און זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— איך מוז גיין, שוועד. שלמה קען מיך שוין זוכן אין די ווייגערטנער. איר ווייסט דאָך, אַז קוים פאַרזוים איך זיך אַביסל, הויבט ער מיך אָן צו זוכן. ער האָט שוין מסתמא אפשר צען מאָל אָפּגעזונגען דעם גאַנצן שיר־השירים.

דוד המלך האָט זי אָבער נישט געלאָזט גיין. ער האָט זי אַראָפּגעצויגן צו זיך אונטערן שאָטנדיקן בוים און זי פעסט אַרומגענומען.

— שולמיתל... טייבעלע... קעצעלע.

שולמית האָט זיך געריסן פון זיינע אָרעמס. אירע האָר האָבן זיך צע־שויבערט, איר פנים האָט געגליט.

— לאָזט צורו, שוועד! — האָט זי געאָטעמט הייס. — ס'איז אַן עבירה, איר פאַרזינדיקט זיך אַנטקעגן אייער תהילים.

— אַז דו וועסט וועלן, קעצעלע, — האָט דוד המלך הייס געשעפּטשעט, — אַז דו וועסט וועלן, וועל איך צוליב דיר אָנשרייבן אַ שענערן תהילים, אַ שענערן שיר־השירים, ווי שלמה, אַ שענערן...

מיר האָבן געהערט אַ קוש, אַ צווייטן, אַ דריטן. שולמית האָט זיך געבעטן, געריסן פון זיינע הענט:

— לאָזט אָפּ, איך בעט אייך, לאָזט אָפּ, שווער! שלמה וועט געוואויר ווערן, וועט זיך טאָן חושך.

— אַ פייג וועט ער ביי מיר געוואויר ווערן, קעצעלע. אַ מכה וועט ער ביי מיר געוואויר ווערן, טייבעלע...

— די פייגל וועלן עס אים דערציילן, שווער. שלמה פאַרשטייט דאָס לשון פון די פייגל.

— די פייגל פון מיינע גיטער, — האָט געסאָפּעט דוד המלך, — וועלן אים גאָרנישט נישט דערציילן. די פייגל פון מיינע גיטער האַלטן מיט מיר.

מיר האָבן ווידער געהערט אַ קוש, אַ צווייטן, אַ דריטן. ווער ווייסט צו וואָס ס'וואָלט דערגאַנגען, ווען דוד המלך וואָלט נישט דערהערט בת־שבעס קול:

— דוד, וואו ביסטו ערגעץ, דוד?

שולמית האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרריכט די האָר און פלינק ווי אַ סאַרנע איז זי אַוועק, אַ צעפלאַמטע, אַ הייסע.

דוד המלך האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען די האַרף און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צום פּאַלאַץ פון מירמלשטיין. מיר האָבן אים נאָכגע־קוקט אַזוי לאַנג, ביז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן דיביימער.

פון די פעלדער האָט זיך דערטראָגן צו אונז אַ געזאַנג פון די אַרבעטנדיקע מלאכים. ס'האָט פאַרשמעקט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, שוויס און תהילים.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין חבר, מיין חבר האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען.

— ווען בת־שבע וואָלט געוואוסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— בת־שבע איז שוין געוואוינט צו די צרות, אָבער ווען אַבישג וואָלט זיך דערוואוסט, פרעג שוין נישט, וואָס דאָ וואָלט געווען.

— נו, און שלמה המלך, ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער דען געשוויגן?

— ער וואָלט פאַר כעס צעריסן דעם גאַנצן שיר־השירים. בעסער וואָלט געווען ער זאָל נישט געוואויר ווערן, ס'אַ שאָד דעם שיר־השירים.

פישערל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מיין באָבעס דאגה! זאָלן זיי זיך רייסן ביי די קעפּ.

מיר האָבן זיך אָפּגעווישט דעם שטויב פון די פליגל און זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן. די זון האָט שוין געהאַלטן נענטער צו מערב.

— איצט װעלן מיר אויפזוכן לייבעלע מלאך, דעם פּאַסטוך. ס'איז אַן אַלטער חבר מיינער. כ'האָב אים שוין ניט געזען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

— וואו װעלן מיר אים געפינען, פישערל?

— קום, איך ווייס שוין וואו. דאָרט, זעסט, אָט דאָרטן אויפן גרינעם בערגל פּאַשעט ער די שאָף.

מיר זענען געפלויגן צום גרינעם בערגל. לייבעלע מלאך איז געזעסן אויפן שפּיץ פון בערגל און געשפּילט אויף אַ פייפל. אַרום אים האָבן זיך געפּאַשעט די שאָף.

אַ הונט האָט זיך צעבילט. איך האָב זיך דערשראָקן און זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אָן מיין חברס פליגל.

— האָב נישט קיין מורא, נאַרעלע, — האָט מיך באַרואיקט מיין חבר, — ס'איז לייבעלעס הונט. שעפּטל הייסט ער, ס'אַ אידישער הונט, ער בילט, נאָר ער בייסט נישט.

מיר זענען צוגעפלויגן נענטער צום בערגל. איידער מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, האָבן מיר זיך צוגעהערט צו לייבעלעס שפּילן אויפן פייפל.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו לייבעלע מלאך, דעם פּאַסטוך. ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. ער איז געווען אַ בלאָנד מלאכל מיט ליכטיקע, בלאָע אויגן.

— אָט דאָס איז דוד המלך, — האָב איך געשעפּטשעט, — אָט אַזוי דאַרף אויסזען דוד המלך: באַרוועס און שיין, און שפּילט אויפן פייפל מלא חן.

פישערל האָט מיך אָנגעקוקט:

— דו חלומסט, שמואל־אַבא. דער וואָס שפּילט אויפן פייפל, איז לייבעלע מלאך, דער פּאַסטוך, און אָט יענער מיט דער קרוין אויפן קאָפּ, איז געווען דוד המלך.

— אָבער דוד המלך איז דאָך אויך געווען אַ פּאַסטוך.

פישערל האָט מיר מער גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך פאַרטראַכט און זיך צוגעקוקט צו די זילבערנע וואָלקנדלעך, וואָס שיפן זיך אויפן גן עדן־הימל. זיי שטויסן זיך צוזאַמען, קלינגען זילבערן און דין און שווימען זיך ווייטער זייער וועג.

לייבעלע מלאך דער פּאַסטוך האָט אָוועקגעלייגט דאָס פייפל אין גראָז. ער האָט געזונגען זיס, האַרציק. איך האָב געציטערט פאַר מתיקות:

צווישן מנחה און מעריב
שפּילט שענער דער פלויער,
צווישן מנחה און מעריב
ווערט שענער דער טרויער.

די וואָלקנס, זיי ווערן
ווייס, ווייטער און ליבער,
זיי גיבן דיין בענקשאַפט
די שטערנדלעך איבער.

איז ווי צו דער בענקשאַפט,
וואָס פאַרמאָגט נישט קיין טרויער,
און ווי צו דעם טרויער,
וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פלויער.

ביי מיר האָבן די אויגן גענומען טרערן. מיין חבר פישערל האָט זיך שיער נישט צעוויינט אויף אַ קול. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. לייבעלע מלאך איז צוגעלאָפן צו מיין חבר, זיי האָבן זיך צעקושט. שעפּטל דער הונט האָט צו מיר געהאָט טענות: „האָוו, האָוו, האָוו״.

פישערל האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין חבר לייבעלע מלאך דעם פּאַסטוך:

— לייבעלע, אָט דער אָ, איז מיין נייער חבר, שמואל־אַבא הייסט ער. ער איז אַ וואוילער יאָט.

מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט. שעפּטל האָט אויפגעהערט צו בילן. ער איז מיט מיר אויך געוואָרן חבר. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט נעבן מיר און געכאַפּט גן־עדן־פליגן.

אין דוד המלכס גיטער האָט גענומען טונקלען. מיר האָבן אַלע געשוויגן און זיך צוגעקוקט, ווי די שאָטנס פאַרכאַפּן אַלע מאָל אַ שטיקל פעלד, רוקן זיך נענטער. אָט האַלטן זיי שוין ביי לייבעלעס שאָף.

פישערל האָט זיך געבעטן ביים פּאַסטוך, וואָס איז געזעסן נעבן אים:

— לייבעלע, זינג מיר דאָס ליד, וואָס דו האָסט מיר געזונגען פאַראַיאָרן, ווען איך בין געווען ביי דיר.

לייבעלעס בלאָע אויגן זענען געוואָרן טונקעלער. דער אָוונט האָט זיך, ווייזט אויס, אַריינגעגנבעט צו אים אין די אויגן. ער האָט געזונגען:

דער אָוונט שפּאַנט איין
זיינע שאָטן־פערד
און טונקלט, פאַרטונקלט
די גן־עדן־ערד.

שפּיל, פּאַסטוכל, שפּיל —
דיין אָוונט־ליד
מאַכט ליכטיק די שטערן
און די פייגל מיד.

די שאָף אויף דער לאָנקע
בענקען אַהיים,
און ס׳וואָרעמט אַ חלום
דיין כאַטע פון ליים.

דיין כאַטע פון ליים
איז אָרעם און קליין,
דערפאַר איז איר חלום
נאָך שענער פון שיין.

לייבעלע מלאך האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מיר האָבן אַלע געשוויגן. די גרילן אין גראָז און די זשאַבעס פונם נאָענטן זומפּ האָבן געלייענט קריאת־שמע.

לייבעלע מלאך האָט זיך אויפגעהויבן. מיט אַ פייף האָט ער צונויפגערופן די סטאַדע שאָף.

— מען דאַרף אַהיימטרייבן די סטאַדע, — האָט ער צו אונז געזאָגט, — איר וואַרט אויס אויף מיר, איך וועל תיכף צוריקקומען. די נאַכט וועלן מיר פאַרברענגען צוזאַמען. אַ נאַכט אין דוד המלכס גיטער איז טשעקאַווע ביז גאָר. ס׳איז דאָ וואָס צו זען און וואָס צו הערן.

לייבעלע האָט געגומען טרייבן די סטאַדע אַהיים. מיר האָבן אים נאָכ־געקוקט. זיינע בלאָנדע האָר זענען געווען דאָס איינציקע שטיק גאָלד, וואָס האָט געליכטיקט אין דעם אָוונט־טונקל פון דוד המלכס גיטער.

נאָכדעם, ווי לייבעלע איז פאַרשוואונדן מיט זיינע שאָף, האָט זיך ערשט באַוויזן דער ערשטער שטערן אויפן גן־עדן־הימל.

מיר, דאָס הייסט, איך און מיין חבר פישערל, האָבן זיך צוגעלייגט אין גרינעם גראָז. די פרעמד האָט מיך אַביסל געשראָקן, דער עיקר, דער פאַר־נאַכט אין דער פרעמד. נאָר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט אָן לייבעלעס בלאָע אויגן און אין זיינע גאָלדענע האָר איז מיר געוואָרן היימלעכער.

— מיר וועלן די נאַכט נישט שלאָפן, — האָט אַ זאָג־געטאָן פישערל, — לייבעלע מלאך וועט אונז אַרומפירן די נאַכט איבער דוד המלכס גיטער.

— ווייטער אַמאָל געשפענסטער, — האָב איך געציטערט, — פישערל, צו וואָס ? — מיין חבר האָט אַ שמייכל געטאָן :

— אַז אַ שוטה פרעגט „צו וואָס ?" ענטפערט מען אים : „פאַר דאָס".

דער גן־עדן־הימל איז געוואָרן פול מיט שטערן. זיי האָבן געציטערט גלייך אַ ווינט וואָלט זיי געוויגט.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך הער דאָס וויג־ליד, וואָס דער ווינט זינגט פאַר די שטערן.

— פישערל, דו הערסט ?

פישערל איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער האָט געשוויגן.

VII

נאַכט אין דוד המלכס גיטער

לייבעלע מלאך דער פאַסטוך איז צוריקגעקומען. פון צווישן די ביימער איז אויפגעגאַנגען די לבנה. לייבעלע האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל:

— פסס... לאָמיר גיין אויף די שפּיץ־פינגער, מען זאָל, חלילה, נישט געוואויר ווערן, אַז ס׳זענען פאַראַן פרעמדע אין דוד המלכס גיטער.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פונם גראָז און זענען נאָכגעגאַנגען לייבעלען אויף די שפּיץ־פינגער.

געגאַנגען זענען מיר מיט זייטיקע וועגן, אויסגעמיטן דעם הויפּט־וועג. לייבעלע האָט געזאָגט, אַז ס׳איז גלייכער אַזוי. אויפן הויפּט־וועג קאָן אונז, חלילה, באַגעגענען דוד המלכס אַ קעפּס־ווייב, אָדער ס׳קאָן אונז באַגעגענען אַ סריס און דענסטמאָל מאַכט ער אונז ביידע פּאַר פּאַזשן.

ביים דערמאָנען דאָס וואָרט „פּאַזשן" האָב איך אַ ציטער געטאָן. פישערל האָט מיך באַרואיקט:

— האָב נישט קיין מורא, שמואל־אַבא, זאָל אַזאַ סריס נאָר פּרוּווּן זיך צורירן צו אונז. מיר וועלן אים אויסדראַפּען די אויגן.

לייבעלע מלאך האָט געשמייכלט:

— זיי נאָר נישט קיין שטאַרקער, פישערל. ווען ס׳וואָלט נאָר געווען איין סריס אין גן־עדן, וואָלט שוין געווען גוט. אין גן־עדן זענען אָבער פאַראַן אַ סך סריסים.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען. ביי יעדן שאָרך זענען מיר שטיין געבליבן. מורא געהאַט טאָמער, חלילה, האָט מען דערהערט. געווען מינוטן, ווען מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען יאָגט אונז נאָך און אָט־אָט באַווייזט זיך פון צווישן די קוסטעס אָפּיר די פעטע געשטאַלט פון אַזאַ סריס. ער צעלאַכט זיך אויף אַ קול, זיין געלעכטער איז פעט ווי בוימאייל:

— כ׳האָב ענק געפּאַקט, חברה, ער וועט שוין זיין פּאַזשן, צי ער ווילט יאָ, צי נישט און יאָך וועל דערפאַר באַקומען נאָך איין גאָלדענעם מגן־דוד.

ס׳איז אָבער גאָרנישט געשען. די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. לייבעלע איז געגאַנגען פאָרויס. מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען. די גן־עדן־לבנה האָט אונז געהיט.

מיר האָבן געהערט דעם פאַרבענקטן רוף פון אַ גן־עדן־קוקו און דאָס זיסע טרעלן פון אַ גן־עדן־נאַכטיגאַל.

— דער קוקו שמועסט זיך דורך מיט דעם נאַכטיגאַל, — האָט לייבעלע געזאָגט. — יעדן אָוונט דער זעלבער שמועס. איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי ס׳ווערט זיי נישט נמאס.

— דו פאַרשטייסט זייער שמועס, לייבעלע? וואָס אַ שטייגער שמועסן זיי? — האָט פישערל געפרעגט.

— אָודאי פאַרשטיי איך, — האָב לייבעלע מלאך געענטפערט. — דער קוקו זאָגט: קוק, קוק, ווי שיין ס׳זענען דוד המלכס גיטער! און דער נאַכטיגאַל ענטפערט אים: שוין איינמאָל שוין! אוי, אוי, אוי, ווי שיין!

— זאָג מיר נאָר, לייבעלע, — האָב איך געפרעגט מיין נייעם חבר, — פאַרוואָס גייט דוד המלך כסדר אָנגעטאָן די קרוין אויפן קאָפּ? ער האָט זי אַפילו נישט אויסגעטאָן, בשעת ער האָט זיך געקושט מיט שולמית אונטערן גן־עדן־דאָמב.

— נישט נאָר בייטאָג טוט ער נישט אויס די קרוין, נאָר אַפילו ביינאַכט שלאָפט ער מיט דער קרוין אויפן קאָפּ. ער האָט מורא...

— פאַר וועמען האָט ער מורא, לייבעלע?

— פאַר שאול המלך האָט ער מורא. יענער קאָן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג קיין אָרט נישט געפינען. ער גייט אַרום מיט טענות, אַז דוד האָט ביי אים צוגענומען די קרוין. איבעריקנס וועט איר ביידע זען און הערן אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דוד המלכס גיטער ביינאַכט. איר וועט הערן שאול המלכס טענות און דוד המלכס ענטפער.

— וואָס אַ שטייגער ענטפערט אים דוד המלך? זאָג, לייבעלע, דערציילן.

— וואָס ער ענטפערט אים, ווילסטו וויסן? ער גיט אים שוין איינמאָל אַן ענטפער, אונזער דוד המלך. אויף אַלע טענות הייסט ער שאולן, אַז ער זאָל אים לאָדן צום „ונתנה־תוקף״.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען. שיער, שיער האָב איך נישט צעטראָטן אַ משיח־פערדל. אַ גליק וואָס לייבעלע מלאך האָט מיך געטאָן אַ שלעפּ אויף

צוריק. דאָס משיח־פערדל האָט געבענטשט גומל און איז שנעל אַנטלאָפן, פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער אַ בערגל ערד.

לייבעלע מלאך האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַלטן ברייט־פאַרצווייגטן עפּל־בוים. מיר, דאָס הייסט איך און מיין חבר פישערל, זענען אויך געבליבן שטיין. לייבעלע מלאך האָט געשעפּטשעט:

איר זעט, חברה, אָט דאָס איז דער עץ־הדעת. פון דעם בוים האָט חוה אָפּגעריסן דעם עפּל און דער שוטה אדם האָט זיך געלאָזט צורעדן ער זאָל פון אים געניסן. איר קענט דאָך די מעשה, וואָס שטייט באַשריבן אין חומש?

מיר זענען געשטאַנען און געגאַפט. דאַכט זיך דער עץ־הדעת איז אַ בוים ווי אַלע ביימער אין גן־עדן, און פונדעסטוועגן איז ער עפּעס אַנדערש. דער דאָזיקער בוים האָט גורם געווען, אַז מען זאָל פאַרטרייבן אדם און חוה פונם גן־עדן.

אַ ווינט האָט גערוישט אין די צווייגן פונם גן־עדן. די עפּל האָבן געציטערט, אָבער קיין איינציקער איז נישט אַראָפּגעפאַלן.

די לבנה, וואָס איז נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט, האָט באַזילבערט די עפּל אויפן בוים. ס'איז געווען וואונדערלעך אויף זיי צו קוקן.

— לאָמיר זיך באַהאַלטן אָט דאָ נישט ווייט הינטער אַ קוסט, — האָט לייבעלע מלאך געפליסטערט, — און איר וועט זען עפּעס שיינס.

— וואָס אַ שטייגער? — האָבן מיר אים געפרעגט. נאָר ער האָט אונז גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אונז אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ קוסט. הינטער דעם דאָזיקן קוסט האָבן מיר זיך באַהאַלטן. מיר זענען געלעגן שטיל און געוואַרט.

ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געלעגן, געדענק איך נישט. ס'קאָן זיין אַ שעה און אפשר ווינציקער. לייבעלע מלאך האָט מיטאַמאָל אויפגעשפּיצט די אויערן. מיר האָבן געהערט טריט.

— פּסס... — האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן, — פּסס... זיי גייען.

— ווער? ווער, לייבעלע?

— אָדם מיט חוהן.

מיר האָבן געזען ווי צוויי געשטאַלטן דערנענטערן זיך צום עץ־הדעת. איין געשטאַלט אָנגעטאָן אין אַ פראַק מיט אַ צילינדער. די צווייטע אין אַ קרינאַלינע. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ הוט מיט אַ לאַנגער שטרויס־פעדער.

— אַט דאָס איז עס, — האָט אָנגעוויזן דער הער מיטן צילינדער, — אַט דאָ איז עס, עוואַ. אַט דאָ אויף דעם אָרט האָסטו מיר געגעבן צו פאַרזוכן דעם פאַרפלוכטן עפּל.

די פרוי אין דער קרינאָלינע האָט אַ זיפץ געטאָן. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויפן האַרץ. איך האָב געזען טרערן אין אירע אויגן.

— יאַ, היר איזט עס, אַדאַם. די פאַרפלוכטע שלאַנגע האָט מיך דאַצו אָנגערעדט.

— און דורך דיר האַבן וויר פאַרלוירן אַזאַ גוט, עוואַ, דאָס אומפאַר־גלייכלעכע פּאַראַדיז.

— דאָס לעבן איז שיין געווען אין פּאַראַדיז, אַדאַם, נאָר זי, די פאַרפלוכטע...

— ריכטיק... ריכטיק, עוואַ, — האָט אָנגעוויזן אָדם מיטן פינגער אויף זיין ווייב, — זי, די פאַרפלוכטע!...

— איך האָב געמיינט די שלאַנג, אַדאַם, און דו טייטלסט גאָר מיטן פינגער אויף מיר.

— איך מיין אויך די שלאַנג, עוואַ, און... טייטל מיטן פינגער אויף דיר.

זיי האָבן זיך גענומען זידלען, איינער דעם צווייטן האָט אָנגערופן, וואָס אין דער קאָרט. חוה איז אַריין מיט די פינגער אין אָדמס האָר. זי וואָלט פון אים אויך נישט געלעקט קיין האָניק, ווען נישט אַ נס. אַן עפּל פונם עץ־הדעת איז אַראָפּגעפאַלן פונם בוים און אַ קלאַפּ געטאָן אין אָדמס צילינדער. דער עפּל איז אַראָפּגעפאַלן אין גראָז.

— ריר אים נישט אָן, עוואַ! — האָט אָדם אויסגעשריגן נישט מיט זיין קול. — ריר אים נישט אָן, עוואַ, איך באַשווער דיך ביי גאָט!

— חלילה־וחס, — האָט חוה אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — יענער עפּל ליגט מיר נאָך אין טעם.

זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אונטערן בוים. איינער האָט דערמאָנט דעם צווייטן די שיינע צייטן פון פאַר דער גרויסער זינד. חוה האָט פאַר־גלייזט די אויגן:

— אַך, אַדאַם, ווי שעהן דאָס וואַר! די צייטן קאָמען ניכט מער ווידער.

— מיר זענען געווען נאַקעט, אומפאַרשעמט און גליקלעך, — האָט אָפּגעזיפצט אָדם.

— אפשר וועלן מיר פון זיך אַראָפּוואַרפן די קליידער, אַדאַם, און ווערן

ווידער נאַקעט, אומפאַרשעמט און גליקלעך?

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, גענומען רייסן פון זיך די קליידער. די שטערן האָבן ממזריש געפינקלט אויפן הימל.

— אַדאַם, עס גייט נישט. די קליידער זענען מיר צוגעוואַקסן צום לייב, — האָט חוה געזיפצט.

— און מיר אויך, — האָט אָדם אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. צוויי פּאַרלוי־רענע געשטאַלטן אין ליכט פון דער גן־עדן־לבנה.

— לאָמיר זיך קלאַפּן על־חטא, — האָט אָדם געשטאַמלט, — אפשר וועט „ער" אונז מוחל זיין.

זיי האָבן זיך ביידע אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן די שטערן. דער הער אין צילינדער און די פרוי אין דער קרינאָלינע. זיי האָבן זיך געזעצט מיט די פויסטן אין האַרץ אַריין, געשעפּטשעט פרום מיט די ליפּן, באַשוואוירן די גרויס „מחילה", וואָס זאָל זיי צוריק ווייזן דעם וועג אין גן־עדן אַריין.

דער ווינט, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקיצלט די בלעטער פונם עץ־הדעת, איז מיטאַמאָל אַראָפּגעשפּרונגען פונם בוים. אָדם מיט חוהן האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און זענען אַנטלאָפן.

חוה האָט אין איילעניש פאַרגעסן איר האַנט־טאַש. מיר האָבן זי געעפנט און געפונען דאָרט אַ שפּיגעלע, אַ שאַכטעלע פודער און אַ ליבע־בריוועלע געחתמעט: „דיין דיך־ליבנדער מאַקס".

— איר האָט געזען, חברה, — האָט זיך לייבעלע אָנגערופן, — איר האָט געזען, ווי זיי קלאַפּן זיך „על־חטא"? יעדע נאַכט קומען זיי צו גיין צום אָרט, וואו זיי האָבן געזינדיקט. זיי גנבענען זיך אַריין אין גן־עדן אַריין, קריכן איבערן פלויט, אַז קיינער זאָל זיי נישט באַמערקן, און ביים מינדסטן גערויש אַנטלויפן זיי, פונקט ווי די גן־עדן־האָזן.

— ווי אַזוי קאָנען זיי זיך אַריינבאַקומען? מלאכים שטייען דאָך און היטן בייטאָג און ביינאַכט די טויערן פון גן־עדן?

— אַ מלאך איז נישט מער ווי אַ מלאך, — האָט אונז לייבעלע אויפגעקלערט, — און דערצו גייט מען צו דער וואַך זייער זעלטן, איינמאָל אין דריי יאָר. קוים דערזעט דאָס פאַרטריבענע פּאָר־פּאָלק, אַז אַ מלאך כאַפּט אַ דרימל, קריכן זיי תיכף אַריבער דעם פלויט.

— מען וועט שוין טאַקע זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין? — האָב איך געפרעגט.

— דערוויל נישט. מען שמועסט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט ער געבן אַ גרויסע אַמנעסטיע, דערוויל דרייען זיי זיך אַרום פאַר די טויערן פון גן־עדן.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און געזען ווי דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע פּאָרל דרייט זיך אַרום פאַר די טויערן פון גן־עדן. ביי די טויערן שטייען מלאכים מיט קרומע שווערדן אין די הענט. זיי פאָכען מיט די שווערדן און וואַרפן אַן אַ שרעק אויף די, וואָס דערנענטערן זיך אַן אַ דערלויבעניש צום מלכות פון די צדיקים, וואָס מען רופט „גן־עדן".

— ס'איז אַ גאָטס רחמנות אויף זיי, — האָב איך געזאָגט, — ווען איך וואָלט געווען משיח, וואָלט איך די רגע געקומען און פאַר זיי געעפנט די טויערן פונם גן־עדן.

— ווען... — האָט פישערל געחוזקט. — ווען די באָבע וואָלט געהאַט רעדלעך, וואָלט זי דאָך נישט געווען קיין באָבע, נאָר אַן אויטאָמאָביל...

מיך האָט געאַרט, וואָס פישערל שפּעט פון מיר. נאָר אַזוי ווי איך האָב אים שטאַרק ליב געהאַט, האָב איך אים מוחל געווען.

לייבעלע מלאך דער פאַסטוך איז געזעסן די גאַנצע צייט. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט. ער האָט משמעות עפּעס געטראַכט.

ביים שיין פון דער לבנה איז ער געווען אויסטערליש שיין. מיט פאַרכטי־קייט האָבן מיר געקוקט אויף דעם דאָזיקן קליינעם פאַסטוך, וואָס פאַשעט די שאָף אין דוד המלכס גיטער.

מיר האָבן געוואַרט ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן פון זיינע טראַכטונגען. איך האָב זיך דערוויל צוגעקוקט צום שפּיל פון די שאָטנס, וואָס דער עץ־הדעת האָט געוואָרפן אויף דער ערד.

די שאָטנס האָבן זיך אַלעמאָל דערנענטערט צום ליכט־קרייז, וואָס די לבנה האָט אַרום אונז געצייכנט, געוואָלט אַריבער די גרענעץ און זיך גע־שראָקן. איינער אַ דרייסטערער שאָטן איז אַריינגעשפּרונגען אין ליכט־קרייז און איז תיכף נעלם געוואָרן, פאַרשוואונדן אויף אייביק.

מיר האָבן דערהערט דאָס שאַלן פון טרומייט. לייבעלע מלאך איז אויפ־געשפּרונגען:

— קומטס, חברה, דער טרומייטער רופט צונויף אַלע שיינע בתולות,

וואָס געפינען זיך אין דוד המלכס גיטער, אַלע וואַלד־פּריילינס, וואָס הויזן אין די וועלדער, אַלע וואַסער־פּאַנעס, וואָס וואוינען אין די טייכן. זיי קומען זיך צונויף פאַר דוד המלכס פּאַלאַץ. ער, דוד המלך, זיצט אויפן באַלקאָן און שפּילט אויף דער האַרף און זיי טאַנצן פאַר אים דעם „אַ גוטע נאַכט דוד־המלך־טאַנץ".

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן. לייבעלע איז געגאַנגען פאָרויס, מיר נאָך אים. פּלוצים איז לייבעלע מלאך געבליבן שטיין:

— וואו איז די לבנה?

די לבנה, וואָס איז אונז די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען, איז ערגעץ נעלם געוואָרן. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק און געזען ווי זי הענגט פאַר־פלאָנטערט אין אַ דערנער־קוסט.

לייבעלע מלאך האָט זי באַפרייט. ער האָט זיך דערביי צעשטאָכן די פינגער. די לבנה האָט ווידער געפלאַטערט איבער אונזערע קעפּ און מיר זענען ווייטער געגאַנגען.

אַ הונדערט שפּאַן פון דוד המלכס פּאַלאַץ זענען מיר געבליבן שטיין. מיר האָבן געזען דוד המלכן זיצן אויפן באַלקאָן. די קרוין האָט געפינקלט אויף זיין קאָפּ. אין זיין רעכטער זייט איז געזעסן בת־שבע, אַ באַלייבטע אידענע אין אַ שייטל. זי האָט אַלע ווילע געשלוקערצט. אין דער רעכטער זייט איז געזעסן אַבישג, אַ בלאַסע מיט טיף־פאַרחלומטע אויגן. אירע צעפּ האָבן זיך געגליטשט, ווי צוויי שלאַנגען, איבער אירע ברוסטן.

דוד המלך האָט געשפּילט אויף דער האַרף. די וואַלד־מיידלעך, אַנגעטאָן אין גרינע בלעטער־קליידלעך, האָבן זיך געדרייט אין אַ קרייז און געזונגען:

מיר, די פּריילינס פונם וואַלד,
טאַנצן פאַר דיר, מלך.
מיר האָבן אָקאָרשט איינגעשלעפערט
די פייגל אין די נעסטן,
די האָזן אין די גראָזן,
די שמעטערלינגען אויף די רויזן.
איצט ווילן מיר פאַרוויגן
דעם מלך דוד, אונזער האַר,
מיט זיין הויזגעזינט.

הער — אין אונזער פלאַטער־טאַנץ
זינגט דערווינט.

•

דער טאַנץ פון די וואַלד־מיידלעך איז געוואָרן ווילדער, האַסטיקער. דוד המלך האָט געשמייכלט, זיס און מיד. אַבישגס אויגן זענען געוואָרן גרויס. בת־שבע האָט איינגעשלונגען דעם צענטן גענעץ.

די וואַלד־מיידלעך זענען פאַרשוואונדן. די וואַסער־מיידלעך אין בלאָע לופטיקע קליידלעך זענען אַרויס אויפן ערשטן פלאַן, אין זייערע האָר האָבן געציטערט וואַסער־רויזן. זיי האָבן געזונגען:

מיר, די פאַנעס פון די טייכן,
טאַנצן פאַר דיר, מלך,
מיר האָבן שוין פאַרויגט, אַנטשלעפערט,
די אַלטע וואַסער־מאַמעס,
דאָס שענסטע וויג־ליד אויף דער וועלט
איז דער מורמל פון די כוואַליעס,
איצט ווילן מיר פאַרוויגן
דעם מלך דוד, אונזער האַר,
מיט זיין הויזגעזינט,
אין אונזער שטילן פלאַטער־טאַנץ
זינגט דער ווינט.

דער טאַנץ פון די וואַסער־מיידלעך האָט שטיל פאַרבייגערוישט אונטער די קלאַנגען פונם מלכס האַרף. אַבישגס אויגן זענען געוואָרן לבנהדיקער. בת־שבע האָט מיט אַ זיידן טיכל זיך אָפּגעווישט דעם דרימל פון לינקן אויג.

אויפן ערשטן פלאַן זענען אַרויסגעטראָטן די שיינע טעכטער פון די אָרעמע מלאכים. זיי האָבן זיך פאַרנויגט פאַרן מלך און גענומען זינגען:

מיר, די כלה־מיידלעך
פון די אָרעמע כאַטעס,
טאַנצן פאַר דיר, מלך —
ווער ס׳לעבט אין דאגות,
דיר איז פריילעך.

װעמען ס'שטױסט דער שטורעם,
װעמען ס'גלעט דער װינט,
אַ גוט־נאַכט דיר, מלך דוד,
מיט דײַן הױזגעזינט.

די אָרעמע כלות פֿון די לײמענע כאַטעס האָבן געטאַנצט, געציטערט מיט די ראָזע פֿליגל, זיך פֿאַרנױגט און מיט אַ פֿאַרשעמטן „גוט־נאַכט־מלך" זענען זײ פֿאַרשװוּנדן געװאָרן.

דוד המלך האָט זיך אױפֿגעהױבן, אַ קוש געטאָן בת־שבען אין האַנט און אבֿישגן אין שטערן. ער איז אַרײַן צו זיך אין שלאָף־צימער, אָפּגעזאָגט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים און זיך געלײגט שלאָפֿן. די האַרף האָט ער געלאָזט אױפֿן באַלקאָן, דער װינט זאָל אױף איר שפּילן בײַנאַכט.

די װײַבער זענען נאָך אַ װײַלע געזעסן אױפֿן באַלקאָן. געקוקט כלומרשט צו די שטערן און אײנער דער צװײטער געװוּנטשן אַ שװאַרצן, פֿינסטערן סוף. די ערשטע האָט זיך אױפֿגעהױבן בת־שבע און אָן אַ „גוטע־נאַכט" איז זי אַװעק אין אירע אַפּאַרטאַמענטן. אבֿישג האָט נאָך אַ װײַלע געקוקט צו די שטערן, דערנאָך איז זי אױף די שפּיץ־פֿינגער אַרײַן צו דודן אין שלאָף־צימער.

— קומט, חבֿרה, — האָט געזאָגט לײבעלע מלאך, — לאָמיר אַראָפּגײן צום טײַך. אַנטקעגן מיטן־נאַכט װעלן מיר זיך צוריק אומקערן אַהער, דעמאָלט װעט איר זען עפּעס שײנס.

מיר האָבן זיך געלאָזט גײן צו אַ טײַך. מיר זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ סך אָרעמע כאַטעס. די פֿענסטער פֿון די כאַטעס זענען געװען אָפֿן. מען האָט געהערט דאָס כראָפּען פֿון די פֿאַרהאָרעװעטע מלאכים.

אױף אַ באַנק פֿאַר אַן אָרעמער כאַטע זענען געזעסן צװײ יונגע מלאכטעס, אײנע האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ בריװ.

— לײען, לײען איבער דאָס בריװל, פּעסל, — האָט זיך געבעטן אײנע פֿון די מלאכטעס, — איך װיל הערן, װאָס דײַן פּראָאים שרײַבט.

פּעסל האָט געעפֿנט דאָס בריװל און בײַם שײַן פֿון די שטערן האָט זי גענומען לײענען. מיר האָבן געהערט, װי איר שטים האָט געציטערט.

„מײַן טײַערע פּעסל, — האָט זי געלײענט, — איך טו דיר מעלדן, אַז פֿון זינט דרײַ טעג געפֿינט זיך אונזער פּולק בײַ דער גרענעץ פֿונם טערקישן

גן־עדן. דער דינסט איז דאָ זייער אַ שווערער. מיר דאַרפן אַכטונג געבן, אַז מען זאָל מער נישט אַריבערשמוגלען קיין טערקישן טיטון. אונזער קאָמאַנ־דיר, דער אויבער־מלאך שמשון, האָט אונז געזאָגט, אַז דורך דעם, וואָס מען שמוגלט אַריין אין אידישן גן־עדן גאַנצע זעק מיט טערקישן טיטון, שמעקט מען ווינציקער טאַבאַק און דער אידישער גן־עדן־מאָנאָפּאָל לײדט דערפון זייער אַ סך. ווער פון אונז ס'וועט כאַפּן אַזאַ שמוגלער האָט דאָס רעכט אים צו צעברעכן די פליגל. מיר ליגן אויף דער וואַך בייטאָג און ביינאַכט. דערווייל האָט מען נאָך קיינעם נישט געכאַפּט. ווייזט אויס, אַז די שמוג־לערס האָבן דערפילט, אַז דער זיבעטער מלאכים־פּולק פונם אידישן גן־עדן פאַרשטייט נישט קיין שפּאַס און זיי היטן זיך זייערע פליגל. ווי לאַנג מיר וועלן דאָ טשאַטעווען ביי דער גרענעץ ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך קאָן זיך קוים דערוואַרטן אויפן טאָג, ווען מען וועט מיך באַפרייען פון דעם דינסט. אינגאַנצן נאָך איין יאָר מיט צוויי חדשים. תיכף ווי איך וועל נאָר אַהיימקומען, וועלן מיר שטעלן אַ חופה. און ביז די גליקלעכע מינוט וועט קומען, קוש איך דיך אַ סך, אַ סך מאָל.

דיין פראַאים".

פאַרענדיקט לייענען דאָס בריוול, האָט די מלאכטע פעסל עס צוריק צונויפגעלייגט און עס צוגעטוליעט צום האַרצן:

— מיר זאָל זיין פאַר זיינע ביינער!

די אַנדערע מלאכטע האָט געשוויגן. איך האָב געפילט, אַז זי איז מקנא איר חברטאָרין. אַ מלאך אַ זעלנער, אַ העלד, — ווי באַשערט איר שוין גאָט אַזאַ גליק.

איך האָב אַ צי געטאָן מיין חבר פישערל ביים רעכטן פליגל:

— אַ שיין בריוול, פישערל, אָט דער פראַאים מלאך דער זעלנער קען שרייבן אַ בריוול, וואָס זאָגסטו, פישערל, אַ יאָ?

פישערל האָט נישט געענטפערט.

לייבעלע מלאך האָט שטיל אַ פייף געטאָן:

— קומט, חברה, לאָמיר גיין!

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום טייך. איך האָב אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף צוריק. די צוויי חברטאָרינס זענען נאָך אַלץ געזעסן אויף דער באַנק. איינע מיט אַ בריוו, די צווייטע אָן אַ בריוו. די בענקשאַפט פון

אײנער האָט געהאַט אַן אַדרעס: „אינפֿאַנטעריע־סאָלדאַט פּראַאים מלאך, בײ דער גרענעץ פֿון טערקישן גן־עדן”, די בענקשאַפֿט פֿון דער צװײטער האָט געזוכט אַן אַדרעס. אפֿשר װעט זי אַמאָל אַזאַ אַדרעס געפֿינען.

— מיר האָבן זיך אפֿשר נישט באַדאַרפֿט אונטערהערן, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב מורא, אַז מיר האָבן אויף זיך גענומען אַ גרויסע עבֿירה.

— האַ, דו זאָגסט עפּעס, שמואל־אַבא? — װאָס האָסטו געזאָגט? — האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מײַן חבר פֿישערל װי פֿון שלאָף.

— כ׳האָב גאָרנישט נישט געזאָגט, פֿישערל. ס׳האָט זיך דיר אויסגעדוכט, אַז איך האָב עפּעס געזאָגט.

איך האָב מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז ס׳איז אַן עבֿירה צו רעדן אין דער דאָזיקער רגע פֿון עבֿירות.

מיר זענען װײַטער געגאַנגען. לײבעלע מלאך דער פּאָסטוך פֿאָרויס, מיר נאָך אים.

— שמואל־אַבא!

— האַ? דו האָסט מיך גערופֿן, פֿישערל?

— איך? ס׳האָט זיך דיר געחלומט, שמואל־אַבא.

— אפֿשר דו, לײבעלע? אפֿשר האָסטו מיך גערופֿן בײַם נאָמען?

— רעדסט פֿון שלאָף, שמואל־אַבא? — האָט מיך לײבעלע מלאך אָנגעקוקט פֿאַרװאונדערט.

װער־זשע פֿאָרט, האָט מיך גערופֿן בײַם נאָמען? — האָב איך געטראַכט. איך האָב דאָך פֿאָרט געהערט װי מען האָט מיך גערופֿן.

אפֿשר האָט זיך מיר טאַקע נאָר אויסגעדאַכט, האָב איך געטראַכט. נײן, ס׳האָט זיך מיר טאַקע אויסגעדאַכט, האָב איך באַשלאָסן.

איך האָב דעמאָלט נישט געװאוסט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אין גן־עדן אַזאַ שטילקײט, װאָס קאָן רופֿן בײַם נאָמען אַזוי, אַז מען זאָל עס הערן.

מיר האָבן דערהערט דאָס רוישן פֿונם טײַך. מיר האָבן גענומען שפּאַנען שנעלער. דאָס רוישן איז געװאָרן נענטער.

דער גרויסער זײגער, װאָס איז געהאַנגען אויף דוד המלכס פּאַלאַץ, האָט געקלונגען. איך האָב געצײלט: אײנס, צװײ, דרײַ, פֿיר...

— צען, צען אַזײגער, — האָט געזאָגט מײַן חבר פֿישערל.

— מיר קאָנען פֿאַרברענגען קאָרגע צװײ שעה בײַם טײַך, — האָט באַ־

מערקט לייבעלע מלאך דער פֿאַסטוך, — פונקט צוועלף מוזן מיר זיין נעבן פּאַלאַץ. דעמאָלט הויבט זיך עס אָן.

— וואָס? — האָבן מיר, איך און מיין חבר פישערל, געפרעגט.

— איר וועט שוין זען אַליין, — האָט לייבעלע אַ שמייכל געטאָן. זיין שמייכל איז אָבער אין איין כהרף־עין צערונען געוואָרן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טייך. ווי אַ זילבערנע סטענגע האָט ער זיך געשלענגלט, ממש געבלענדט די אויגן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג. קיינער פון אונז האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. נאָר דער טייך האָט געפּלאַפּלט.

איך האָב אַריינגעשטעקט די פיס אין וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען קיל און לינד. מיין חבר פישערל האָט אַריינגעוואָרפן אַ שטיינדל.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט לייבעלע מלאך אַ דערשראָקענער אָנגע־כאַפּט מיין חבר פישערל ביי דער האַנט.

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דאָס שטיינדל, וואָס מיין חבר פישערל האָט אַריינגעוואָרפן אין טייך, האָט אויפגעוועקט די וואַסער־פּאַנע שרה־גיטל. זי איז אַרויפגעשוואומען פון דער טיף. די האָר אירע זענען געווען צעוואָרפן, די אויגן פאַרשלאָפן.

— ווער האָט געוואָרפן אַ שטיינדל? — האָט זי געפרעגט. — ווער האָט מיך אויפגעוועקט פונם שלאָף?

— איך! — האָט פישערל געזאָגט. — איך האָב עס נישט געטאָן אויף צו פלייסן.

די וואַסער־פּאַנע שרה־גיטל איז געווען אַן עלטער מיידל. זי האָט געליטן פון שלאָפלאָזיקייט און דערפאַר האָט זי תמיד פאַרן לייגן זיך שלאָפן איינ־גענומען אַ שלאָף־מיטל.

— דערפאַר וואָס דו האָסט מיך אויפגעוועקט, — האָט זי געזאָגט צו מיין חבר פישערל, — מוזטו ווערן מיין חתן.

פישערל איז געוואָרן בלאַס, ווי קרייד, ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. זיין גליק איז געווען, וואָס לייבעלע דער פאַסטוך האָט זיך אַריינ־געמישט.

— וואָס טויג דיר אַ חתן, שרה־גיטל, — האָט ער געזאָגט צו דער וואַסער־פּאַנע, — ביסט זיך אַזוי פיל יאָרן באַגאַנגען אָן אַ חתן, וועסטו זיך אויך ווייטער אויך באַגיין.

די וואַסער־פּאַנע האָט זיך שיער נישט צעוויינט:

— איז ווי אַזוי־זשע וועל איך צוריק אַנטשלאָפֿן ווערן? דעם לעצטן פֿראַשעק האָב איך היינט איינגענומען, די גן־עדן־אַפּטייק איז פֿאַרמאַכט. ווי אַזוי וועל איך צוריק אַנטשלאָפֿן ווערן?

— דו רעדסט נאַרישקייטן, שרה־גיטל. אויף צום אַנטשלאָפֿן ווערן מוזטו נישט האָבן דווקא אַ חתן. איך וועל שוין מאַכן דו זאָלסט צוריק אַנטשלאָפֿן ווערן.

לייבעלע האָט גענומען מיאַוקען ווי אַ קאַץ. ער האָט אונז געגעבן אַ צייכן און מיר האָבן געמאַכט אַזאַ קאַצן־מוזיק, אַז די וואַסער־פּאַנע איז אַזש געוואָרן גרין און געל. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט ביים קאָפּ און געשריגן ווי נישט מיט איר קול. מיר האָבן אָבער נישט אויפגעהערט ביז זי איז אַרונטער אונטערן וואַסער, שעלטנדיק אונז מיט טויטע קללות.

— איצט לאָמיר אַנטלויפֿן! — האָט געזאָגט לייבעלע מלאך. מיר האָבן צעשפּרייט די פֿליגל און זיך גענומען פֿליען פּייל אויסן בויגן.

— האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, — האָט געזאָגט פּישערל צו לייבעלע מלאך, — איידער צו ווערן דער חתן פֿון אָט דער פּאַרזעניש, וואָלט מיר שוין ליבער געוועזן צו ווערן אַ פּאַזש ביי דוד המלך.

— פֿון וואַנען האָסטו געוואוסט, לייבעלע, — האָב איך געפֿרעגט, — אַז די וואַסער־פּאַנע קאָן נישט פֿאַרטראָגן דאָס מיאַוקען פֿון קעץ?

— ס'איז אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע, — האָט לייבעלע דערציילט.

— די וואַסער־פּאַנע האָט אַמאָל געהאַט אַ חתן. טפֿו, וואָס זאָג איך? מען האָט איר גערעדט אַ שידוך. דער חתן איז געקומען אויף „בעשוי״, האָט זיך אַריינגעמישט אַ קאַץ און ס'איז געוואָרן נישט.

— וואָס הייסט ס'האָט זיך אַריינגעמישט אַ קאַץ, און ס'איז געוואָרן נישט? גיב אונז צו פֿאַרשטיין.

— וואָס איז דאָ צו פֿאַרשטיין? בשעת זיי, דאָס פּאָרל, הייסט עס, זענען געזעסן אין שטוב און האָבן צווישן זיך געשמועסט, האָט די קאַץ איבער־געקערט ס'טעפּל סמעטענע און פֿאַרפּלעקט דעם חתן. ער איז אַוועק אַ ברוגזער, זי אָנגערופֿן „שלימזלניצע״ און מער נישט געוואָלט פֿון איר הערן און געדענקען. פֿון זינט דעמאָלט זיצט זי אָן אַלטע מויד, ליידט פֿון שלאָפֿ־לאָזיקייט און קוים דערהערט זי דעם „מיאַו״ פֿון אַ קאַץ, איז זי גרייט צו שפּרינגען אין פֿייער אַריין.

מיין חבר פישערל האָט געבענטשט „גומל". ער איז נאָך אַלץ געווען בלאַס ווי די וואַנט. זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַרואיקן.

ערשט אַז מען האָט מער נישט געהערט דאָס רוישן פונם טייך, האָט ער זיך באַרואיקט. ער האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן:

— צו איר קאָפּ, צו אירע הענט און פיס, צו איר לייב און לעבן.

מיר האָבן זיך צעלאַכט. לייבעלע האָט געקייכט, קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם:

— דאָס מאָל, פישערל, ביזטו אָפּגעקומען מיט שרעק. גיב אַכטונג דאָס צווייטע מאָל.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. ס'איז נאָך געווען ווייט צו 12 און מיר האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו איילן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַנד פון אַן אַקער. לייבעלע מלאך דער פּאַסטוך האָט שטיל געפייפט. פישערל האָט זיך פאַרטראַכט, און איך האָב געציילט די שטערן.

איך האָב פון תמיד אָן ליב געהאַט צו ציילן די שטערן. איך האָב קיינמאָל נישט געציילט, כדי צו וויסן וויפל שטערן ס'זענען פאַראַן. דאָס ציילן אַליין איז פאַר מיר געווען אַן ענין און איך בין נישט מיד געוואָרן אָנצוהויבן כסדר פון דאָסניי.

וויפל מיר זענען אַזוי געזעסן ביים ראַנד פונם אַקער, קאָן איך אייך נישט זאָגן געוויי. לייבעלעס שטים האָט מיר איבערגעשלאָגן דאָס ציילן און פישערלען דאָס טראַכטן.

— חברה, קומט! ס'איז שוין צייט מיר זאָלן גיין.

אַ שטיקל וועג זענען מיר געגאַנגען צו־פוס, דעם רעשט זענען מיר געפלויגן. פאַר דעם פּאַלאַץ פון דוד המלך זענען מיר אָנגעקומען זיבן מינוט פאַר צוועלף.

מיר האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און גענומען וואַרטן.

די זיבן מינוט האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביגקייט.

VIII

מיטן־נאַכט אין דוד המלכס גיטער

דער לבנה־זייגער אויפן דוד־המלך־טורעם האָט אויסגעשלאָגן צוועלף. מיר זענען געלעגן צווישן די ביימער און איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

וואָס וועט געשען אין אָט דער מיטן־נאַכט־שעה אין דוד המלכס גיטער? ס'איז דאָך די שעה פון די גייסטער, — האָב איך געטראַכט און נישט געוואַגט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

די לבנה איבער אונזערע קעפּ איז געוואָרן גרעסער און ערנסטער. די שטערן ווייטער און פאַרכטיקער. איך האָב געהערט, ווי ביי מיין חבר פישערל קלאַפּט דאָס האַרץ.

אויפן באַלקאָן פון דוד המלכס פּאַלאַץ איז געשטאַנען די האַרף. דער ווינט האָט אַלעמאָל געפּרוּווט אַ שפּיל טאָן און נישט געקאָנט. אַ קאַליקע, ס'זאָל אַזוינס נישט געבוירן ווערן, — האָב איך געטראַכט. דער מלך אַליין איז אַ גרעסערער מומחה, אַ שאָד. וואָס ער שלאָפט איצט, און דער דילעטאַנטישער ווינט גרימפּלט, אַז ס'טוען וויי די אויערן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. דער ווינט האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן. אויפן באַלקאָן האָט זיך באַוויזן בת־שבע אין הוילן נאַכט־העמד. אירע אויגן זענען געווען רויט פון וויינען. ווייזט אויס, זי איז די גאַנצע צייט נישט געשלאָפן.

זי האָט זיך אַ ווילע איינגעהערט אין דער שטילקייט, און אַז זי האָט געזען, אַז אַלצדינג שלאָפט אין פּאַלאַץ, איז זי פּאַמעלעך אַראָפּגעגאַנגען פון די מירמל־טרעפּ.

אַ באָרוועסע און אין הוילן נאַכט־העמד איז זי געשטאַנען אויפן פרייען פּלאַץ פאַרן פּאַלאַץ. איך האָב זיך צו איר גוט צוגעקוקט. זי איז געווען אַלט און מיאוס. ס'פּנים צעקנייטשט. אַפילו דעם ווינט, וואָס איז נישט אַזאַ גרויסער איבערקלייבער, האָט זיך נישט געגלוסט אַ שטיף צו טאָן מיט איר העמד.

— אָן אמתע מכשפה, — האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן.

— אַמאָל איז זי געווען יונג און שיין, — האָט לייבעלע מלאך באַמערקט.

— איצט איז זי אַלט. דערפאַר קען זי אָבער מוסר־ספרים אויף אויסנווייניק.

— אַהאַ, — האָט פישערל זיך אָנגערופן, — אַהאַ, איך פאַרשטיי שוין, זי איז איצט אויפגעשטאַנען אָפּריכטן „חצות״.

— האָסט שוין דאָסמאָל דווקא נישט געטראָפן, — האָט לייבעלע אויפֿגעקלערט. — פרום איז זי טאַקע, אָבער, פאַרשטייסט, אַ אידענע בלייבט אַ אידענע. קוים שפּירט זי, אַז אַבישג איז ביים מלך, קאָן זי נישט אַנטשלאָפן ווערן. זי האָט דעם מלך דוד זייער ליב און טאַקע דערפאַר האָט זי פיינט אַבישגן. זי וואָלט זי דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער.

— אַהאַ, איך פאַרשטיי שוין! — האָב איך געזאָגט און נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי, בת־שבע, איז אויפגעשטאַנען פונקט צו חצות און זיך אַוועקגעשטעלט אַ באָרוועסע און אין נאַכט־העמד אינדרויסן, אויפן פרייען פלאַץ.

— ס׳וועדט איר דען גרינגער פון דעם? — האָב איך געפרעגט דעם פאַסטוך לייבעלע מלאך.

— זי האָט מסתמא היינט אָפּגערעדט מיט דער זנאַכערין. ווען די אָרעמע בת־שבע זעט, אַז די שיינקייט פון אַבישגן איז שטאַרקער פונם קרבן־מנחה־סידור, באַשטעלט זי די זנאַכערין, זי זאָל איר געבן אַ מיטל צו געווינען דאָס האַרץ פון איר געליבטן מלך.

— די מיטלען פון דער זנאַכערין העלפן איר דען עפעס? — האָט געפרעגט פישערל און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער פעטער אידענע אין נאַכט־העמד.

— ווי אַ טויטן באַנקעס, — האָט געשעפּטשעט לייבעלע מלאך, — אָבער פונדעסטוועגן גיט זי זיך נישט אונטער. זי גלויבט נאָך אַלץ, אַז די זנאַכערין וועט געפינען אַזעלכע בשמים, וואָס זאָלן איר העלפן.

בת־שבע איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, נישט קיין פינטל געטאָן מיט אַן אויג. מיטאַמאָל האָט זי אַ ציטער געטאָן. מיר האָבן געהערט ווי זי שעפּטשעט, רופט:

— גנענדל! גנענדל, וואו ביזטו?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

בת־שבע איז געוואָרן נערוועז, זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט און גערופן עטוואָס העכער:

— גנענדל, וואו ביסטו, צו אַלדי שוואַרצע יאָר?

— אָט בין איך, האַרענטע. אָט, אָט בין איך.

מיר האָבן דערזען אַן אַלטע פרוי איינגעוויקלט אין אַ טערקישן שאַל. זי האָט געהינקען אויף אַ פוס. די לאַמע זנאַכערין האָט זיך דערנענטערט צו בת־שבען.

— איך בין שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן, גנענדל. וואו ביסטו געווען ?

די אַלטע זנאַכערין האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אָנגענומען בת־שבען ביי דער האַנט און זי צוגעפירט צו דער גראָז־באַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַרן פּאַלאַץ. בת־שבע האָט זיך אַוועקגעזעצט, די אַלטע האָט 'זיך איר געזעצט צופוסנס.

— האָסט עגמת־נפש, טאָכטער ? — האָט די אַלטע געזאָגט און דער איינציקער איינוואוינער פון איר מויל, אַ פוילער צאָן, האָט אויף אַ רגע דערזען די ליכטיקע שיין פון דער לבנה.

— אוי, גאָטעניו ! — האָט בת־שבע אָפּגעזיפצט. — גיט אַן עצה, באָבעניו, כ׳וועל עס נישט אויסהאַלטן. ס׳האַרץ וועט מיר צעזעצט ווערן.

— די מויד איז שוין ווידער ביי אים, בת־שבע ?

— יאָ, — האָט בת־שבע אָפּגעזיפצט. — קוים לייגט זיך דער מלך שלאָפן, גנבעט זי זיך אויף די שפּיץ־פינגער אַריין צו אים אין חדר. — אַז ס׳זאָל איר נאָר פאַרשטערט ווערן, טאַטע, פאָטער אין הימל !

די זנאַכערין האָט געוואָרטשעט :

— און דו האָסט גערעדט מיט אים, האָסט אים געזאָגט וואָס כ׳האָב דיך אויסגעלערנט, דו זאָלסט אים זאָגן ?

— איך האָב פאַר אים געוויינט, גנענדל קרוין, אים געזאָגט, אַז צוליב אים איז מיין אוריה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, געגאַנגען פון דער וועלט. וואָס האָט מיר געפעלט ביי אים ? פון פויגל־מילך האָט ער מיר צוגעטראָגן. קיין אַנדער נאָמען ווי „מוטשעלע" האָב איך פון אים נישט געהערט. און אַלץ האָב איך פאַרגעסן צוליב דיר, דוד — האָב איך אים געזאָגט — און אַט אַזוי צאָלסטו מיר אָפּ אויף דער עלטער ?

— נו, נו, — האָט געפרעגט די זנאַכערין, — וואָס האָט ער געענטפערט ?

— וואָס ער האָט געענטפערט, פרעגסטו ? פרעג שוין בעסער נישט, גנענדל. ער האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן שייטל און געזאָגט : בת־שבעלע, ווען דו וואָלסט געווען אַזוי יונג און שיין, ווי דו ביסט געווען אַמאָל, וואָלט איך געזען פטור צו ווערן פון דיין מאַן, אַזוי ווי אַמאָל. איצט אָבער, ווען דו

ביסט, קיין עין־הרע, אויף דער עלטער, וואָלט איך אָוועקגעגעבן אַ פּאַרמעגן, אַז אוריה זאָל צוריק לעבעדיק ווערן. איך וואָלט אייךביידן געפירט אונטער דער חופּה און אייך געגעבן מיין ברכה.

בת־שבע האָט זיך צעוויינט. די אַלטע זנאַכערין האָט זי באַרואיקט, איר געגלעט די הענט און געזאָגט טרייסט־ווערטער:

— וויין נישט, בת־שבע. ס׳וועט נאָך זיין גוט. וועסט נאָך זען, אַז ס׳וועט אַלצדינג זיין גוט, דער מויד אַבישג אויף צעפּיקעניש.

די אַלטע האָט אַרויסגענומען אַ פּעשל קאָרטן. די קאָרטן אויסגעלייגט אויף דער ערד און לאַנג, לאַנג אין זיי אַריינגעקוקט.

— זי וואַרפט קאָרטן, די אַלטע זנאַכערין, זעסט, פּישערל? — האָב איך זיך אָנגערופן צו מיין חבר.

— ביים שיין פון די שטערן איז איצט בת־שבע שענער ווי פריער, — האָט פּישערל געדעדט ווי צו זיך אַליין.

— ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל און נישט דאָס לעצטע מאָל, — האָט אונז לייבעלע מלאך דער פאַסטוך אויפגעקלערט. — יעדן דאָנערשטיק קומט זי צו גיין, אָט די גנענדל די זנאַכערין, און לייגט איר די קאָרטן פאַר די שטערן.

— און בת־שבע גלויבט דערין? — האָב איך געפרעגט.

— זי גלויבט און איר גלויבן מאַכט זי אויף אַ ווילע שיין. אַ שאָד, וואָס דוד המלך זעט עס נישט. זי וואָלט געפונען חן אין זיינע אויגן, — האָט געזאָגט לייבעלע מלאך.

די זנאַכערין האָט זיך אויפגעהויבן, זיבן מאָל אַרומגעטאַנצט די קאָרטן, וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף דער ערד. בת־שבע איז געזעסן ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

די זנאַכערין האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צו די שטערן. אירע גראָע האָר זענען געווען צעפּאַטלט. זי האָט צעשפּרייט די הענט און געזאָגט אַ שפּרוך:

— קומט צו פליען, שפּאַרבערס מיינע, אַלע זיבן פון די גן־עדן־בערג. די מומע גנענדל רופט אייך. די מומע גנענדל באַשווערט אייך. פאַרנעמט דעם רוף, שפּאַרבערס מיינע, און טרייסלט אָפּ דעם שלאָף פון אייערע פליגל. די מומע גנענדל דאַרף אַן עצה, די מומע גנענדל האָט אַ שליחות. איר, וואָס פּיקט מיט אייערע שנאָבלען די גילדענע שטערן — קומט צו פליען, איינס און צוויי! איך צייל ביז דרייצן.

עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעחזרט דעם שפּרוך. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, זיך צונויפגעקאָרטשעט און געוואַרט.

— פּישערל, איך האָב מורא, — האָב איך זיך צוגעטוליעט צו מיין חבר, וואָס איז געלעגן נעבן מיר.

— פּסס... — האָט לייבעלע מלאך צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן, — פּתח שין, שאַ.

מיר האָבן דערהערט אַ פלאַטערן פון פליגל. די זיבן שפּאַרבערס פון די גן־עדן־בערג האָבן געקרייזט אין דער לופט און זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער צופוסנס דער גן־עדן־זנאַכערין גנענדל.

— איך האָב אייך גערופן, שפּאַרבעלעך מיינע, — האָט די אַלטע געגלעט די פליגל פון יעדן שפּאַרבער באַזונדער, — איך האָב אייך גערופן אין דער סאַמע מיטן־נאַכט־שעה, געטרייע, איר זאָלט מיר העלפן. איר זאָלט מיר ברענגען אַ רפואה שלימה פאַר דער נשמה דער קראַנקער, דעם געמיט דעם צעבראָכענעם פון בת־שבע שתחיה, וואָס זיצט דאָ אויף דער גראָז־באַנק און קאָן זיך קיין רו נישט געפינען, מחמת איר גרויסער אהבה צום מלך דוד, זאָל לעבן און געזונט זיין.

— באַפּעל, מוטער גנענדל, — האָט געזאָגט דער עלטסטער פון די שפּאַרבערס, — באַפּעל און מיר וועלן דיר ברענגען אַלצדינג, וואָס מיר זענען בכוח צו ברענגען. נאָר מיט איין באַדינג, באָבע גנענדל: דו זאָלסט אונז פאַרענדיקן די מעשה, וואָס דו האָסט אונז אָנגעהויבן דערציילן צוריק מיט זעקס הונדערט טויזנט יאָר.

— גוט, — האָט געזאָגט די זנאַכערין, — מסכים. איך וועל אייך פאַר־ענדיקן די מעשה און איר פליט און ברענגט מיר צו טראָגן די „האָב־מיך־ליב־בלום" פון די גן־עדן־בערג, די „גיי־אויס־נאָך־מיר־בלום" און די „וואָר־נאָך־מיר־די־כפּרה־רויז" פון די גן־עדן־טייכן.

— גוט, מומע גנענדל, — האָט געזאָגט דער עלטסטער פון די שפּאַר־בערס, — מיר וועלן פליען און זיך באַמיען דיר צו ברענגען, וואָס דו דאַרפסט. נאָר געדענק, אַז מירצעשעם מיר וועלן ברענגען, זאָלסטו האַלטן וואָרט.

— אַז די מומע גנענדל זאָגט, איז געזאָגט, — האָט זיך געכאַפּט די זנאַכערין. — פאַרלירט נישט קיין צייט, שפּאַרבערס מיינע, און פליט און זוכט און ברענגט, וואָס כ'האָב אייך געהייסן. ווען, אַ שטייגער, וועט איר זיין צוריק?

— ווען, אַ שטייגער? — האָט געטראַכט דער עלטסטער פון די שפּאַר־בערס. — ווען, אַ שטייגער, קאָנען מיר נישט זאָגן געניי. איך קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז ס'וועט זיין אין אַ דאָנערשטיק ביינאַכט. לאָמיר האָפן, וואָס שנעלער.

די שפּאַרבערס האָבן צעשפּרייט די. פליגל און זענען אַוועקגעפלויגן. גנענדל, די זנאַכערין, האָט זיי נאָכגעקוקט און געשמייכלט:

— געטרייע קינדער אָט די גן־עדן־שפּאַרבערס, קוים רופט מען זיי, זענען זיי תיכף דאָ, צו יעדער שליחות גרייט. פליט, שפּאַרבערס מיינע, געזונטערהייט און קומט צוריק און ברענגט בת־שבען איר אויסגעחלומט גליק.

בת־שבע איז נאָך אַלץ געזעסן ווי אויסגעהאַקט פון שטיין. אין אירע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט די שטערן.

— גיי, שבעלע, גיי, טעכטערל, גיי, לייג זיך שלאָפן, — האָט די אַלטע זנאַכערין איר געגלעט דאָס שייטל. — גיי, דו קאָנסט זיך נאָך פאַרקילן חלילה אין בלויזן העמד. ס'וועט נאָך זיין גוט, טעכטערל. אין אַ דאָנערשטיק, דו האָסט געהערט, וועלן די שפּאַרבערס מיינע ברענגען די בלומען, דו וועסט פון זיי אויפפּאַרען טיי און געבן דעם מלך דוד צו טרינקען. ס'וועט שוין זיין רעכט, בת־שבע, ס'וועט שוין זיין רעכט, טאָכטער.

בת־שבע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער גראָז־באַנק. ווי אַ נאַכט־וואַנדלערין, האָט זי זיך געלאָזט אַרויפגיין די מירמלנע טרעפּ. מיט אַמאָל איז זי שטיין געבליבן און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו דער זנאַכערין, וואָס איז געשטאַנען אונטן, האָט זי געזאָגט:

— זיי זאָלן נאָר נישט אָפּנאַרן, די שפּאַרבערס, גנענדל. איך וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן, גנענדל. איך וואָלט אַראָפּ פון זינען.

— וואָס רעדסטו, טעכטערל? — האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן די זנאַ־כערין. — זאָלן דיינע שונאים אַראָפּ פון זינען. און דו, מיין קרוין, וועסט נאָך מירצעשעם דיין גליק געפינען.

מיר האָבן געזען, ווי די זנאַכערין הינקט אַוועק און ווערט פאַרלוירן אין אַ נאָענטן וואַלד. בת־שבע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די טרעפּ נישט אַהין און נישט אַהער. אַ לבנה־שטראַל האָט איר געלויזט דעם שייטל.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען. ווער ווייסט, וואָס ס'האָט זיך ביי איר געטאָן אין האַרצן? מיט אַמאָל האָט זי אַ ציטער געטאָן און זיך געלאָזט גיין ווייטער.

דאָס פענסטער פון דוד המלכס שלאָפצימער איז געווען געעפנט. בת־

שבע האָט זיך איינגעהערט, אַריינקוקן האָט זי געהאַט מורא. די גאַל וואָלט איר געפּלאַצט.

— די שפּאַרבערס זאָלן נאָר נישט אָפּנאַרן, — האָט זי געמורמלט. — ניין, דער מומע גנענדלס שפּאַרבערס וועלן נישט אָפּנאַרן, — האָט זי זיך געטרייסט און איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער.

איך האָב אַ טאָרע געטאָן מיין חבר פישערל:

— פישערל, האָסט געזען?

— וואָס דען, איך האָב נישט געזען? וואָס בין איך, אַ בלינדער?

— און געהערט האָסטו, פישערל, אַלצדינג געהערט?

— וואָס דען, אַוודאי האָב איך געהערט. וואָס דען, איך בין אַ טויבער?

לייבעלע מלאך דער פּאַסטוך האָט ווידער אַמאָל צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל:

— פּסס.. חברה... פּסס... איר וועט זיך שוין אויסטענהן אַ צווייט מאָל.

מיר האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. וואָס וועט איצטער געשען? — האָט יעדער פון אונז געטראַכט און מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

מיר האָבן געהערט דעם גאַלאָפּ פון אַ פערד. ווער קאָן דאָס זיין? — האָב איך געטראַכט און פונדעסטוועגן מורא געהאַט צו פרעגן. מיר האָבן דערזען אַ רייטער אויף אַ ווייסן פערד. ער איז געוועזן אָנגעטאָן אין אַ פּאַנצער, וואָס האָט געשימערט אין לבנה־ליכט.

דער רייטער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם פערד, ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דוד המלכס פּאַלאַץ און אויסגערופן אויף אַ קול:

— העי, דוד, שטיי אויף, לאָמיר זיך פאַרמעסטן!

אין פּאַלאַץ האָט זיך קיינער נישט גערירט. דער ווינט האָט נאָר געצי־טערט צווישן די פאַרהאַנגען פון דוד המלכס שלאָפצימער.

דער רייטער אין אייזערנעם פּאַנצער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין געפּאַנצערטן אָרעם און געשריגן נאָך העכער:

— העי, דוד, שטיי אויף און קום אַרויס אויפן פרייען פעלד, לאָמיר זיך פאַרמעסטן!

דוד המלך איז אַרויס אויפן באַלקאָן. ער האָט זיך געריבן די פאַרשלאָ־פענע אויגן, איינגעשלונגען אַ געשמאַקן גענעץ און געזאָגט צום רייטער, וואָס איז געשטאַנען אונטן:

— דו ביסט עס, שאול? ביסט שוין ווידער אַמאָל אַנטלאָפן פונם עולם־

התוהו; וואָס ווילסטו פון מיר האָבן, שאול? פאַרוואָס לאָזטו מיך נישט שלאָפן?

שאול המלך האָט זיך צעלאַכט. זיין געלעכטער איז געווען ביטער און שטעכיק:

— קום אַראָפּ, דוד, לאָמיר זיך איצט פאַרמעסטן! אויפן פרייען פעלד לאָמיר זיך פאַרמעסטן!

דוד המלך האָט ווידער אַמאָל אַ געגעץ געטאָן:

— כ׳האָב נישט קיין חשק זיך צו שלאָגן, שאול. איך בין געקומען אין גן־עדן זיך אָפּרוען, האָבן תענוג און נישט זיך שלאָגן.

— פּחדן! — האָט געדונערט שאול המלך. — פּחדן, האָסט מורא זיך צו פאַרמעסטן. טאָ גיב מיר צוריק אָפּ די קרוין, פּחדן! די קרוין זאָלסטו מיר תיכף אָפּגעבן! דו הערסט, וואָס מען זאָגט דיר?

— רעג דיך נישט אויף, שאול, — האָט געלאַסן געזאָגט דוד המלך, — אַלעמאַי זאָלסטו זיך אומזיסט אויפרעגן, אַז דו וועסט סיי־ווי־סיי גאָרנישט פועלן. פאָלג מיך, שאול, זעץ דיך צוריק אויף אויפן פערד און רייט דיר צוריק אין עולם־התוהו אַריין. אַלעמאַי זאָלסטו שטערן די צדיקים דעם שלאָף?

דאָס געלאַסענע רעדן פון דוד המלך האָט דעם רייטער אין פאַנצער אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער האָט געשריגן מיט אַזאַ קול, אַז די פייגל אין די נעסטן האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— קוקטס אים נאָר אָן, דעם צדיק אין פעלץ! צוגענומען די קרוין ביי שאול המלך און ס׳רופט זיך נאָך אָן צדיק. פון קאָפּ ביז די פיס פול מיט עבירות און ס׳רופט זיך נאָך אָן צדיק.

דוד המלך איז, ווייזט אויס, שוין געווען צוגעוואוינט צו די ביינאַכטיקע וויזיטן. ער איז געשטאַנען רואיק אויפן באַלקאָן און געפּרואווט באַרואיקן דעם אויפגערעגטן רייטער.

ס׳האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. שאול המלך איז געוואָרן וואָס מער אַלץ צערייצטער. די אויגן זיינע האָבן געברענט, ממש געשרפהט:

— גיב מיר אָפּ די קרוין! דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? די קרוין גיב מיר אָפּ! איך וועל נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז דו וועסט מיר נישט אָפּגעבן די קרוין.

פון שאולס געשריי האָט זיך אַבישג איבערגעוועקט. זי איז צוגעלאָפן צום פענסטער און אַ דערשראָקענע געפּרעגט ביי דוד המלך:

— וואָס איז, דודל? ווער שרייט עס אַזוי?

דוד האָט זי באַרואיקט. ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און איר געהייסן זיך לייגן שלאָפן. ער וועט באַלד די מינוט אַריינקומען.

אבישג האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעשראָקענע סאַרנע. זי האָט גע־ציטערט מיטן גאַנצן גוף און זיך געבעטן ביים מלך:

— איך גיי, דודל, אָבער זע, זוים זיך נישט, איך בעט דיך.

זי איז צוריק אַריינגעקראָכן אין בעט. שאול המלך איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען אונטן, געמאַכט פויסטן צו דודן, געזידלט, געדראָט, געפּאָדערט צוריק די קרוין און דעם שטול אין גן־עדן, וואָס דוד האָט, לויט זיין מיינונג, ביי אים צוגענומען.

דוד המלך האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן. ער האָט פאַרהויבן דאָס נאַכט־העמד און אַ זאָג געטאָן הויך אויף אַ קול:

— ישקני!

— גנב! — האָט געשריגן דער רייטער אין איזערנעם פּאַנצער, — ביי מיר האָסטו געגנבעט די קרוין און דעם „ישקני" ביי דיין זון שלמה.

דוד המלך איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער, פאַרמאַכט די טיר פון באַלקאָן און פאַרצויגן די פאָרהאַנגען ביים פענסטער.

שאול המלך האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד, עטלעכע מאָל האָט ער שוין אין גאַלאָפּ אַרומגעקרייזט דעם פּאַלאַץ פון דוד המלך. מיט אַן אויפ־געהויבענער פויסט קעגן די שטערן האָט ער געשוואוירן:

— איך וועל ראַכע נעמען, דוד. מיין נישט, אַז ס'האָט זיך שוין גע־ענדיקט. איך וועל נעמען ראַכע, זאָ וואָהר העלפע מיר דער אַלמעכטיקער אין הימל!

איך האָב זיך געקלאָמערט אָן מיין חבר פישערל. מיין חבר פישערל האָט זיך פעסטער צוגעטוליעט צום פּאַסטוך לייבעלע מלאך.

— עץ האָט געזען, חברה? — האָט לייבעלע מלאך געשעפּטשעט. — אַלע מאָל קומט ער צו רייטן, אָט דער עולם־התוהוניק, שאול, און וועקט אויף דעם מלך דוד. תמיד, ווען ער קומט, חזרט זיך איבער די אייגענע מעשה, דער אייגענער שמועס, וואָרט ביי וואָרט. ער טרעט נישט אָפּ אויף קיין האָר מיט זיינע טענות, ביז דוד המלך פאַרהויבט דאָס העמד און זאָגט אים „ישקני".

— איצט רייט ער אַוועק אַ בייזער, דער שטערן איז ביי אים פאַרוואָלקנט. וואוהין, אַ שטייגער, רייט ער? — האָב איך געפרעגט.

— לאָמיר אים נאָכפליען, חברה, — האָט זיך לייבעלע אָנגערופן, — אָבער שטיל, קיין שאָדן זאָל מען נישט הערן. ער זאָל נישט באַמערקן, אַז מען פליט אים נאָך און מען קוקט אים נאָך.

מיר האָבן צעשפּרייט אונזערע פליגל און מיר זענען געפלויגן. מיר האָבן שטיל געפאָכעט מיט די פליגל. יעדער פון אונז האָט קוים געדעכעט.

שאול המלך איז געריטן אויף זיין ווייס פערד. זיין הויכע, מאָגערע פיגור האָט זיך אָפּגעצייכנט אויפן פאָן פון דער לבנה־נאַכט מאָדנע און אומ־היימלעך.

— אַן אומרואיקע נשמה, — האָט לייבעלע פאַסטוך געשעפּטשעט. — ער האָט נישט געהאַט קיין מנוחה אויף דער ערד און האָט נישט קיין מנוחה אויף דער אַנדערער וועלט. די אומרואיקייט פרעסט אים אויף טויטערהייט, פונקט ווי זי האָט אים אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט.

פאַר אַ קליין, ווייס־געקאַלעכט הויז האָט שאול המלך פאַרהאַלטן דאָס פערד, ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם פערד און מיט קלינגענדיקע שפּאָרן זיך דערנענטערט צום פענסטער פון דעם ווייס־געקאַלעכטן הויז.

— דאָ, אין דעם הויז, — האָט לייבעלע אויפגעקלערט, — וואוינט שמואל הנביא. ער איז נאָך אַלץ אַן אַלטער בחור, נישט קיין באַווייבטער, הייסט עס. ער לעבט באַשיידן, מישט זיך נישט אין די גן־עדנישע קהלה־זאַכן. סאָסל, אַ מלאכטע מיט וואָנצעס, באַדינט אים, קאָכט אים אָפּ ס׳ביסל געקעכץ, פאַרלאַטעט אים די וועש. מער באַדאַרף ער נישט, דער אַלטער. מיר האָט ער אַפילו צוגעזאָגט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט ער מיר אַוועקשענקען זיין חלק שור־הבר און לויתן. פאַר זיך וועט ער נאָך איבער־לאָזן דעם חלק יין־המשומר...

שאול המלך האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. יעדעס מאָל אַלץ העכער און בשעת־מעשה גערופן:

— שמואל, שמואל הנביא, שטיי אויף! איך בין עס.

די טיר האָט זיך געעפנט. דער אַלטער שמואל הנביא איז אַרויסגעקומען, זיין באָרד איז געווען שניי־ווייס, די אויגן טריב פון אַלטקייט. אויף די אויערן איז ער געווען אַביסל טויבלעך.

— ביסט שוין ווייטער דאָ? — האָט שמואל הנביא געזאָגט. — פאַרוואָס לאָזטו מיך נישט שלאָפן?

די הויכע פיגור פון שאול המלך איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן, ער האָט זיך איינגעבויגן פאַר דעם אַלטן נביא.

— העלף מיר זוכן דעם טאַטנס מויל־אייזלען, נביא! ווי אַזוי קאָן איך זיך אַהיימקערן אָן די מויל־אייזלען, איך, בידנער פאַסטוך?

דער אַלטער נביא האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן. זיין ווייסע באָרד האָט געציטערט, ווי אַ גויט־פאָן אין ביינאַכטישן ווינט.

— די מויל־אייזלען וועסטו שוין מער נישט געפינען, שאול. ס'אַ פאַר־פאַלענע זאַך, קיין פאַסטוך וועסטו שוין מער נישט ווערן. די סטאַדע האָט שוין עמעצער אַנדערש.

— נישט קיין פאַסטוך און נישט קיין מלך, — האָט שאול געכליפּעט. — איז וואָס־זשע דען־זשע, נביא? זאָג, גיב אַן עצה.

דער אַלטער נביא האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, דערנאָך אַ טרייסל געטאָן די ווייסע באָרד. די שטערן איבער דעם שטילן, וויס־געקאַלעכטן הויז זענען געוואָרן גרעסער און טרויעריקער.

— וואָס דען־זשע פרעגסטו, שאול? פון וואַנען זאָל איך עס וויסן? אויף דער ערד בין איך געווען אַ נביא. דאָ, אויפן עולם־האמת, לעב איך פון דער פּענסיע, וואָס מען האָט מיר באַשטימט פאַר מיינע מצוות. פון וואַנען זאָל איך וויסן, שאול, פון וואַנען?

דער רייטער אין אייזערנעם פאַנצער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַ טרויעריקייט האָט געאָטעמט פון זיין גאַנצער געשטאַלט. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל משוגע ווערן.

שאול המלך האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד, אַ צי געטאָן די לייצעס:

— וויאָ, אַדלערל! וויאָ, צוריק אין עולם־התוהו אַריין.

דאָס פערד איז געפלויגן ווי אַ ווינט. מיר האָבן נאָר געזען די פונקען, וואָס האָבן געשפריצט פון זיינע פּאַדקאָוועס.

דער אַלטער שמואל הנביא האָט נאָכגעקוקט דעם טרויעריקן רייטער, ביז ער איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן.

דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט און איז צוריק אַריין צו זיך אין שטוב אויף די שפּיץ־פינגער, כדי נישט אויפצוּוועקן די קעכין.

מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט ביים ראַנד פונם וועג. יעדער איינער

פון אונז איז געווען פאַרטאָן אין זיינע מחשבות. די שטערן איבער אונזערע קעפּ זענען געוואָרן בלייכער. אַ קילער ווינט האָט געמאַכט דעם ערשטן שפּאַציר איבער דוד המלכס גיטער.

צוויי שאָטנס זענען געפאַלן איבער דער לענג פונם שליאַך — מיר האָבן אויפגעהויבן די אויגן און געזען צוויי פּראָסטע מלאכים פליען. זיי זענען געפלויגן זייער נידעריק. מיר האָבן געהערט יעדעס וואָרט פון זייער שמועס.

— מען זאָל אונז נאָר נישט כאַפּן, זיינוול, — האָט איין מלאך געזאָגט צום צווייטן, — אַ שיין פּנים וואָלטן מיר דענצמאָלט געהאַט. ערשטנס די שמיץ און צווייטנס די בושה און דער ווייטיק.

— לאָמיר נישט טראַכטן דערפון, אלימלך, — האָט געזאָגט דער צווייטער,

— און לאָמיר האָפן, אַז ס׳וועט געלונגען. ס׳איז שוין נישט מער אויס־צוהאַלטן אין דוד המלכס גיטער. מען האָרעוועט דעם גאַנצן טאָג און מען האָט אַפילו נישט צו עסן צו דער זעט. קוים זאָגט מען אַרויס אַ וואָרט, איז תכף שמיץ. מען באַהאַנדלט אונז ווי חיות און נישט ווי מלאכים.

— ביסט אַוודאי גערעכט, — האָט געזאָגט דער ערשטער מלאך, — נאָר אַז איך דערמאָן זיך אָן די קינדער, ווערט מיר אַ לאַך אין האַרצן. וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק?

— מיט מיר איז אויך דאָס אייגענע, — האָט אָפּגעזיפצט דער צווייטער.

— נאָר פאַרפאַלן, לאָמיר פּרואוון אונזער מזל אין דער פרעמד, דאָ איז שוין נישט צום אויסהאַלטן.

די צוויי מלאכים זענען פאַרשוואונדן. מיר האָבן זיי נאָכגעקוקט און זיי באַדויערט. איך האָב תפילה געטאָן, אַז דאָס אַנטלויפן זאָל זיי געראָטן און זיי זאָלן געפינען אַרבעט אין דער פרעמד.

לייבעלע מלאך האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען מיין שעפּטשען מיט די ליפּן. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע און אַ זאָג געטאָן:

— נאַראָנים, וואוהין אַנטלויפן זיי? לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס אַנטלויפן וועט זיי געלונגען. ערגעץ אַנדערש איז דען בעסער... פאַר דעם מין מלאכים איז דער גן־עדן נישט קיין גן־עדן.

פון לייבעלעס רייד איז מיר שטאַרק קאַלעמוטנע געוואָרן אויף דער נשמה. איך האָב באַדויערט די צוריקגעבליבענע און די אַנטלאָפענע מלאכים. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט די ווייבער פון די צוויי אַנטלאָפענע מלאכים,

ווי זיי ווערן זיך אויפכאַפּן אין דער פרי. איך האָב געהערט דאָס געוויין פון די צווייטע, די גרויסע עגונות און דאָס געיאָמער פון די קינדער.

די טיר פון שמואל הנביאס שטוב האָט זיך געעפנט. דער אַלטער איז ווידער אַרויסגעקומען. ווייזט אויס, אַז נאָכן וויזיט פון שאול המלך האָט ער מער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט פאַר דער שטוב אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, געוואַרט, מסתמא, אַז ס׳זאָל ווערן טאָג.

— וואָס ווערן מיר דאָ אויסזיצן? — האָט געזאָגט לייבעלע מלאך. — לאָמיר צוריקפליען צום פּאַלאַץ פון דוד המלך.

מיר זענען צוריקגעפלויגן. די שטערן האָבן זיך גענומען איינציקווייז אויסלעשן. אין גן־עדן איז געוואָרן קילער.

פאַרן פּאַלאַץ האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט. אַרום און אַרום איז געווען שאַ־שטיל, מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך אַפילו.

אַ האָן האָט ערגעץ־וואו אַ קריי געטאָן. אַ צווייטער האָט אים אָפּגע־ענטפערט. ס׳איז געוואָרן אַזאַ געקריי, אַז כ׳האָב געמיינט, איך וועל טויב ווערן...

אויפן דאַך פונם דוד־המלך־טורעם האָט זיך באַוויזן דער עלטסטער גן־עדן־האָן, אַ חברהמאַן מיט אַ צונטער־רויטן קאַם. ער האָט אַזאַ קריי געטאָן און אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע פליגל, אַז ער האָט פאַרלאָשן דעם לבנה־זייגער.

אין אַלע ליימענע כאַטעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער. מלאכים האָבן זיך אויפגעכאַפּט פונם שלאָף און זיך גענומען גרייטן צו דער אַרבעט.

לייבעלע מלאך האָט אונז געזאָגט, אַז ער מוז גיין אַרויסטרייבן די סטאַדע שאָף אין פעלד אַריין. מיר זאָלן דערוויל פליען אויף צו פריער און אויף אים וואַרטן, ביז ער וועט קומען מיט די שאָף. ער האָט אונז אויסגעמאָלן, וואו מיר זאָלן אויף אים וואַרטן. טאַקע דאָרטן אויף דעם אייגענעם בערגל, וואו מיר האָבן אים געטראָפן נעכטן.

— רירט זיך, חברה, ווייל מען קאָן אייך, חלילה, דערטאַפּן.

ער איז אַוועק צו די שטאַלן און מיר ביידע, איך מיט פישערלען, האָבן צעשפּרייט די פליגל און מיר זענען געפלויגן אין דער ריכטונג, וואו לייבעלע מלאך האָט אונז געוויזן.

אויפן גרינעם בערגל האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָס גראָז איז געווען נאָס. מיר זענען געווען מיד פון דער נישט־געשלאָפענער נאַכט.

די מאָרגן־דעמערונג איז געווען בלאָ. די בלאָקייט האָט פאַרפּלייצט די גיטער פון דוד המלך. די פייגל האָבן געצוויטשערט, זיך באַגריסט, געפרייט זיך מיט דעם נייעם גן־עדן־טאָג.

— וואָס זאָגסטו צו דער נאַכט אין דוד המלכס גיטער, פישערל?

— וואָס זאָל איך זאָגן, שמואל־אַבא? ס'איז געווען שוין איינמאָל אַ נאַכט. מירן האָבן צו דערציילן פאַר קינדער און קינדס־קינדער.

מיר האָבן געהערט, ווי פונדערווייטנס זינגען די מלאכים גייענדיק צו דער אַרבעט. דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטאַרקער, דערנאָך שטילער און צום סוף האָט עס אינגאַנצן אויפגעהערט.

— וואו קאָן ערגעץ זיין לייבעלע מלאך, פישערל? — האָב איך געפרעגט ביי מיין חבר.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, שמואל־אַבא? מסתמא וועט ער באַלד אָנקומען. ער ווייסט דאָך, אַז מיר וואַרטן אויף אים.

ס'האָט נישט קיין סך געדויערט און לייבעלע מלאך איז אָנגעקומען. ער האָט פאַר זיך געטריבן די סטאַדע שאָף און געשפּילט אויף זיין פייפל.

לייבעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אונז. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַרבע אַ שוואַרץ ברויט און אַ שטיק שאָפענעם קעז. מיר האָבן אָפּגע־געסן און זיך געזעגנט מיט אונזער חבר.

— קומטס נאָכאַמאָל, — האָט לייבעלע מלאך צו אונז געזאָגט, — איר וועט ביי מיר זיין אָנגעלייגטע אורחים. זעט און לאָזט זיך נישט וואַרטן אויף זיך קיין סך צייט.

מיר האָבן זיך מיט אים צעקושט. ס'איז אונז געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן אָט דאָס שיינע, באַרוועסע מלאכל, נאָר מיר האָבן געמוזט. פישערלס מאַמע איז שוין געווען, מסתמא, אומרואיק צוליב איר תכשיט.

נאָענט פון דער היים האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין טייערן חבר. מיר האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז קיינעם טאָרן מיר נישט דערציילן, וואו מיר זענען געווען און וואָס מיר האָבן געזען.

מיר האָבן זיך געגעבן תקיעת־כף און יעדער פון אונז איז געפלויגן אין אַן אַנדער ריכטונג. פישערל אַהיים צו זיך און איך צו זיך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אויפגעהערט צו דערציילן. אין פענסטער האָט שוין געטאָגט.

אנטקעגן מיר איז געזעסן דער רב. זיין ווייסע באָרד האָט געציטערט. די אויגן זענען בײַ אים געווען רויט פון נישט־שלאָפן און פון שטוינען.

— פלאי־פלאים, — האָט ער געזאָגט. — אַ וואוּנדער, שׂרה איז ער, אונזער דוד המלך. קיינעהאָרע אַזאַ פאַרמעגן. ס'זאָל אים נאָר נישט פאַר־שטערט ווערן.

דער דיין איז געזעסן אָן לשון. דאָס מויל איז בײַ אים געווען אָפן, מ'האָט בײַ אים געקאָנט איבערציילן די ציין. ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

נאָר דער גביר ר' מיכל הורוויץ האָט געפּויקט מיט די פינגער אויפן בויך און אויב כ'האָב קיין טעות נישט, אַ הונדערט מאָל איבערגעחזרט אויף דייטש דאָס וואָרט „זאָנדערבאַר".

מיין מאַמע האָט געגעבן אַ פּליעסק מיט די הענט:

— אַ ווייטיק איז דער מאַמען, ס'טאָגט שוין אין דרויסן און דאָס קינד האָט נאָך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. גזלנים, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויפן קינד!

— איך... איך... וואָס ווילסטו פון מיר האָבן, זעלדע? ווער האָט זיך דאָ אָנגעזעצט אויפן קינד?

מיין מאַמע האָט דעם טאַטן גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אויף אים נאָר אַ קוק געטאָן, אַז דער טאַטע איז אינגאַנצן געוואָרן פאַרציטערט. ווען ער האָלט זיך נישט אָן אינם טיש, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט מיט אים געשען.

מיין מאַמע האָט מיך געכאַפּט אויף די הענט. זי האָט מיך שיער נישט דערשטיקט מיט אירע קושן.

— קום, קדיש מיינער, קום שלאָפן. אַ ווייטיק דער מאַמען דיינער.

זי האָט מיך אַריינגעלייגט אין וויגל און מיך געוווּמען וויגן. כ'בין געווען מיד און דאָס וויגן פון דער זויג האָט מיך נאָך מידער געמאַכט.

אַ רגע פאַרן אַנטשלאָפן ווערן האָב איך זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו די חשובע באַלעבאַטים, אַז היינט אויפדערנאַכט זאָלן זיי נישט קומען, מחמת איך בין שטאַרק מיד. מירצעשעם מאָרגן אויפדערנאַכט וועל איך פאַר זיי ווייטער דערציילן די מעשׂיות פון גן־עדן.

איך האָב זיך צוריק אַוועקגעלייגט אין וויגל. איך האָב נאָך געהערט, ווי די טיר עפנט זיך מיט אַ סקריפּ, ווי די באַלעבאַטים געזעגענען זיך מיטן טאַטן. די אויגן האָבן זיך מיר גענומען קלעפּן, איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין חלום האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די נאַכט אין דוד המלכס גיטער. אין חלום האָב איך נאָכאַמאָל געזען מיין חבר פישערל און געהערט לייבעלע מלאך דעם פאַסטוכס שיינע לידער. און אין דעם אייגענעם חלום האָב איך דערציילט פאַרן רב, פאַרן דיין און פאַרן גביר ר׳ מיכל הורוויץ מיינע אויסטערלישע איבערלעבונגען אין גן־עדן.

IX

אַ מעשה נורא מיטן שור־הבר

איך בין אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, כדי מיך חלילה נישט אויפצואוועקן. דער טאַטע האָט נישט געוואָגט אויפצוהויבן דעם קאָפּ, פון אַרויסרעדן אַ וואָרט איז שוין אָפּגערעדט. ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט. מיין מאַמע האָט גוט אַכטונג געגעבן, מען זאָל מיר נישט שטערן דעם שלאָף.

פאַרנאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. אין צימער איז שוין געווען כמעט טונקל. אין אַ ווינקל איז מיין טאַטע געשטאַנען שמונה־עשרה.

איך האָב זיך אויסגעווישט די אויגן, געשמאַק אָפּגעגענעצט און צוגע־רופן די מאַמע צו מיין וויגל.

— מאַמע, זיי אַזוי גוט און גיב מיר צו זויגן. איך האָב דעם גאַנצן טאָג אין מיין מויל נישט געהאַט. דו ווייסט דאָך, אַז ווען איך שלאָף, עס איך נישט.

די מאַמע מיינע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, זי האָט מיר תיכף גע־געבן צו זויגן און מיך בשעת־מעשה געגלעט, געקושט, ווי ס'איז דער שטייגער פון אַ מאַמע.

— זיי האָבן דיך געמוטשעט, קדיש מיינער. איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז דערוואַקסענע אידן זאָלן נישט לאָזן שלאָפן אַ זויג־קינד? די גאַנצע נאַכט האָט ער זיי געמוזט דערציילן מעשיות פונם גן־עדן. און אַלעמען, — האָט זי זיך געווענדעט צום טאַטן, וואָס איז גראָד אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה, — און אַלעמען ביסטו שולדיק, שלים־מזל. אַ טאַטע ביסטו? אַ שטיין ביסטו, אַ טאַטער, נישט קיין טאַטע.

מיין טאַטע איז בלייך געוואָרן. גראָד איצט האָט ער זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פּסק. ער האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט, גלייך נישט אים מיינט מען.

איך האָב זיך איינגעשטעלט פאַרן טאַטן. איך האָב זיך ביי דער מאַמען געבעטן:

— לאָז צורו דעם טאַטען, מאַמע. ער איז גאָרנישט שולדיק. איך אַליין האָב געהייסן מען זאָל רופן די אידן, כדי זיי צו דערציילן, ווי אַזוי ס'זעט

אויס אין גן־עדן. מארגן מערצעשעם אויפדערנאַכט וועלן זיי ווייטער קומען און איך וועל ווייטער דערציילן.

איך בין צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן. נישט געקאָנט אפילו זאָגן דער מאַמען „אַ גוטע נאַכט", אַזוי מיד בין איך געווען. וואָס ס'האָט זיך מיר יענע נאַכט געחלומט געדענק איך נישט אויף געווי און זאַכן, וואָס איך געדענק נישט געווי, וויל איך נישט דערציילן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, איז שוין די שטוב געווען פול מיט זון. די מאַמע איז נישט געווען אין שטוב. זי איז געגאַנגען אויס־מעלקן די ציג. אויפן פענסטער האָט זיך געוואָרעמט אונזער קאַץ.

— מיצי! מיצי! — האָב איך גערופן די קאַץ. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פענסטער און אַריין צו מיר אין וויגל. די קאַץ האָט מיר אויסגעלעקט די אויגן, איך האָב זיך געפילט ווי ניי־געבוירן.

דער טאָג איז פאַרביי אָן שום באַזונדערע פאַסירונגען. מען האָט געגעסן אָנבייסן. נאָכן מיטאָג האָט זיך דער טאַטע אַביסל צוגעלייגט. די מאַמע האָט באַלאַקעט מיט די ווייבער אינדרויסן. איך האָב זיך געשפּילט מיט אַ רויטן קאָלדרע־קנאָפּ.

פאַרנאַכט איז מיין טאַטע אַוועק, ווי דער שטייגער, אין שול אַריין. ער האָט זיך דאָס מאָל נישט קיין סך געזוימט און איז תיכף צוריקגעקומען.

מען האָט אָפּגעגעסן וועטשערע רייז מיט מילך און ס'האָט נישט קיין סך געדויערט, און דער רב, דער דיין און דער גביר זענען אַריינגעקומען מיט אַ „גוטן אָוונט".

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. דער רב איז נאָך ווייסער געוואָרן פון זינט יענער נאַכט, דער דיין — נאָך דאַרער. נאָר דער גביר מיכל הורוויץ, האָט זיך געהאַלטן אין דער מעלה. ער האָט געפינקלט מיט זיין גאָלד. אויף אַלעמען, וואָס מען האָט געזאָגט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט אויף דייטש „זאָנדערבאַר".

איך האָב מיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן דעם רב. דער לאָמפּ האָט געברענט אויפן טיש. די מאַמע האָט פאַרהאַנגען די פענסטער. אַלע זענען געווען גרייט צו הערן.

מיין מאַמע, וואָס איז געשטאַנען, לויט איר שטייגער, ביי דער טיר, פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן, האָט מיר געזאָגט:

— שטרענג זיך נישט אָן, אוצרל, אַז דו וועסט ווערן מיד, רו דיך אָפּ.

ס׳ברענט נישט, חלילה, און דו האָסט זיך נישט וואָס צו איילן. קוים וועסטו ווערן הונגעריק, זאָלסטו מיר זאָגן, וועל איך דיר געבן צו זויגן.

מיין מאַמע, אַ לעבן אויף איר קאָפּ, איז מיר געווען געטריי. זי האָט מיך געהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

איך האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און גענומען דערציילן. אַלע אַרום טיש זענען געזעסן שאַ, שטיל. מען האָט געקאָנט הערן ווי ביי יעדערן קלאַפּט דאָס האַרץ.

— איך האָב זיך, ווי איר ווייסט, — האָב איך דערציילט, — געזעגנט מיט מיין חבר פישערל. ער איז געפלויגן צו זיך אַהיים און איך צו מיר אַהיים. מיד בין איך געווען, אַז איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. די פליגל זענען ביי מיר געווען ווי געליימט. קוים, קוים, וואָס איך האָב זיך דערשלעפּט אַהיים.

איך בין אַוועקגעפאַלן אויף מיין געלעגער און בין אַנטשלאָפן געוואָרן. אין חלום האָבן זיך מיר געפלאָנטערט דוד המלך, בת־שבע, אַבישג, וואַסערפאַנעס, שאול המלך, די זנאַכעריו גנענדל. אַלצדינג, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דוד המלכס גיטער, נאָר אין אַ קאַפּויערדיקן סדר. זאַכן און געשטאַלטן האָבן זיך אַזוי געפלאָנטערט, אַז דער חלום איז געוואָרן נאָך מער קאַשמאַר ווי די וואָר.

אַרום פיר אַזייגער ביי טאָג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב זיך אַרומגעוואַשן, עפּעס איבערגעכאַפּט און בין תיכף אַוועקגעפלויגן צו מיין חבר פישערל.

מיין חבר פישערל איז נאָך געשלאָפן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין וואַרשטאַט וואַרטן ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן.

פישערלס טאַטע, שלמה־זלמן דער לאַטוטניק, איז געשטאַנען ביים גרויסן טיש, מיטן סאַנטימעטער־בענדל אויפן האַלז און אַ שטיקל קרייד אין דער האַנט. ער האָט אָפּגעצייכנט אַ פּאָר פליגל, וואָס מען האָט אים געגעבן צו פאַרריכטן.

ביים ווערק־טישל זענען געזעסן די צוויי שניידער־מלאכים, בערל און סיאָמקע. זיי זענען ביידע געווען פאַרטיפט אין זייער אַרבעט. די נאָדלען זענען ממש געפלויגן אין זייערע הענט. איך האָב געפּרואווט ציילן וויפל שטעך יעדער פון זיי מאַכט אין אַ מינוט און נישט געקאָנט. אַלעמאָל האָב איך זיך פאַרציילט.

פישערלס מאַמע, די מלאכטע חנה־דבורה, איז אַרײַנגעקומען פֿונעם אַלקער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר און געפּרוּווט פֿון מיר דער־גיין, וואו מיר, דאָס הייסט, איך און פישערל, זענען עס פאַרפאַלן געוואָרן. זי האָט שוין געמיינט, יוער ווייסט, וואָס ס׳איז מיט אונז געשען. זי האָט שוין געוואָלט גיין צו דער גן־עדן־פּאָליציי, מאַכן אַ גוואַלט, אַז מען זאָל אונז זוכן.

איך האָב נישט געוואוסט, צי מעג איך דערציילן דעם אמת. כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן זיך אָפּצורעדן מיט מיין חבר פישערל וועגן דעם ענין.

אַ ווײַלע בין איך געזעסן נישט אַנטשלאָסן, געספּקט: יאָ? צי ניין? און סוף־כל־סוף האָב איך באַשלאָסן, אַז איך בין נישט מחויב איר צו דער־ציילן דעם אמת. אויב פישערל וויל, זאָל ער איר דערציילן.

איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע. איר געזאָגט, אַז מיט פישערלען האָב איך זיך נישט געזען אַן ערך דריי טעג. אדרבא, דאָס בין איך איצט געקומען געוואויר ווערן, צי איז ער נישט, חלילה, קראַנק.

— קראַנק, — האָט די מלאכטע חנה־דבורה אַ פליעסקע געטאָן מיט ביידע הענט, — זאָלן מיינע שונאים קראַנק זיין. מער פעלט מיר נישט, נאָר פישערל זאָל קראַנק זיין. אַ ווייטיק דער מאַמען.

זי האָט נאָך געפּרוּווט ביי מיר פאָרשן. נאָר אַז זי האָט געזען, אַז איך האַלט זיך ביי מיינס, אַז איך ווייס נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום, האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז צוריק אַריין אין אַלקער.

פישערלס טאַטע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אָפּצייכענען די פּאָר פליגל. סיאַמקע האָט גראָד פאַרענדיקט אַ פּאָר פליגל, זיי פאַרטיק געמאַכט אויף צו פּרובירן.

פישערלס טאַטע איז אַוועקגעפלויגן צום קונה הענזל מלאך, דעם מילנער, פּרובירן די פליגל. קוים איז ער אַרויס פון שטוב, האָט זיך סיאַמקע מלאך צעזונגען:

'אַ ליבע צו שפּילן איז נישט כדאי,
מלאכים, איך טו אייך באַשווערן,
ס׳וועט ענק זיין וואויל ווי די וועלט,
אויב עץ וועט מיין עצה אויסהערן.

די ליבע איז, אוי, אַן אומגליק, אַ פּלאָג
און קאָסט אָפּ אַ מאַיאָנטעק מיט טרערן,
זי לאָזט דיך נישט אָרבעטן בייטאָג
און ביינאַכט נישט אַנטשלאָפן ווערן.

און בערל מלאך, דער צווייטער שניידער־געזעלן, וואָס איז מיט סיאָמקע מלאך געווען אויף מעססער־שטעך, איז אין דעם פאַל געווען מסכים מיט זיין שונא. ער האָט זיך צעגאָרגלט אויף אַ קול:

אָט טוט דיר דאָס גליק אַ שיין אויף אַ ווייל,
מיט פייגעלעך, בלומען און שטערן,
און אָט אַנטלויפט עס אויף טויזנט מייל,
אַז ס׳איז נאָר משוגע צו ווערן.

אוי, משוגע צו ווערן איז נישט כדאי,
מלאכים, איך טו ענק באַשווערן,
האָטס די ליבע טיף טייער אין דר׳ערד,
וועט איר תיכף געהאָלפן ווערן.

מיר איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק פון אָט דעם דאָזיקן לידל. איך האָב זיך דערמאָנט יענע לבנה־נאַכט, ווען איך האָב געזען די דאָזיקע צוויי פאַרליבטע שניידער־מלאכים זיך צעזיפצן אויפן טראָטואַר. זיי וויסן אפילו נישט, אַז איך האָב זיי געזען און געהערט זייער שמועס — האָב איך געטראַכט. און פונדעסטוועגן איז מיר נישט גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

אין אַלקער האָט זיך צעזונגען פישערלס שוועסטער, עטל, די שיינע מלאכטע מיט די ראָזע פליגל. זי איז, ווייזט אויס, נישט געווען מסכים מיטן מוסר־השכל פון די צוויי אומגליקלעך־פאַרליבטע שניידער־מלאכים. איר ליד איז געווען האָפערדיק. איר קול איז געווען צוקער־זיס:

דו ביסט מיר געקומען צו חלום,
מיין טייער גאָלד, מיין לעבן,
און האָסט מיר אַ פינגערל פון גאָלד
צום עוויגן אָנדענק געגעבן.

דאָס פינגערל פון גאָלד איז זייער שיין,
איך טו עס אויף מיין פינגער טראָגן,
איך האָב עס געוויזן מיין חברטע
און געזאָגט איר אַזוי צו זאָגן:

דאָס פינגערל האָט מיר מיין חתן געקויפט,
אַ מלאך מיט ליכטיקע אויגן — —
און ווען טאַטע־מאַמע וואָלטן געלאָזט,
וואָלט איך תיכף צו אים געפלויגן.

און איך וואָלט זיך ביי אים אָפּגעזאַמט
אַ גאַנצן מאַיאַנטעק מיט יאָרן,
ביז מיינע שיינע, שוואַרצע צעפּ
וואָלטן ווייס ווי שניי געוואָרן.

גיי ווייס ווער פון זיי ס׳איז גערעכט — האָב איך געטראַכט. יענע טענהן אַזוי, קומט פּישערלס שוועסטער און טענהט קאַפּויער. אַז איך וועל זיין אַ גרויסער — האָב איך באַשלאָסן — וועל איך שוין וויסן אויף קלאָר אַ באַשייד.

סיאָמקע מלאך האָט טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל און ס׳האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. כ׳האָב אַליין געזען, ווי אַ טרער איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אויגן אויף אָן איבער־געניצעוועטן פליגל.

בערל מלאך איז מקנא געווען זיין קאָנקורענט פאַר דער טרער. ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט פון דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל און דערביי גע־קוועטשט די אויגן, ביז ס׳איז אים אויך געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ טרער.

ער האָט אַ בליק געטאָן מיט נצחון אויף סיאָמקע מלאך. זיין בליק האָט גערעדט ווערטער:

— וואָס מיינסטו, נאָר דו קאָנסט מקריב זיין אַ טרער צוליב דעם גן־עדן־קרעמערס טעכטערל? לא מיט אַן אַלף.

סיאָמקען האָט עס אָפּנים פאַרדראָסן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שנעלער געוואָרפן מיט דער נאָדל און געזונגען:

כאַטש דו האָסט מיך אויסגעלאַכט, סערדצע,
כאַטש דו האָסט געטריבן פון מיר שפּאַס,
קאָן איך זיך קיין אָרט נישט געפינען
און וואָגל דורך די נעכט אויף דער גאַס.

די לבנה מיט די טויזנטער שטערן,
זיי ברענגען מיר גערוסן פון דיר,
און איך, איך קאָן דיך נישט דערגרייכן, —
מיר זאָל זיין, דושענקע, פאַר דיר.

בערל מלאך האָט זיך אָפּגערוקט פונם ווערק־טישל. סיאָמקעס ליד האָט אים גערייצט. ער האָט געפילט, אַז קוים זינגט סיאָמקע נאָך איין סטראָף, וועט ער, בערל מלאך, זיך מער נישט קאָנען איינהאַלטן. ער וועט כאַפּן דעם פרעס־אייזן און אים פּלעטן דעם קאָפּ.

צום גליק איז סיאָמקען אויסגעגאַנגען דער פאָדים. דאָס ליד האָט נאָר פאַרמאָגט צוויי סטראָפן און בערל מלאך האָט זיך באַרואיקט.

דאָס הייסט, ס'רעדט זיך נאָר באַרואיקט. וואָס ביי אים האָט זיך אָפּגע־טאָן אין האַרצן, ווייסט נאָר איין גאָט. אָבער פון דרויסן האָט מען עס נישט אָנגעזען.

פישערל האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם שלאָף. ער איז אַריינגעגאַנגען אין וואַרשטאַט און דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט. ער איז צו מיר צוגעלאָפן, מיך אַרומגעכאַפּט, גלייך מיר וואָלטן זיך נישט געהאַט געזען אַ שאָק מיט יאָרן.

— ביזט שוין דאָ פון לאַנג, שמואל־אַבא?

— איך וואַרט שוין אויף דיר איבער אַ שעה, פישערל. דו האָסט עס קיינעהאָרע געכאַפּט אַ דרימל...

מיר זענען בײדע צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט. אינדרויסן, אויף דער לאַנקע, האָט זיך געפּאַשעט דער שור־הבר. די דריי באַרוועסע פּאַסטוכער, וואָס האָבן אים געהיטן, האָבן געשפּילט אַ דערדע.

— דער שור־הבר, — האָט איך געזאָגט צו מיין חבר, — ווערט מיט יעדן טאָג פעטער. ביז משיח וועט קומען וועט ער שוין זיין אַזוי פעט, אַז מען וועט אים קוים קאָנען רירן פון אָרט.

פישערל האָט געשוויגן. מיר האָבן געזען, ווי די מלאכטע כאַסיע שפּאַ־צירט אויף דער גן־עדן־לאָנקע. זי איז אין ניינטן חודש, און יעדן פּאַרנאַכט גייט זי זיך דורך איבער דער גן־עדן־לאָנקע שעפּן אַביסל לופט.

— פישערל, צו וואָס האָט זי אָנגעטאָן דאָס רויטע פאַרטוך? — האָב איך געפרעגט מיין חבר. — אַז דער שור־הבר וועט דערזען דאָס רויטע, קאָן נאָך חלילה געשען אַן אומגליק.

— טאַקע, טאַקע, — האָט געזאָגט פישערל און מיר האָבן ביידע גע־וואונקען מיט די הענט, געגעבן דער שוואַנגערער מלאכטע סימנים, אַז זי זאָל זיך אומקערן, כל־זמן ס'איז צייט.

די מלאכטע כאַסיע האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט פאַרשטאַנען אונזער ווינקען. זי איז זיך געלאָסן געגאַנגען ווייטער, געקומען אַלץ נענטער צום אָרט, וואו דער שור־הבר האָט זיך געפּאַשעט.

דער שור־הבר האָט דערזען דאָס רויטע פאַרטוך און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן. מיר האָבן געמיינט, אַז אָט, אָט וועט ער זיך אַ וואָרף טאָן אויף דער מלאכטע.

מיר האָבן אָבער געמאַכט אַ טעות. אמת איז, אַז דאָס רויטע פאַרטוך איז דעם שור־הבר נישט געווען ניחא. אָבער צו אונזער גרויסער דערשטוינונג האָט ער זיך געהאַלטן אין דער מעלה. ער האָט זיך, משמעות, באַרעכנט, אַז ער איז נישט קיין סתם אָקס, נאָר דער שור־הבר און ס'פּאַסט נישט פאַר אים זיך אויפצורעגן צוליב אַ שטיקל רויטס, ווי יעדער פּראָסטער ביק.

איך בין גאָר נתפּעל געוואָרן פון דער געלאַסנקייט זיינער. דער שור־הבר האָט ווייטער געצופּט דאָס גראָז און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דער נאַרישער מלאכטע אין רויטן פאַרטוך.

ס'איז אָבער פאַרט געווען באַשערט אַן אומגליק. די מלאכטע כאַסיע איז נישט געווען פון די איבערגעשפּיצטע. מען קאָן זאָגן, אַז זי איז געווען מער בהמה פונם שור־הבר. אַז זי איז צוגעקומען גאָר נאָענט, אַ פּאָר טריט פון דעם פּאַשענדיקן שור־הבר, איז זי שטיין געבליבן און זיך צוגעקוקט, ווי ער מעלה־גרהט דאָס אַזוי געשמאַק. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אויס־געגלאָצטע אויגן און באַוואונדערט זיין אַפּעטיט.

די דריי באַרוועסע פּאַסטוכער האָבן זיך געאַמפּערט איבער די קאָרטן. דער האָט געזאָגט אַזוי, דער צווייטער אַזוי און דער דריטער האָט געדרונגען קאַפּויער.

זיי זענען געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין זייער אַמפּעריי, אַז זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי די שוואַנגערע מלאכטע איז צוגעגאַנגען נאָענט צום שור־הבר און אים אַ גלעט געטאָן דעם האַלז.

—זאָל זי, — האָט געטראַכט דער שור־הבר, — זאָל זי גלעטן, וויפֿל איר האַרץ גלוסט. זי זאָל נאָר אויסטאָן דאָס רויטע פֿאַרטוך, וואָלט שוין געווען גאָר גוט.

נאָר, ווי זאָגט פֿישערלס מאַמע, די מלאכטע חנה־דבורה: „פֿון אַ נאַר האָט מען שטענדיק צער". די שוואַנגערע מלאכטע האָט נישט פֿאַרשטאַנען די גרויסמוטיקייט פֿונם שור־הבר. זי האָט אים געגלעט און געגלעט און פּלוצים האָט זי זיך צוגעבויגן נאָענט צו אים און אים געטאָן אַ שעפּטשע אין אויער:

— משיח קומט!

דער שור־הבר האָט אַ ציטער געטאָן מיט זיין גאַנצן שווערן גוף. „משיח קומט" — דאָס באַדייט, אַז אָט, אָט וועט מען אים קוילען, צעשניידן זיין פֿלייש אויף שטיקער. דאָס פֿלייש וועט מען בראָטן און די צדיקים וועלן טונקען שטיקער קוילעטש אין זיין ראָסל, פֿרעסן זיין פֿלייש און זיך פּאַסמאַ־קעווען: „אַי, אַי, אַי... טעם גן־עדן!"

דער שור־הבר איז געוואָרן ווילד. „משיח קומט!" די געפֿאַר איז נאָענט, מען דאַרף אַנטלויפֿן, זיך ראַטעווען, ראַטעווען פֿון דעם חלף.

דער שור־הבר (פֿאַרט אַן אָקס) האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס האָט זיך דער שוואַנגערער מלאכטע כאַסיע בלויז פֿאַרגלוסט אַ שפּאַס. ביז משיח וועט קומען, האָט ער נאָך גענוג צייט זיך צו פּאַשען אויף דער גן־עדן־לאָנקע... ער האָט מיטאַמאָל איינגעבויגן דעם קאָפּ, אַ כאַפּ געטאָן די שוואַנגערע מלאכטע אויף די הערנער און גענומען לויפֿן, וואו די אויגן טראָגן אים.

איך און מיין חבר פֿישערל האָבן געמאַכט אַ געוואַלד. מיר האָבן געשריגן, ווי נישט מיט אונזערע קולות:

— דער שור־הבר אַנטלויפֿט, דער שור־הבר אַנטלויפֿט!

די דריי פּאַסטוכער זענען אויפֿגעשפּרונגען און גענומען פֿייפֿן און נאָכ־יאָגן דער ווילדן, אַנטלויפֿנדיקן אָקס. די מלאכטע כאַסיע האָט זיך געצאַפּלט אויף זיינע הערנער און געמאַכט אַזעלכע יעלות, אַז קינד און קייט איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן. איינער האָט געפֿרעגט דעם צווייטן:

— וואָס איז געשען, האַ? וואָס איז געשען?

— דער שור־הבר האָט געכאַפּט אַ מעוברתדיקע מלאכטע אויף די הערנער און איז מיט איר אַנטלאָפן.

— מען דאַרף אים נאָכיאָגן!

— מען דאַרף אים כאַפּן און צוריקברענגען!

— אַ כפרה די מלאכטע, דער שור־הבר איז בילכער. וואָס וועלן די צדיקים טאָן אָן דעם שור־הבר, ווען משיח וועט קומען?

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ס׳אמתע געיעג. ווער ס׳האָט געהאַט פליגל, יונגע און אַלטע מלאכים, האָבן זיך געלאָזט פליען.

דער צעיושעטער שור־הבר איז אָבער געלאָפן ווי טויזנט טייוולאָנים. פאַר די אויגן האָט אים מסתמא געבליצט דער חלף, מיט וועלכן מען האָט אים געדאַרפט קוילען. ער איז אַנטלאָפן פון דער „גרויסער סעודה", וואָס משיח האָט געדאַרפט צוגרייטן פון זיין פלייש פאַר די צדיקים.

די שוואַנגערע מלאכטע האָט געצאַפּלט אויף זיינע הערנער. זי האָט געמאַכט מיט די הענט, געקוויטשעט, געפאַלן אין חלשות, זיך אויפגעכאַפּט און ווידער געקוויטשעט.

מיר האָבן זיך געיאָגט נאָכן שור־הבר. פאָרויס זענען געפלויגן די דריי פאַסטוכער און הינטער זיי מלאכים מיט בערד און אָן בערד. די איינציקע קינדער, וואָס זענען מיטגעפלויגן, זענען געווען מיר, איך און מיין חבר פישערל.

אַ טייל מלאכים זענען מיד געוואָרן. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אינמיטן געיעג, געסאַפּעט, זיך געווישט דעם שוייס פון אונטער די פליגל און דערנאָך צוריקגעפלויגן אַהיים.

— אָן אייזערנע גבורה האָט ער, דער שור־הבר.

— האָסט עפּעס געזען אַ מין לויפן, פלינקער פונם פלינקסטן גן־עדן־האָז.

— די נאַרישע אשה האָט אים וואָזשנע איבערגעשראָקן. מען דאַרף זי אָוועקלייגן אינמיטן שול־הויף און איר אַריינצימבלען, אַז זי זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן צו מאַכן אַזעלכע קאַטאָוועסן.

אַזוי האָבן זיך אַדורכגעשמועסט די מלאכים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. דער שור־הבר איז אָבער ווייטער אַנטלאָפן און מיר האָבן אים נאָכגעיאָגט.

אַ היפּש ביסל שאָדן האָט ער אָנגעמאַכט, דער שור־הבר, אויפן וועג. ער איז געלאָפן איבער גערטנער, איבער פאַרזייעטע פעלדער און אַלץ

צעטראָטן. אויפֿן וועג האָט ער איבערגעקערט אַ פּאָר קליינע מלאכימלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין „קאָמער־קאָמער־הויז״.

אַן אַלטער מלאך, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פון אַ דאָרף און געשפּילט אויף אַ קאַטערינקע, האָט פון אים באַקומען אַזאַ שטויס, אַז ער האָט געמאַכט עטלעכע קאָזשעלקעס אין דער לופטן און איז אַוועקגעפאַלן אַ פּאָר־חלשטער. מען האָט אים קוים דערמונטערט.

— פישערל, דו זעסט, ער פאַרנעמט זיך קיין מערב, צו דער גרענעץ פונם גויאישן גן־עדן.

— איך זע, שמואל־אַבא, איך זע. זאָלסט מיר דערלעבן בעסערע בשורות אָנצוזאָגן.

דער אָונט האָט גענומען טונקלען. דאָס גײעג נאָכן שור־הבר איז געוואָרן נאָך האַסטיקער. מען דאַרף אים כאַפּן איידער ס׳פאַלט צו די נאַכט.

אַזוי האָבן מיר געטראַכט. דער שור־הבר האָט אָבער געטראַכט אַנדערש. ער האָט באַשלאָסן, אַז ס׳זאָל זיך טאָן חושך, די וועלט זאָל זיך איבערקערן, אָבער אים וועלן זיי נישט כאַפּן.

די נאַכט האָט פאַרשאָטנס די פעלדער און די וועגן. ווי אויף צו להכעיס האָט זיך דאָס מאָל נישט באַוויזן די לבנה. מען האָט נישט געזען קיין סימן פון קיין שטערן.

ס׳איז געוואָרן אַזוי פינסטער, אַז איינער האָט נישט געזען דעם צווייטנס נאָז. מען האָט נאָר געהערט דאָס שנעלע פאָכען פון די פליגל און דאָס מוראדיקע מרוקען פונם שור־הבר.

— פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ כוח? — האָט איין מלאך געסאָפּעט. אויב איך האָב קיין טעות נישט געהאַט, איז דאָס געווען הלל דער סטראַזשניק.

— פון וואַנען, פרעגסטו? — האָט זיך אַ צווייטער צעלאַכט. — פון ששת ימי בראשית האַלט מען אים אין איין פאַשען, ווילסטו ער זאָל נישט האָבן קיין כוח?

דער שור־הבר האָט זיך געטראָגן, ווי אַ וויכער, איבער די גן־עדן־פעלדער. דאָס פאַרטוך פון דער מלאכטע, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע הערנער, האָט געפלאַטערט ווי אַ פאָן.

— דו זעסט, שמואל־אבא, דאָרטן די גרינע פייערלעך? דאָרט איז די גרענעץ פונם גויאישן גן־עדן. ס׳זאָל אים נאָר נישט איינפאַלן אַריבערצו־לייפן די גרענעץ. ס׳וואָלט געווען אַן אומגליק.

— ער וועט זיך, מסתמא, דערשרעקן און זיך אָפּשטעלן, — האָב איך געפּרוּווט טרייסטן מיין חבר און אַליין האָב איך נישט געגלויבט מיינע רייד.

— גיי פאַרלאָז זיך אויפן יושר פון אַ צעיושעטן שור־הבר, — האָב איך געטראַכט, — וואָס ווייסט אַזאַ בהמה פון אַ גרענעץ? וואָס ווייסט ער פונעם חילוק צווישן אידישן און גויאישן גן־עדן?

די ליכטער פון דער גרענעץ זענען געוואָרן נענטער און נענטער. מיר האָבן שוין אָנגעזען די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע, וואָס שטייט נאָענט צו דער גרענעץ. דער שור־הבר האָט זיך געטראָגן מיט אַ ווילדן אימפּעט נענטער און נענטער צום גרענעץ־פּאַס.

די שוואַנגערע מלאכטע, וואָס האָט געצאַפּלט אויף די הערנער פונעם שור־הבר, האָט שוין נישט געהאַט קיין כּח צו שרייען. זי איז געווען הייזעריק ווי אַ גלאָק. קוים־קוים, וואָס מען האָט איצט געהערט אירן אַ קרעכץ.

די דריי פּאַסטוכער, וואָס האָבן געהיט דעם שור־הבר, זענען געווען בלייך ווי קרייד. וואָס וועלן זיי טאָן, אַז דער שור־הבר וועט, חלילה, אַריבער די גרענעץ פונעם גויאישן גן־עדן? לויט אַלע סימנים האָט עס שוין געהאַלטן טאָקע דערביי. די גלעקער פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע האָבן זיך צעקלונגען: בים, באַם, בים, באַם.

דער שור־הבר האָט געיאָגט און געשפּרונגען, אַז אַ שוים האָט אים אַזש באַגאָסן. די גרענעץ איז געווען גאָר נאָענט. מען האָט שוין אַפילו געזען די גויאישע גרענעץ־וואַך. מלאכים מיט בלאָע אויגן און בלאָנדע האָר. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין גרויסע שטיוואַלעס און זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זייערע פּיקעס.

— פישערל, וואָס וועט זיין?

— אַן אומגליק! — האָט געקרעכצט מיין חבר פישערל. — אַן אומגליק, שמואל־אַבאַ.

דער שור־הבר מיט דער מעוברתער מלאכטע אויף די הערנער איז אַריבער די גרענעץ. עטלעכע פון די גויאישע מלאכים האָבן אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג. ער האָט אָבער געטאָן אַ שפּרונג און איז ווייטער געלאָפן.

אונזערע — דאָס הייסט, די אידישע מלאכים — האָבן זיך פאַרהאַלטן האַרט ביי דער גרענעץ, ווייטער נאָכיאָגן דעם שור־הבר האָט מען נישט

געקאָנט. דאָס הייסט, געקאָנט וואָלט מען יאָ, נאָר די גויאישע מלאכים וואָלטן נישט געלאָזט.

מיר האָבן זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער, טרויעריקע און פאַר־שעמטע. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיר זענען געשטאַנען און אַריבערגעקוקט צו די פעלדער, וואו דער שור־הבר איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

— אפשר האָבן זיי אים געכאַפּט? — האָט זיך אָנגערופן אַ מלאך.

— און אַז יאָ, — האָט אים אָפּגעענטפערט אַ צווייטער, — וואָס וועט אונז דערפון אַרויסקומען?

— זיי קאָנען אים נאָך, חלילה, קוילען אויף טריפה, — האָט סתם אַ זאָג געטאָן אַ דריטער.

— פעט איז ער קיין עין־הרע, אונזער שור־הבר, זיי וועלן פון אים מאַכן אַ גאַנצן פראַזניק.

— אונזערע צדיקים וועלן בלייבן מיט דער צונג אין דרויסן. אַ גאַנץ לעבן זיך געשאַרפט די ציין, און איצט נאַ — נישטאָ קיין שור־הבר.

— בייס דיר אָפּ די צונג, — האָט בייז אַ זאָג געטאָן הענזל מלאך, — וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ קיין שור־הבר? ער איז דאָ, און נאָך אַ מין דאָ. ער איז נאָר אַריבער אין גויאישן גן־עדן און מען דאַרף אים זען אַרויסצו־באַקומען פון דאָרטן.

הענזל מלאך האָט זיך אַ גלעט געטאָן דאָס שיטערע בערדל, מעשה תקיף, און בשעת־מעשה געזוכט אַ פאַרטל, ווי אַזוי צו באַפרייען דעם שור־הבר.

— וואָס קאָן מען טאָן, רב הענזל? — האָט אַ פרעג געטאָן אַ נידעריק מלאכל מיט אַ געדיכטער באָרד. — גיטס אָן עצה, רב הענזל.

הענזל מלאך האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער גויאישער גרענעץ־וואַך און אָנגעהויבן מיט זיי איינצוטענהן, האַלב אויף גויאיש, האַלב אויף יידיש און דאָס רעשט האָט ער דערמאַכט מיט די הענט.

— נאַשי שור־הבר, — האָט געזאָגט הענזל מלאך, — איז אַריבער, געמאַכט אַ ויברח אין וואַשי ראַי.

— טשטאָ? — האָט אים איבערגעפרעגט וואַסיל אַנגעל, דער צוגס־פירער פון דער גויאישער גרענעץ־וואַך.

— נאַשי שור־הבר דאָ וואַשי ראַי, — האָט אים נאָכאַמאָל אויפגע־

קלערט הענזל מלאך און געמאַכט דערביי מיט די הענט, אַפּגעמאַלן, ווי אַזוי איינער אַנטלויפט.

די גויאישע גרענעץ־וואַך האָט זיך צעלאַכט. וואַסיל אַנגעל דער צוגס־פירער האָט אַ דריי געטאָן זיינע וואָנצעס און אַ זאָג געטאָן שטרענג:

— פּאַשאָל וואָן, זשיד פּאַרכאַטי!

הענזל מלאך האָט אַ ציטער געטאָן. מיר אַלע זענען געשטאַנען אַרום אים ווי פאַרלוירענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל.

פון די גויאישע גן־עדן־פעלדער האָט זיך צעטראָגן אַ „הוראַ" און אַ געלעכטער. משמעות, אַז זיי, די גויאישע מלאכים, איז געלונגען צו פאַר־האַלטן דעם שור־הבר.

מיר זענען געשטאַנען אויף דער זייט גרענעץ און זיך צוגעהערט צו דער גויאישער פרייד. ביי יעדן איינעם פון אונז האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, ווי אַ משוגע געוואָרן זייגערל.

דער מלאך הלל דער סטראַזשניק האָט שווער אָפּגעזיפצט. דעם זיפץ זיינעם האָט מען געקאָנט הערן אויף אַ שטח פון זיבן מייל אַרום.

די דריי באַרוועסע פאַסטוכער זענען געשטאַנען ווי אויסגעפּאַטשטע. וואָס וועלן זיי ענטפערן, אַז מען וועט זיי נעמען אויפן צימבל?

„אַזוי האָט עץ געהיט דעם שור־הבר, ממזרים?..." און די צדיקים וועלן יעדן איינעם פון זיי אָנשפּייען אַ פול פּנים און וועלן זיין גערעכט. אַ „דערדל" האָט זיך זיי פאַרגלוסט... און אין דער צייט, וואָס זיי האָבן געשפּילט, איז געשען דאָס אומגליק.

דאָס געלעכטער אויף די גויאישע גן־עדן־פעלדער איז געוואָרן שטאַר־קער. דאָס פירט מען דעם שור־הבר מיט פּאַראַד, — האָט יעדער פון אונז געטראַכט, — אין די גויאישע גן־עדן־שטאַלן. זיי וועלן די כשרע, פרומע בהמה אָוועקשטעלן מיט זייערע חזירים נעבן איין קאָריטע. ווייז איז צו זיי, וואָס זיי האָבן דאָס דערלעבט!

הענזל מלאך האָט אַ זאָג געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין:

—אַ קשיא אויף אַ מעשה, זיי קאָנען נאָך נעמען און אָוועקקוילען דעם שור־הבר מיט אַ טריפה מעסער. וואָס וועלן זאָגן די הייליקע צדיקים? אַ שיין פּנים וועט שוין האָבן די סעודה אָנעם שור־הבר. געוואַלט, מלאכים, גיטס אָן עצה, וואָס טוט מען?

— גיטס אָן עצה — ס'איז גרינג צו זאָגן, אָבער שווער צו טאָן.

די נאַכט איז געווען שטאָק־פינסטער. די מלאכים מיט די אַראָפּגעלאָזטע פליגל פאַזע דער גרענעץ האָבן זיך בפירוש נישט געוואוסט, וואו אַהינצוטאָן.

— ווייסט עץ וואָס? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די באַרוועסע פאַסטוכער. — לאָמיר אָנצינדן אַ פייער, זיך דערווייל אַביסל דערוואַרעמען און אין איין וועגס טאַקע אַ קלער טאָן, ווי אַזוי מען דאַרף מגלה זיין דעם סוד פאַרן גאַנצן גן־עדן.

דער פּלאַן וועגן אָנצינדן אַ פייער איז יעדן געפעלן. ס'איז, ווי געזאָגט, געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט און מיר האָבן אַלע געכאַפּט אַ ציטער.

די דריי פאַסטוכער האָבן צונויפגעקליבן שפּענדלעך און געמאַכט פייער. מיר האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום פייער. יעדער פון אונז האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, געטראַכט און געזוכט אַן עצה.

— וואָס זאָגסטו, פישערל?

— וואָס זאָל איך זאָגן, שמואל־אַבא? ס'איז גוט, גוט פאַסקודנע.

— איצט האָבן זיי דעם שור־הבר און מיר האָבן אַ פייג, פישערל.

— וועט מען זיך מוזן באַגיין אָן דעם שור־הבר, שמואל־אַבא. אַז משיח וועט קומען, וועט מען עסן לויתן. דאָס פליישׁ פונם לויתן איז געשמאַקער פון דעם פליישׁ פון שור־הבר.

הענזל מלאך, וואָס האָט געהערט אונזער שמועס, האָט זיך אָנגעצונדן. ער איז אַרויס פון די כלים און געהאַלטן פאַר אונז אַ גאַנצע דרשה. ער האָט זיך אַלעמאָל פאַרכליניעט און ווייטער גערעדט:

— שוין, די צוציקעס זענען שוין גרייט צו לאָזן דעם שור־הבר ביי זיי, אין גויאישן גן־עדן. וואָס הייסט, מען וועט זיי לאָזן דעם שור־הבר? טויזנטער יאָרן האָבן מיר אים געפּאַשעט, כדי זיי זאָלן דאָרטן מאַכן אַ פּראַזניק? ווינציק חזירים האָבן זיי דאָרטן, דאַרף מען זיי נאָך לאָזן דעם שור־הבר? מען וועט איינלייגן וועלטן, חושך וועט זיך טאָן, איר הערט, וואָס מען זאָגט אייך? חושך וועט זיך טאָן, און דער שור־הבר וועט צוריק זיין ביי אונז!

איך און מיין חבר פישערל האָבן זיך דערשראָקן. מיר האָבן גענומען שטאַמלען, זיך פאַרענטפערן:

— זייט נישט אין כעס, ר' הענזל! מיר האָבן, חלילה, נישט געמיינט קיין שלעכטס. מיר האָבן געוואָלט... מיר האָבן געזאָגט... איר פאַרשטייט, ר' הענזל?

הענזל דער מלאך אָבער, אַז ער דערהיצט זיך, איז אים שווער איינצו־שטילן. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן איבערן פייער, געמאַכט מיט די הענט, און גערעדט, גערעדט, געמאַלן, ווי אַ מיל. קיינער פון אונז האָט נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט.

מיט אַמאָל האָט ער אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגל. אויסגעלאָשן דאָס פייער, וואָס האָט געפלאַקערט אין פעלד. ער האָט אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול:

— שטייטס אויף, מלאכים! וואָס האָט עץ זיך אַוועקגעזעצט ווי באָבעס אַרום פייער? לאָמיר אויפוועקן דעם גאַנצן גן־עדן. לאָמיר מאַכן אַ געוואַלט. לאָמיר אָפשרייען די סכנה. ווי צו מיינע יאָרן, וואָס האָבן דאָס דערלעבט.

מיר האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן, צעשפרייט די פליגל און מיר זענען געפלויגן. פאָרויס איז געפלויגן הענזל מלאך. ער האָט מוראדיק געפאָכעט מיט די פליגל און געשריגן:

— אַ מכה וועלן מיר זיי לאָזן דעם שור־הבר! דער שור־הבר איז אונזערער, מיר וועלן אים צוריקברענגען אין אונזער גן־עדן מיט גוטן צי מיט בייזן...

X

דער טומל אַרום דער פּליטה פֿונם שור־הבר

די ידיעה, אַז דער שור־הבר האָט געמאַכט אַ ויברח, האָט אויפֿגע־רודערט דעם גאַנצן גן־עדן. איין פֿויגל האָט עס דערציילט דעם צווייטן, איין ווינט דעם אַנדערן. אינדערפֿרי, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן מיר שוין געטראָפֿן אויף די גאַסן רעדלעך מיט צדיקים, זיי זענען געווען צעטראָגן, זיך געכעסט, געוואָרפֿן מיט די הענט און קיינער פֿון זיי האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס אומגליק איז טאַקע געשען.

— טאַקע אַנטלאָפֿן דער שור־הבר? — האָט געפֿרעגט דער אַפּטער צדיק ביים לובלינער. — ס'קאָן נישט זיין, אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן.

די ווייסע באָרד פֿונם „לובלינער" האָט געציטערט, מען האָט געזען בחוש, ווי ער איז אינגאַנצן אַ נישט־היגער.

די פֿייגל זינגען עס שוין אויף אַלע דעכער און איר קומט רק מיט אייער „ס'איז נישט מעגלעך".

— אפֿשר איז דאָס נאָר אַ חלום, — האָט זיך נישט געוואָלט אונטער־געבן דער אַפּטער, — און דער גאַנצער עגמת־נפֿש איז אַן אומזיסטער?

דער לובלינער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַ חלום, אַ חלום זאָגט איר? הלוואַי וואָלט עס נאָר געווען אַ חלום.

— מען וועט אים, מסתמא, צוריקברענגען, האָט זיך געפּרואווט טרייסטן דער אַפּטער. — וואָס אַ שטייגער דאַרפֿן די צדיקים פֿונם גויאישן גן־עדן דעם שור־הבר, זיי האָבן דאָרטן חזירים לרוב און חזיר־פֿלייש איז ביי זיי בילכער.

דער לובלינער האָט גענומען ביים „אַפּטער" אַ שמעק טאַבאַק, אַ שמעק געטאָן און זיך צענאָסן אויף אַ קול.

— איר האָט גענאָסן אויפֿן אמת, — האָט געזאָגט דער „אַפּטער" און שוין אַליין אויך נישט געגלויבט אין דעם, וואָס ער זאָגט.

איך האָב אַ טאָרע געטאָן מיין חבר פֿישערל:

— וואו זענען אַהינגעקומען די דריי פּאַסטוכער, וואָס האָבן געהיטן דעם שור־הבר? ערשט זענען זיי דאָך געווען מיט אונז. וואו זענען זיי אַנטרונען געוואָרן?

— פרעגסט נאָך, שמואל־אַבא, פאַרשטייסט נישט אַליין, אַז די פּאַסטוכער האָבן מורא? די צדיקים זענען אין כעס אויף זיי, פאַרוואָס זיי האָבן שלעכט געהיטן דעם שור־הבר. די פּאַסטוכער האָבן זיך מסתמא ערגעץ באַהאַלטן אויף אַ בוידעם.

מיר האָבן געזעסן אַ רעדל. אינמיטן איז געשטאַנען דער סאַדעגורער צדיק. די באָרד זיינע איז געווען צעשויבערט, די שוואַרצע אויגן האָבן געגליט. ער האָט געשאָטן פעך און שוועבל:

— וואו זענען זיי די ליידאַקעס, די פּאַסטוכער? מען דאַרף זיי מכבד זיין, ווי ס׳קומט זיי, מ׳דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין. זיי צעברעכן די פליגל, די ממזרים. מען דאַרף זיי אַרויסטרייבן פונם גן־עדן, דאַרף מען זיי. זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער און קינדס־קינדער.

די אַנדערע צדיקים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, מסכים געווען מיט די צאָרנדיקע רייד פונם סאַדעגורער.

מיר האָבן געזעסן, ווי דער האָראָדענקער לויפט אין איין אָטעם. דער כאַלאַט איז ביי אים צעשפּיליעט. איין פּאַנטאָפל האָט ער ערגעץ פאַרלוירן אויפן וועג. ער לויפט צו צום רעדל. קוים, קוים, וואָס ער דעכעט:

— אַזאַ׳ן אומגליק, אַזאַ צאָרן! וואָס וועל עך טאָן מיטן גאָלדענעם מעסער און מיטן גאָלדענעם גאָפּל, וואָס עך האָב מיר צוגעגרייט צו דער סעודה?... אַזאַ׳ן אומגליק...

דער האָראָדענקער איז געווען אַ קליין אידל מיט אַ גרויסער באָרד. מען קאָן זאָגן אָן גוזמא, אַז די באָרד האָט אים געגרייכט ביז צו די קני. מיין חבר פישערל האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער האָט זיך צעלאַכט.

— לאַך נישט, פישערל, — האָב איך צו אים געזאָגט, — ס׳איז אַן עבירה.

— ווי אַזוי זאָל איך נישט לאַכן, — האָט פישערל מיר געענטפערט, — קוק נאָר אָן דעם צדיקל מיט איין פּאַנטאָפל און מיט איין פוס באָרוועס. ס׳האָט קיינע האָרע אַ גרויסן אַפּעטיט.

אונזער מזל איז געווען, וואָס די צדיקים זענען געווען אַזוי פאַרטאָן אין זייער שמועס, אַז זיי האָבן נישט געהערט דאָס שפּאָטן פון מיין חבר פישערל.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? — האָט דער סאַדעגורער געבראָכן די הענט. — ס׳אַרא פּנים וועט האָבן די סעודה אָן דעם שור־הבר?

— מען דאַרף מאַכן אַ געוואַלט, מען דאַרף שרייען אין די גאַסן, — האָט זיך געהיצט דער האַראַדענקער. — ס'טייטש, אַזוינס איז דאָך נאָך נישט געהערט געוואָרן.

— ס'איז נאָר מעשה־שטן, — האָט געדרשנט דער לובלינער, — וואָרעם ווי קומט צו אַ בהמה אַזוי פיל שכל, אַז זי זאָל נעמען און עוקר זיין?

— גערעכט, גערעכט, — האָט געשריגן דער האַראַדענקער, — ס'איז נאָר מעשה־שטן. דער שטן, ימח שמו, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין גן־עדן אַריין.

— מען דאַרף איבערקוקן די מזוזות, — האָט זיך אָנגערופן דער זאַ־ליטשקער, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פונם רעדל, — אפשר איז אַ מזוזה פסול געוואָרן און צוליב דעם האָט זיך געטומען דאָס גרויסע אומגליק.

— קום, — האָט פישערל מיר אַריינגעשעפטשעט אין אויער אַריין, — קום, לאָמיר איבערלאָזן די גאַליציאַנער. זאָלן זיי זיך אַמפערן געזונטערהייט וועגן פסולע מזוזות און מיר וועלן דערווייל פליען ווייטער.

— וואוהין, פישערל?

— איך מיין, מירן אַ פלי טאָן צו די הייליקע אָבות, הערן וואָס זיי זאָגן עפּעס צו דער פליטה פונם שור־הבר.

מיר האָבן איבערגעלאָזט דאָס גאַליציאַנער רעדל און מיר זענען גע־פלויגן אין דער ריכטונג צו דער „דריי אבות אַליי", דאָרט, וואו ס'געפינען זיך די ווילעס פון די הייליקע אבות.

אויפן וועג אַהין האָבן מיר אָנגעטראָפן פאַרשידענע צדיקים. זיי זענען געשטאַנען צו פיר, פינף און אַפילו צו צען אין אַ רעדל. פליענדיק, האָבן מיר געהערט אָפּגעריסענע ווערטער:

„שור־הבר... פליטה... פאַסטוכער... געשפילט אין קאָרטן... אין גויאישן גן־עדן... מען דאַרף זיי קאַטעווען... אונטערהאַקן די פליגל... וואָס וועט זאָגן משיח..."

— דער שור־הבר האָט אָפּגעטאָן דאָס אמתע שפּיצל, פישערל. די צדיקים זענען אינגאַנצן צעטומלט, האָסט געזען? דער קאָזשעניצער האָט אַפילו פאַרגעסן דעם ארבע־כנפות...

— און דער שפּאָלער זיידע, שמואל־אַבא. האָסט געזען דעם שפּאָלער זיידע, ווי ער האָט געריסן גאַנצע זשמעניעס האָר פון דער באָרד, זיך געזעצט מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ אַריין און געשריגן: „געוואַלט, אידן, געוואַלט!

וואָס וועלן מיר טאָן, טאָמער פאַרגלוסט זיך משיחן און ער קומט, חלילה, גראָד היינט?״.

— זאָג מיר נאַר, פישערל, — האָב איך געפרעגט, — פונוואַנען נעמט זיך צו די צדיקים אַזאַ אַפּעטיט?

— פרעגסט מיך מאָדנע שאלות, שמואל־אַבא. שוין־זשע פאַרשטייסטו נישט אַליין, אַז די צדיקים טוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיי גייען אַרום גאַנצע טעג און רק זיי שעפּן לופט, און דאָס שעפּן לופט, זאָגט מען, מאַכט אַפּעטיט.

מיר האָבן זיך פאַרנומען אויפן אליהו הנביא־בולוואַר. די מאָרגן־זון האָט פאַרשיט אַלע דעכער מיט גאָלד. דער אליהו הנביא־בולוואַר איז געווען פּוסט. די רייכערע מלאכים זענען נאָך געשלאָפן. און די צדיקים, וואָס האָבן געוואוינט אויפן דאָזיקן בולוואַר, זענען אַוועק צו די אַנדערע צדיקים זיך באַראַטן וועגן דעם אומגליק.

שמעיה, דער פּאָליציאַנט אין גרינעם מונדיר, איז געשטאַנען ביים ראָג און געגענעצט. די פליגל זענען ביי אים געווען אַראָפּגעלאָזט. ער האָט געהאַלטן דאָס שטעקעלע אין האַנט, ווי שטענדיק, נאָר דאַסמאָל האָט ער נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן דערמיט.

איך און מיין חבר פישערל האָבן זיך אָן אים דערלעבט אַ נקמה. ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און נישט געהאַט פאַר וועמען זיך צו מאַכן וויכטיק.

מיר זענען געפלויגן איבער זיין קאָפּ, געמאַכט עטלעכע קאָזשעלקעס און האַלטנדיק זיך ביי די הענט, האָבן מירביידע געזונגען דאָס לידל, וואָס פישערל האָט אויף אים פאַרפאַסט, נאָכדעם, ווי ער האָט אונז געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל וועגן דער ציג:

שמייע, שמייע, פּאָליציאַנט,
מיטן שטעקעלע אין דער האַנט,
שטייט אין מיטן דעם בולוואַר,
ווי אַ גולם, ווי אַ נאַר.
טראָגן, טראָגט ער אַ מונדיר,
אַ מונדיר פון גרין קאָליר
און ער האַלט זיך ביי זיך גרויס.

קומט אַהער, קומט אַהער,
דאָ איז זי און איך און ער,
קומט און לאַכט אים אויס.

שמעיה דער פּאָליציאַנט איז געוואָרן רויט ווי אַ צוויק. ער האָט אונז דערזען און מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער צו אונז אַרויפגעשריגן, דראָענדיק מיטן שטעקעלע:

— וואָרטס, לאָבוזעס, איך וועל ענק ווייזן!

ער האָט שוין געוואָלט צעשפּרייטן זיינע פליגל און זיך אויפהויבן אין דער לופטן, כדי זיך מיט אונז אָפּצורעכענען, נאָר מיר האָבן געהאַט מזל. פּונקט אין דער רגע איז אָנגעקומען דער אַלטער אליהו הנביא, וואָס האָט גראָד געמאַכט דעם ערשטן שפּאַציר אויף זיין בולוואַר.

— שמעיה, וואו פליסטו? האַ? וואָס ביזטו עפּעס אַזוי פאַרשמייעט, שמעיה?

שמעיה דער פּאָליציאַנט האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די פליגל. ער האָט זיך, ווייזט אויס, געשעמט פאַרן אַלטן נביא צו דערציילן, אַז מיר האָבן אָקאָרשט געזונגען אויף אים אַ שפּאָט־לידל. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און סאַלוטירט דעם אַלטן נביא.

— אַ גוט מאָרגן, ר' עליע. איר האָט שוין געהערט, ר' עליע? דער שור־הבר האָט געמאַכט אַ ויברח. אַלע צדיקים פונם גאַנצן גן־עדן זענען שטאַרק צעטראָגן דערפון און איר, ר' עליע, שפּאַצירט זיך גליַיך ווי גאָרנישט.

אליהו הנביא האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך וויס, איך וויס, שמעיה. איך וויס, אַז דער שור־הבר איז אַנטלאָפן און די צדיקים קאָכן זיך. זאָלן זיי זיך קאָכן. זיי האָבן פאַרוואָס זיך צו קאָכן. זיי האָבן קיינע האָרע געזונטע ציין, און איך, — דער אַלטער נביא האָט באַוויזן זיינע יאַסלעס, — איך האָב סיי־ווי־סיי נישט מיט וואָס צו צעקייען מיין חלק שור־הבר.

מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם אַלטן נביא זיך אויסטענהן מיטן פּאָליציאַנט און מיר זענען ווייטער געפלויגן אין דער ריכטונג צו דער „דריי אבות־אַליי".

— ווייסט וואָס איך טראַכט, שמואל־אַבא?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, וואָס דו טראַכסט, פישערל?

— איך טראַכט, אַז ביי די הייליקע אבות קען זיך טאָן חושך... איך

בין שוין טשעקאָווע צו זען יצחק אבינו. ער האָלט שטאַרק פון דער אכילה, יצחק אבינו. פאַר אַ שטיקל פלייש וועט ער דיר אָוועקגעבן איך ווייס אַליין נישט וואָס.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, פישערל?

פישערל האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט:

— האָסט פאַרגעסן, שמואל־אַבא, וואָס מיר האָבן געלערנט אין חדר? אין חומש שטייט בפירוש, אַז יצחק אבינו האָט ליבער געהאַט עשיון דער־פאַר, וואָס עשיו האָט אים אַלעמאָל געבראַכט אַ שטיק פלייש פונם געיעג; און צווייטנס, שמואל־אַבא...

פישערל האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט:

— צווייטנס, האָב איך אַליין געזען, ווי יצחק אבינו איז אין אַ פאַר־נאַכט געקומען צו דער גן־עדן־לאָנקע, וואו מען פאַשעט דעם שור־הבר און ער האָט געהאַלטן אַ שטיקל קרייד אין דער האַנט.

— צו וואָס האָט עס אים געטויגט ס׳שטיקל קרייד, פישערל?

— מיטן שטיקל קרייד האָט יצחק אבינו געמאַכט אַ צייכן אויפן שור־הבר. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער געמאַכט דעם צייכן אויף דער רעכטער זייט. אַ סימן, הייסט עס, אַז דאָס שטיקל פלייש איז זיינס און ער וועט עס מירצעשעם עסן, ווען משיח וועט קומען.

— יצחק אבינו איז דאָך אַ בלינדער, פישערל, פון וואַנען האָט ער געוואוסט, וואו צו מאַכן דעם סימן מיט קרייד?

— פאַרלאָז דיך אויף אים, שמואל־אַבא, — האָט מיר פישערל גע־ענטפערט, — בלינדערהייט האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס פעטסטע שטיקל און געמאַכט דעם סימן.

מיר האָבן זיך פאַרקערעוועט אין בעל־שם־טוב־געסל. דאָס געסל איז געווען אַן אָרעמס, דערפאַר אָבער פול מיט זון. דאָ אין דעם געסל האָבן געוואוינט די סאַמע אָרעמסטע מלאכים, וואו יעדעס הויזגעזינד האָט נאָר פאַרמאָגט איין פאַר פליגל. אויב איינער פון דער משפחה איז אַרויסגע־פלויגן אין גאַס, האָבן די אַנדערע געמוזט זיצן אין דער היים און וואַרטן ביז יענער וועט צוריקקומען און אויסטאָן די פליגל און זיי איבערגעבן אַ צווייטן.

אין דעם דאָזיקן געסל דערציילט מען זיך ס׳רוב וואונדערלעכע מעשיות. מען הונגערט און מען גלויבט אין נסים. די מעשיות זענען טאַקע אויס־

טערליש שיין, אָבער דער הונגער טוט זיך זיינס, ער נאָגט, נאָגט און לאָזט אַפּטמאָל נישט אַנטשלאָפן ווערן.

אין געסל האָבן זיך געשפּילט קליינע מלאכימלעך. זיי האָבן זיך גע־האַלטן ביי די הענט, זיך געדרייט אין אַ ראָד און געזונגען:

רודע, רודע, ראַנע,
ריווטשע איז אַ פּאַנע,
בערטשע איז אַ פּאַן,
בערקע איז איר מאַן.
פליען זיי שפּאַצירן
מיט פליגל פול קאָלירן,
קענען קען זיי יעדער,
זי האָט אין הוט אַ פעדער
און ער טראָגט אַ צילינדער,
זיי האָבן נישט קיין קינדער,
נאָר האָניק און נאָר וויין,
אין טאַטן זיי אַריין.

— פישערל, — האָב איך אָנגעוויזן מיין חבר אויף די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין בעל־שם־טוב־געסל, — פישערל, די קליינע מלאכימ־לעך זענען אַזוינע אָרעמע און אויסגעשמירטע, לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן צו זיי און כאַפּן מיט זיי אַ שפּיל.

— חלילה, — האָט פישערל געזאָגט, — האָסט פאַרגעסן, שמואל־אַבא, אַז מיר פליען צו די הייליקע אבות, כדי צו הערן, וואָס זיי זאָגן וועגן שור־הבר.

— נאָר אויף איין רגעלע, פישערל, — האָב איך זיך געבעטן ביי מיין חבר, — לאָמיר זיך נאָר אַ שפּיל טאָן און דערנאָך וועלן מיר ווייטער פליען.

— ניין, דאָסמאָל וועלן מיר פליען און אַ צווייט מאָל וועלן מיר קומען אַהער און זיך שפּילן מיט זיי, — האָט מיר פישערל געזאָגט שטרענג. איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט אים נאָכגעבן.

דאָס געסל איז געווען אַ געדרייטס. מיר האָבן געמוזט פליען פּאַמעלעך און פאַרזיכטיק, כדי נישט צו פאַרטשעפּען ערגעץ די פליגל.

מיר זענען קוים אַרויס פונם בעל־שם־טוב־געסל און מיר האָבן זיך פאַר־נומען רעכטס. מיר האָבן תיכף דערקענט די גאַס. ס'איז געווען די אוהבי־

ישראל־גאָס. דאָ, אין דער דאָזיקער גאָס, וואוינט ר׳ משה לייב סאַסאָווער, ר׳ וועלוועלע זבאַרזשער און ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. די דאָזיקע צדיקים פאַרמאָגן דאָ יעדער זיין באַלעבאַטישקייט. הינטער יעדער שטוב געפינט זיך אַ קאַרשן־סאַד. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען נישט די סאַמע רייכסטע פון די צדיקים. פאַראַן אַ סך, אַ סך רייכערע פון זיי, אָבער פונדעסטוועגן גייט זיי נישט שלעכט. זיי האָבן נישט קיין דאגות־פרנסה און דעם גאַנצן טאָג טוען זיי תפילה פאַרן פאָלק ישראל, אַז דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין און פאַר כל ישראל מאַכן אַן אָרט אין גן־עדן.

מיר האָבן אַראָפּגעקוקט און געזען אַ מיטלוואוקסיקן איד אין אַ זשופּיצע. הגם ס׳איז געווען אַ פּראָסטער גן־עדן־מיטוואָך, האָט ער געטראָגן אַ שטריימל אויפן קאָפּ. ער איז געשטאַנען אין דער מיט גאָס, פאַרריסן דעם קאָפּ צו די וואָלקנס. די הענט אויסגעשטרעקט אין דער הויך. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט.

— ס׳איז דער באַרדיטשעווער רב, — האָט מיר איינגערוימט מיין חבר פישערל אין אויער אַריין. — ר׳ לוי יצחק דער באַרדיטשעווער. ער טענהט זיך, מסתמא, אויס מיטן רבונו של עולם. תמיד אין אַן עת־צרה שטעלט ער זיך אַוועק אין דער מיט גאָס, אָנגעטאָן אין זיינע בגדי שבת און וויינט און טענהט צו גאָט.

— לאָמיר הערן, פישערל, וואָס ר׳ לוי יצחק טענהט איצט צום רבונו של עולם.

— גוט, שמואל־אַבא, — האָט מסכים געווען מיין חבר. — מיר וועלן זיך אַראָפּלאָזן און אויסהערן איינע פון זיינע תפילות, אויף „זשאַרגאָן“, אָבער געדענק, אַז מירן זיך נישט קיין סך פאַרהאַלטן.

— נאָר איין תפילה וויל איך הערן, פישערל. נאָר איין תפילה און נישט מער.

מיר האָבן זיך שטילערהייט אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. אַ פּאָר טריט הינטער דעם באַרדיטשעווער זענען מיר געבליבן שטיין און זיך צוגעהערט.

דער באַרדיטשעווער רב איז געשטאַנען, ווי געזאָגט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו די וואָלקנס און געטענהט. זיינע טענות האָבן געקאָנט רירן אַ שטיין:

אַ גוט מאָרגן דיר, רבונו־של־עולם!
איך, לוי יצחק מבאַרדיטשעוו,

בין געקומען צו דיר מיט א טענה,
וואו איז יושר, רבונו־של־עולם,
און וואס פלאגסטו דיינע צדיקים, רבונו־של־עולם ?

אז זיי זענען געגאנגען אין דיינע וועגן,
מחמו מסכים זיין, אז יא.
זיי האבן געפאלגט דיינע געבאטן ?
ווידעראמאל — יא.
האסט זיי צוגעזאגט דעם גן־עדן ?
אבעראמאל — יא.
דעם שור־הבר מיטן לויתן,
דעם יין־המשומר דעם רויטן ?
נאכאמאל — יא.

טא וואו איז דער שור־הבר,
טאטע אין הימל ?
אנטלאפן צו די גויים,
פאטער אין הימל.
טא ברענג אים צוריק אהער,
טאטע אין הימל.
פארשעם נישט די שמחה,
פאטער אין הימל.

נישט פאר מיר בעט איך,
טאטעניו זיסער,
נאר פאר דיינע צדיקים,
פאטער געטרייער.

איך זאג זיך אפ פון מיין חלק
שור־הבר און לויתן,
נאר פארשטער נישט די סעודה
פון דיינע צדיקים — טאטע אין הימל.

דער באַרדיטשעווער האָט זיך געבויגן אַהין און אַהער, ווי אַ זאַנג געוויגט פונם ווינט. אין זיין קול האָבן מיר געפילט טרערן, אמתע טרערן.

— ער מוז זיין אַ גוטער, דער באַרדיטשעווער, פישערל?

— זייער אַ גוטער, שמואל־אַבא. נאָר לאָמיר שוין פליען.

מיר זענען געפלויגן ווייטער. און אָט זענען מיר שוין געווען אין דער דריי־אבות־אַליי. בייטאָג איז די אַליי פוסט. די בענק, וואָס שטייען ביי די זייטן, זענען ליידיק. פאַרנאַכט ווערט ערשט דאָרט לעבעדיק. דעמאָלט באַ־ווייזן זיך די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס שושקען זיך, קושן זיך און שווערן ביים מאָנד און ביי די שטערן, אַז זיי האָבן זיך ליב.

אין דער דריי־אבות־אַליי איז תמיד שאָטנדיקער, ווי ערגעץ אַנדערש. די געדיכטע בערעזעס, וואָס שטייען ביי די זייטן וועג, היטן געטריי די אַליי און נישט יעדער זון־שטראַל איז זוכה דאָרט אַריינצוקומען.

פונדערווייטנס האָבן מיר געזען דריי געשטאַלטן. אידן אין שטריימלעך. זיי גייען, באַוועגן מיט די הענט. לויט די שאָטנס זייערע, וואָס זענען געפאַלן אויפן וועג, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי אַמפּערן זיך וועגן עפּעס.

די געשטאַלטן האָבן זיך דערנענטערט. מיר האָבן זיך איינגעקוקט און דערקענט די הייליקע אבות. זיי זענען געגאַנגען שנעל, זיך געאיילט און בשעת־מעשה זיך אַדורכגעווערטלט.

יצחק אבינו איז געגאַנגען אין דער מיט. ער האָט, ווי שטענדיק, געטראָגן שוואַרצע ברילן. ער האָט גערעדט נערוועז. ס׳איז געווען מער געשריגן ווי גערעדט:

— און איך זאָג ענק, אַז אַן דעם שור־הבר איז דער גן־עדן קיין גן־עדן נישט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַ אידישער גן־עדן אָן דעם שור־הבר? ס׳אַראַ טעם וועט האָבן די גרויסע סעודה אָן אַ שטיקל פלייש? קיין שום טעם וועט זי נישט האָבן. עץ הערט, וואָס איך זאָג ענק — קיין שום טעם.

יעקב אבינו, וואָס איז געגאַנגען אין דער לינקער האַנט, האָט געהאַלטן מיטן טאַטן. ער האָט מסכים געווען, אַז אָן דעם שור־הבר וועט די סעודה נישט זיין קיין סעודה.

— עשיו האָט מזל, — האָט ער ביטער געענטפערט, — מיר, די צדיקים פונם אידישן גן־עדן, פאַשען אויס אַ שור־הבר און ער, עשיו, וועט האָבן

הנאה. דיין עשיו, טאַטע, דו האָסט דאָך פון אים תמיד געהאַלטן, פון אָט־דעם תכשיט. איצט האָסטו דערפאַר. דיין חלק וועט ער אויך אויפעסן.

— דערמאָן מיר נישט זיין נאָמען, — האָט יצחק אבינו געשריגן נישט מיט זיין קול, — איך וויל זיין טריפהנעם נאָמען נישט הערן.

אברהם אבינו האָט יעקבן אַ טאַרע געטאָן ביים אַרבל:

— וואָס רייצסטו זיך מיטן טאַטן, יעקב? אַז אַ טאַטע טוט אַמאָל אַ פעלער, דאַרף מען אים דען כסדר דערמאָנען דערפון? דער טאַטע האָט געמיינט, אַז עשיו וועט זיין אַ לייט, האָט ער אים ליב געהאַט. ווען דער טאַטעשי וואָלט געוואוסט, אַז עשיו וועט ווערן אַ גוי, וואָלט ער אים עוקר מן השורש געווען.

יעקב אבינו האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי דאָס זייניקע. ער האָט גע־טענהט, אַז ווען עשיו וואָלט אַפילו געווען „איך ווייס אַליין נישט וואָס", וואָלט דער טאַטע פון אים געהאַלטן, אַבי ער זאָל אים צוטראָגן אַמאָל עפּעס צום עסן. דער טאַטע, — האָט יעקב אבינו געטענהט, — האָט מער ליב געהאַט די אכילה ווי די תורה און איצט האָט ער...

יצחק אבינו איז געוואָרן רויט. אויפן שטערן איז אים אָנגעשוואָלן אָן אָדער פאַר כעס. ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו יעקבן אים אויסשייגעצן ווי ס׳געהער צו זיין און אים דערלאַנגען אין איין וועגס אַ מתנת־יד.

אברהם אבינו האָט אָבער נישט דערלאָזט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן יצחקן און יעקבן און געמוסרט:

— איך האָב געלאָזט צונויפרופן אַן אסיפה אין גרויסן בית־המדרש, מען דאַרף אַ טראַכט טאָן, ווי אַזוי מען באַקומט צוריק דעם שור־הבר, און איר זידלט זיך גאָר און עס האַלט גאָר ביי פּעטש. פּע!

אברהמס מוסר האָט געהאָלפן. יצחק האָט זיך באַרואיקט. ער איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— האָסט געהערט, שמואל־אַבא? די אבות האָבן צונויפגערופן אַן אסיפה אין גרויסן בית־המדרש. לאָמיר פליען אַהינצו און זיך צוהערן, אָבער שנעל, שמואל־אַבא, כדי מיר זאָלן קומען באַצייטנס. מיר זיך באַהאַלטן, מען זאָל אונז נישט אַרויסטרייבן.

— גוט, פישערל, לאָמיר פליען.

מיר האָבן זיך אַ הויב געטאָן אין דער הויך. די אבות האָבן אויסגעזען אונטן ווי דריי שוואַרצע פּינטעלעך.

— שנעל, שנעל! — האָט פישערל אַ קאָמאַנדעווע געטאָן און מיר זענען געפלויגן צום גרויסן בית־המדרש.

אין גרויסן בית־המדרש האָבן מיך שוין געטראָפן אַ סך צדיקים. נפתלי דער גן־עדן־שמש, אַ מלאך מיט אַ הויקער און אַ קאָזע־בערדל, איז געפלויגן פון איין ווילע צו דער צווייטער און פאַרשטענדיקט די צדיקים, אַז די הייליקע אבות אברהם, יצחק און יעקב רופן צונויף אַן אסיפה, און די צדיקים האָבן זיך נישט געלאָזט אַ סך בעטן. יעדער האָט גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט און איז געגאַנגען.

איך און מיין חבר פישערל זענען אַריין אין בית־המדרש. קיינער האָט אונז נישט באַמערקט, ווייל אַלע זענען געווען פאַרטאָן מיט זיך, מיטן ענין פונם שור־הבר. מיר האָבן זיך ביידע באַהאַלטן אונטער אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער דרום־וואַנט און מיר האָבן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט.

דאָס בית־המדרש איז געוואָרן פול. מען האָט שוין נישט געהאַט וואו צו שטיין, און פונדעסטוועגן האָבן זיך נאָך אַלץ געשפאַרט צדיקים, וואָס האָבן פאַרשפעטיקט. זיי האָבן זיך געשפאַרט, זיך געשטופט מיט די עלנ־בויגנס, זיך געטראָטן אויף די הינער־אויגן און סוף־כל־סוף זיך אַריינגע־שפאַרט. ס'איז געוואָרן אַזוי דושנע, אַז מיר, דאָס הייסט, מיין חבר פישערל און איך, האָבן קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

— צו וואָס האָט אונז געטויגט ס'גאַנצע שפיל, פישערל? — האָב איך געשעפּטשעט צו מיין חבר.

— פסס, שמואל־אַבא, — האָט פישערל פאַרשטעלט דאָס מויל מיט זיין הענטל. — זיי קאָנען נאָך דערהערן און אונז אַרויסוואַרפן פונם בית־המדרש.

אויפן באַלעמער האָט זיך באַוויזן אברהם אבינו, דער עלטסטער פון די אבות. דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן פאַרשטעקט אין גאַרטל און מיט דער לינקער האָט ער געפּאַכעט איבער די קעפּ פונם עולם:

— אַ גרויס אומגליק איז געשען, רבותי, — האָט געדרשנט אברהם אבינו, — דער שור־הבר איז אַנטלאָפן. און נישט סתם אַנטלאָפן, ווי ס'אַנטלויפט אַמאָל אַ בהמה, נאָר אַוועק איז ער, אַוועק אין גויאישן גן־עדן אַריין. פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צום שור־הבר אַזוי פיל שכל, אַז ער זאָל אַנטלויפן, בלייבט אַ קשיה און נישט איצט איז די צייט זי צו פאַרענטפערן,

רבותי. איצט דאַרף מען טראַכטן, נאָכקלערן און געפינען אַן עצה, ווי אַזוי מען ברענגט אים צוריק. צוריק אויפן אָרט, אין אידישן גן־עדן...

צווישן עולם איז געוואָרן אַ טומל. אַ איד מיט אַ גראָלעכע באָרד האָט זיך גענומען שטופּן מיט די עלנבויגנס, נענטער און נענטער צום באַלעמער צו.

— דערויף האָב איך אַ משל, רבותי, אַ טייערן משל מיט אַ גאָלדענעם נמשל, — האָט געשריגן דער איד, — אַמאָל איז געווען אַ מלך, דער מלך האָט געהאַט דריי —

— מען דאַרף נישט קיין משלים, דובנער מגיד, — האָט דער גאַנצער עולם געטומלט, — מען דאַרף אַן עצה, נישט קיין משל.

דער דובנער מגיד האָט זיך אָבער איינגעעקשנט. ער האָט איבערגעשריגן אַלעמען און מיט אַלע כוחות זיך געריסן צום באַלעמער:

— ס'וועט אייך באַנג טאָן, רבותי, דער משל איז אַ טייערער משל, דער נמשל אַ גאָלדענער נמשל. אַמאָל איז געווען אַ מלך...

דער דובנער מגיד וואָלט אפשר אויסגעפירט זיינס און דערציילט דעם משל, ווען מער וואָלט נישט געהערט אַ „טפררר" פאַר דער טיר פונם בית־המדרש:

— שלמה המלך איז געקומען צו פאָרן, — האָט געשריגן אַ צדיק, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, — אָט שפּרינגט ער אַרויס פון זיין גילדענער קאַרעטע.

אין בית־המדרש איז געוואָרן אַ רגע שטיל. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זשומען פון דאָס ניי.

— שלמה המלך... דער גרעסטער חכם — ער וועט געפינען אַן עצה

— ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער... שוטה, אַ מלך איז גרעסער... אַ מלך איז דער האַר און דער מיניסטער נישט מער ווי אַ משרת.

מען האָט זיך געאַמפּערט, זיך אָנגערופן איינער דעם צווייטן „חמור", „שוטה", און נאָך אַזעלכע צונעמענישן. מיט אַמאָל האָט זיך פון הינטן דערהערט דאָס קול פונם שמש:

— מאַכטס אַ וואַרע פאַר שלמה המלך!!!

שלמה המלך האָט זיך קודם־כל צוגעשטופּט צום באַלעמער. ער האָט געשוויצט ווי אַ ביבער און זיך געווישט דעם שוויס מיט אַ זיידענער פאַטשיילע.

אין בית־המדרש איז געוואָרן שאַ, שטיל. שלמהס הויכע, ברייטפּלייציקע

פיגור, זיין פוקס־רויטע באָרד, זיינע קלוגע, שאַרפע אויגן האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ. ער האָט גערעדט געלאַסן, נישט געאײַלט זיך:

— ווי אַזוי איך בין נאָר געוואויר געוואָרן פון דער גאַנצער מעשה, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך נישט קיין סך געטראַכט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו די צדיקים פונם גויאישן גן־עדן, פאַרשטייט איר מיך. איך האָב זיי געשריבן אַזוי און אַזוי און וואָס זיי ווילן דערפאַר, אַז זיי זאָלן צוריק אָפּברענגען דעם שור־הבר, פאַרשטייט איר מיך. מיר זענען גרייט צו אונטערהאַנדלען, האָב איך זיי געשריבן, כאָטש מיר קאָנען זיך באַגיין אָן דעם שור־הבר, מיר דאַרפן אים נישט אַזוי געגויטיק און...

דאָ האָט זיך יצחק אבינו נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און געגעבן אַ געשריי:

— וואָס הייסט דאָס מיר דאַרפן נישט דעם שור־הבר? מיר דאַרפן אים יאָ, ווייל אָן דעם שח־הבר... וואָס הייסט ער שרייבט צו „זיי״, אַז מען קאָן זיך באַגיין אָן דעם שור־הבר?

שלמה המלך האָט קלוג אַ שמייכל געטאָן און באַרואיקט דעם אויפגערעגטן יצחק:

— ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי, פאַרשטייט איר מיך, ר׳ יצחק... מען טאָר זיי נישט ווייזן, אַז דער שור־הבר איז ביי אונז דאָס אויג אין קאָפּ... אַז נישט, וועלן זיי הייסן זיך אָפּגילטן, פאַרשטייט איר מיך — און אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער האַנט אויפן שטערן, האָט ער פּיפיק צוגעגעבן:

— ס׳איז דיפּלאָמאַטיע, ר׳ יצחק, דיפּלאָמאַטיע. מען דאַרף עס פאַרשטיין, פאַרשטייט איר מיך.

אַלע צדיקים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. מסכים געווען, אַז שלמה איז גערעכט, אַז ער איז שוין איינמאָל אַ חכם, מען זאָל איבערקערן דעם גאַנצן גן־עדן וועט מען נישט געפינען קיין צווייטן.

— האָב איך, פאַרשטייט איר מיך, — האָט שלמה המלך ווייטער גערעדט, — אָנגעשריבן דעם בריוו, אָנגעפרעגט, וואָס זיי ווילן און דעם בריוו אַוועקגעשיקט מיט איינער פון מיינע בריוו־טויבן. איך רעכן, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועלן מיר האָבן אָן ענטפער.

— וואָס הייסט ער האָט געשריבן אָן אונזער וויסן? — האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל פון אונטן. — מיר האָבן כאָטשבי אויך געמעגט וויסן, וואָס

ס'שטייט אין בריוול... מיר האָבן דאָך עפּעס אויך אַ שטיקל חלק אין דעם ענין.

שלמה המלך האָט פון תמיד אָן פיינט, אַז מען רעדט אים אַנטקעגן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג, די באָרד זיינע האָט געפלאַמט, די אויגן געבליצט. ער האָט אַ געשריי געטאָן מיט זיין לייבן־שטים:

— סמירנאַ!!!

די צדיקים זענען געבליבן שטיין ווי זעלנער פאַר זייער קאָמאַנדיר. מיט קיין אויג נישט קיין פינטל געטאָן אַפילו. אַ פופצן מינוט זענען זיי אַזוי געשטאַנען, ביז שלמה המלך האָט אַ קאָמאַנדיר געטאָן:

— גענוג! איצט קאָנט איר גיין אַהיים, און אַז איך וועל באַקומען אַן ענטפער פונם גויאישן גן־עדן, וועל איך אייך צואוויסן טאָן.

ער איז אַראָפּ פון דער בימה, זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם. אין דרויסן האָט געוואַרט די גילדענע קאַרעטע.

נאָך שלמהס אַוועקגיין האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויכוח. איינער האָט גע־טענהט, אַז פונדעסטוועגן האָט שלמה המלך זיך געדאַרפט באַראַטן מיט די צדיקים. ער איז טאַקע אַ חכם, אָבער נאָר איינער. די צדיקים זענען נישט אַזוינע חכמים, דערפאַר אָבער אַ סך.

— אַזוי פירט ער זיך פון תמיד אָן, ער טוט וואָס ער וויל, און הערט אונז ווי די קאַץ.

— פע, אידן, פע! עץ רעדט אַנטקעגן אַ מלך, רעדט עץ... פע! — האָט זיך אָנגערופן אַ קליין צדיקל מיט אַ שיטער בערדל.

מען האָט געמאַכט אַ וואָרע פאַר די הייליקע אבות. זיי זענען אַרויס פונם בית־המדרש און זיך געלאָזט אַהיים.

— הייסט עס, מאָרגן, איבערמאָרגן, איז מחויב צו זיין אַן ענטפער, — האָט יצחק אבינו געזאָגט.

— איך בין דיר מבטיח, אַז דער ענטפער וועט זיין אַ גוטער, — האָט אים אברהם אבינו געטרייסט...

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, טאַטע, אמן! — האָט אָפּגעזיפצט יצחק אבינו, און די אבות זענען ווייטער געגאַנגען.

XI

אונזער שליחות

עטלעכע טעג זענען אַוועק און קיין ענטפער איז נישט אָנגעקומען. די צדיקים זענען געוואָרן נערוועז ביז גאָר. ביינאַכט האָבן זיי געזאָגט תהילים, בייטאָג האָבן זיי זיך אויסגעקוקט די אויגן. געזוכט די בריוו־טויב מיטן ענטפער, נאָר קיין טויב האָט מען נישט געזען און קיין בריוו אַוודאי נישט.

— זיי מאַכן פון אונז דאָס גרעסטע געלעכטער, — האָט געטענהט יצחק אבינו, — ווי צו מיין עלטער, וואָס איך האָב דערלעבט.

— דיין עשיו, — האָט אים אַ שטאָך געטאָן יעקב, — דיין תכשיט. ער ווייסט, אַז דער טאַטע גייט אויס נאָך אַ שטיקל שור־הבר און גאָרנישט.

— רעדסט שוין ווידער אַמאָל אַנטקעגן דעם טאַטן, — האָט אברהם אבינו אַ פינקל געטאָן מיט זיינע שוואַרצע אויגן, — וואו איז כיבוד־אב, יעקב?

די מוטער רחל איז אַריינגעלאָפן אין איין אָטעם. זי איז נאָך אַלץ געווען שיין און שלאַנק. פון אונטערן שייטל האָבן אַפּירגעקוקט אַ פּאָר פאַרשייטע אייגענע האָר.

קוים האָט יעקב זי דערזען, איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. די אויגן האָבן ביי אים געשטראַלט. ער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען, איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס לויפסטו אַזוי, קעצעלע? מיר זאָל זיין פאַר דיין מינדסטן חנדל, טייבעלע.

די מוטער רחל האָט דערציילט אויף אַ קול און בשעת־מעשה געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף יעקבן:

— איך האָב באַגעגנט אויף דער גאַס אסתרן. זי פירט זיך אַלץ ווי אַ מלכה. אין מיטן דער וואָך אַ זיידן קלייד, אויף יעדן פינגער אַ גאָלדן פינגערל און אַ שנור פערל אויפן האַלז — אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן. איך האָב זיך געמאַכט נישט זעענדיק, געוואָלט פאַרביי־גיין. כ׳האָב פיינט די יפהפיה. נעמט זי און שטעלט מיך אָפּ און זאָגט אַזוי צו מיר:

— איך וויל אייך זאָגן, אַז מען דאַרף פאַסטן. אויב מען וויל צוריק־באַקומען דעם שור־הבר, איז דאָס בעסטע מיטל אַ תענית.

— גערעכט, זי איז גערעכט, — האָט געזאָגט אברהם אבינו, — מען דאַרף אויסרופן אַ תענית איבערן גאַנצן גן־עדן.

הקיצור, מען האָט אויסגערופן אַ תענית. מען האָט גענומען פאַסטן. די צדיקים זענען שוין ממש געפאַלן פון די פיס, אַזוי אָפּגעשוואַכט זענען זיי געווען, נאָר קיין בריור־טויב האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

אין אָט די תענית־טעג איז געשען אַ מאָדנע זאַך. דער מלאך שמעון־בער האָט זיך, ווי זיין שטייגער, אָנגעשיכורט. ער האָט געשלאָגן דאָס ווייב מכות־רצח, ער האָט זי געשלעפּט פאַר די האָר איבערן גאַנצן גן־עדן און געדעוועט מיט זיין שיכור קול:

— וואָס טויג אייך דער שור־הבר, צדיקים? איר דאַרפט אַ בהמה, אָט האָט איר. איך גיב זי אייך אָוועק פאַר איין פלעשל זעקס־און־ניינציקער.

מען האָט אים געפּרואווט באַרואיקן, אים אויפקלערן, אַז די מלאכטע, וואָס ער שלעפּט פאַר די האָר, איז נישט קיין בהמה, נאָר זיין אייגן ווייב, וואָס איז אין זיבעטן חודש. ער האָט אָבער נישט געוואָלט איינגיין דערויף און געהאַלטן אין איין שרייען:

— אַ סאַראַקאָוועקע, צדיקים, און די בהמה איז אייערע!

מען האָט אַלאַרמירט די גן־עדן־פּאָליציי. עטלעכע מלאכים אין גרינע מונדירן זענען געקומען צו פליען און קוים מיט צרות איז זיי געלונגען צו בינדן שמעון־בערן. זיי האָבן אים אָפּגעפירט אין גן־עדן־אַרעסט, ער זאָל זיך אויסניכטערן.

שמעון־בערס ווייב האָט מען קוים דערמינטערט. אַ האַלב־לעבעדיקע האָט מען זי אָפּגעפירט אַהיים.

— פונקט אין אַזוינע פאַרכטיקע טעג האָט ער זיך אויסגעקליבן אָנצור־שיכורן, — האָבן געמורמלט די צדיקים, — אָט־דעם שמעון־בער וואָלט געפּאַסט צו זיין אַ גויאישער מלאך און נישט קיין אידישער.

ערשט אויפן צוועלפטן טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די בריור־טויב איז צוריקגעקומען. זי האָט מיט זיך געבראַכט אַ בריוול פונם גויאישן גן־עדן. דאָס בריוול געפינט זיך ביי שלמה המלך.

כאָטש מען האָט נאָך נישט געוואוסט, וואָס אין דעם בריוול שטייט, איז

געוואָרן אַ גרויסע פרייד. מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן מיט טרערן אין די אויגן.

דעם אייגענעם טאָג האָט שלמה המלך צונויפגערופן אַן אסיפה. ער האָט פאַר אַלעמען איבערגעלייענט דעם ענטפער:

„צו די הויכגעשעצטע און וואוילגעבוירענע צדיקים פון אידישן גן־עדן!

אויף אייער בריוו האָבן מיר אייך צו ענטפערן אַזוי און אַזוי: אייער שור־הבר איז אַריבער די גרענעץ אַן אַ פּאַס און אַן אַ וויזע. לויט די געזעצן פון אונזער גן־עדן קומט אים דערפאַר זעקס חדשים תפיסה, אַ האַלב פונט היי יעדן טאָג צו עסן. די שאָדנס, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט, דאַרף ער אָפּאַרבעטן.

די שוואַנגערע מלאכטע, וואָס ער האָט אַריבערגעבראַכט צו אונז אויף זיינע הערנער, זענען מיר גרייט אייך צוריקצושיקן. דאָס מלאכל אָבער, וואָס זי האָט געבוירן אויף אונזער טעריטאָריע, וועלן מיר אָפּשמדן און ס׳וועט בלייבן ביי אונז.

נאָכדעם ווי דער שור־הבר וועט אָפּקומען זיין שטראָף און וועט אָפּאַרבעטן דעם שאָדן, זענען מיר גרייט אים אייך צוריקצושיקן״...

נאָך דעם, ווי שלמה המלך האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז געוואָרן אין אידישן גן־עדן אַ געוויינעריי און אַ קלאָגעריי. צדיקים זענען אַרומגע־לאָפן ווי פאַרסמטע מייז, זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. זיי האָבן געבראָכן די הענט און מיט אַן איכה־ניגון געיאָמערט:

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? — זעקס חדשים תפיסה... אַ האַלב פונט היי אַ טאָג... אָפּאַרבעטן דעם שאָדן... זיי וועלן אונז צוריקשיקן דעם שור־הבר גאָלע הויט און ביין.

די ווייבער פון די צדיקים האָבן געקוויטשעט:

— אַזוינס איז נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט... נעמען אַ אידיש מלאכל און עס אָפּשמדן. ווי צו די, וואָס האָבן דאָס דערלעבט...

איין מענטש נאָר האָט זיך נישט פאַרלוירן. דאָס איז געווען שלמה המלך. ער האָט אָנגעשריבן אַ צווייטן בריוו, געמאַכט פאַרשלאָגן, דערביי אונטערגעחנפעט די גויאישע צדיקים. ער, דער קלוגער מלך, האָט געוואוסט, אַז אַ חניפה איז אַ גוט מיטל צו מאַכן ווייכער, נאָכגיביקער.

דער ענטפער אויפן צווייטן בריוו איז אָנגעקומען אויפן דריטן טאָג. שלמה המלך האָט אים פאָרגעלייענט פאַר דער סמעטענע פון די צדיקים:

„צום הויכגעשעצטן מלך שלמה, דער חכם איבער אַלע חכמים! מיר טוען אייך צו וויסן, אַז מיר נעמען אָן אייער פאָרשלאָג. מיר זענען מסכים, אַז איר זאָלט באַצאָלן דעם שאָדן, וואָס דער שור־הבר האָט אָנגעמאַכט, מיט אַ דימענט פון אייער קרוין. דער שור־הבר וועט אָבער מוזן אָפּזיצן זיין שטראָף פאַרן אַריבערגיין די גרענעץ אָן אַ פּאַס און אָן אַ וויזע. געזעץ איז געזעץ. כדי איר זאָלט אָבער זען, אַז מיר זענען גרייט אייך אַנטקעגנצוקומען, פאַרקלענערן מיר אים די שטראָף אויף דריי חדשים. דאָס אידישע מלאכל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף אונזער ערד, האָבן מיר שוין אָפּגעשמדט און אים אַ נאָמען געגעבן פּעטרע. די קימפּעטאָרין שטייט צו אייער פאַרפיגונג. איר קאָנט זי אָפּנעמען, ווען איר ווילט“.

— דריי חדשים אויף תפיסה־קעסט, איז אויס מיטן שור־הבר, — האָט געיאָמערט יצחק אבינו.

— אָפּגעשמדט אַ אידיש מלאכל, — האָט פאַרבראָכן די הענט די מוטער שרה מיט אַ געוויין און רבקה, רחל, לאה האָבן איר אונטערגעהאָלפן.

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ צאַרן, און אַלץ צוליב די ליידאַקעס, די פּאַסטוכער, — האָבן געמורמלט די צדיקים.

שלמה המלך האָט אָנגעשריבן אַ דריטן בריוו. מסכים געווען, אַז דעם שור־הבר קומט אַ שטראָף, אָבער דריי חדשים זענען צו־פיל. און צווייטנס, פון תפיסה־קעסט וועט דער שור־הבר אַראָפּ פונם לייב. דעריבער שלאָגט ער פאָר, אַז זיי, די גויאישע צדיקים, זאָלן צולאָזן צוויי אידישע פּאַסטוכער, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויפן שור־הבר די גאַנצע צייט, וואָס ער וועט זיין צוגעבונדן אין תפיסה־שטאַל. „מיר זענען גרייט, — האָט שלמה המלך געשריבן אין בריוו, — אַריבערצושיקן עטלעכע וואָגנס היי, דער שור־הבר זאָל האָבן גענוג וואָס צו קייען. דאָס, וואָס איר האָט אָפּגעשמדט דאָס מלאכל, איז פאַרפאַלן. איך דערוואַרט גיך און באַלד אייער ענטפער וועגן שור־הבר“.

די בריוו־טויב האָט אַוועקגעטראָגן דעם בריוו אין גויאישן גן־עדן אַריין און אויפן דריטן טאָג איז זי צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער.

שלמה המלך האָט אויך דעם בריוו פאָרגעלייענט פאַר די צדיקים. די

גויִאישע צדיקים האָבן אויך דאַסמאָל נישט געמאַכט קיין שווערקייטן. זיי האָבן מסכים געווען, אַז דער אידישער גן־עדן זאָל אַריבערשיקן צוויי מלאכים, וואָס זאָלן היטן דעם שור־הבר ביז ער וועט אָפּקומען זיין שטראָף. זיי האָבן אָבער געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט שיקן קיין פּאַסטוכער, ווייל קוים וועט דער שור־הבר דערזען אידישע פּאַסטוכער, קאָן ער צוריק ווערן ווילד. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען די צדיקים פונם אידישן גן־עדן שיקן צוויי קליינע מלאכים־לעך. צו זיי וועט דער שור־הבר האָבן צוטרוי און זיי וועט ער קיין שלעכטס נישט טאָן.

וואָס שייך דער שטראָף, האָבן די גויִאישע צדיקים זי פאַרקלענערט אויף זעקס וואָכן. די שטראָף מוז ער שוין אָפּקומען. און וואָס שייך דעם דימענט, קאָן שלמה המלך אים מיטגעבן די צוויי מלאכימלעך, וואָס דאַרפן קומען אָפּהיטן דעם שור־הבר.

דער בריוו איז אַלעמען וואויל געפעלן. די צדיקים פונם גויִאישן גן־עדן לאָזן מיט זיך רעדן, דאָס זעט מען אַרויס פון דעם דאָזיקן בריוו.

— טאָ וועמען שיקט מען אַהין? — האָט געפרעגט אברהם אבינו און זיך געגלעט די בכבודיקע באָרד.

די צדיקים האָבן זיך געעצהט. געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער, ביז עמעצער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פישערל. ער איז אַ קלוג מלאכל, וואָס פאַרשטייט אַן ענין.

— און דעם צווייטן, — האָט אַן אַנדערער געזאָגט, — דעם צוויטן מיין איך, אַז ס׳וואָלט געווען גוט מען זאָל דעם צווייטן...

— לאָמיר שוין הערן וואָס — אַ איד האָלט אין איין רעדן און מען הערט נאָר, „דעם צווייטן", „דעם צווייטן" און קיין נאָמען הערט מען נישט, — האָבן געמורמלט אַנדערע.

— איך מיין, אַז דער צווייטער זאָל זיין פישערלס חבר, שמואל־אַבא — זיי האָבן זיך ביידע ליב, ווי צוויי אייגענע ברידער און אים, שמואל־אַבאַן, דאַרף מען אויך נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין.

הקיצור, ס׳איז געבליבן, אַז איך און מיין חבר פישערל זאָלן פליען אין גויִאישן גן־עדן אַריין אָפּהיטן דעם שור־הבר. מען האָט אונז געהייסן גיין צו זיידל דעם גן־עדן־פאָטאָגראַף, ער זאָל אונז מאַכן בילדער צו די פּעסער.

פריילעכע האָבן מיר זיך געלאָזט צו זיידל דעם גן־עדן־פאָטאָגראַף. זיידל

מלאך האָט זיך מיט אונז שטאַרק דערפרייט. ער האָט יעדן פון אונז געגעבן אַ קניפּ אין בעקל:

— גוט וואָס איר זענט געקומען, חברה. איך וועל אייך פאָרלייענען מיין ניי פורים־שפּיל, וואָס איך האָב אָנגעשריבן.

זיידל, דער גן־עדן־פאָטאָגראַף, אַ מלאך מיט לאַנגע האָר און מיט ברילן אויף דער נאָז, האָט אַ שוואַכקייט. יעדע וואָך שרייבט ער אָן אַ ניי פורים־שפּיל און ווען ער כאַפּט, לייענט ער עס פאָר.

מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר זענען געקומען זיך פאָטאָגראַפירן. איצט האָבן מיר נישט קיין צייט, ווייל מיר פליען אין שליחות אַזש אין גויאישן גן־עדן. אַז מירן, מירצעשעם, צוריקקומען, וועט ער אונז מעגן לייענען וויפל ער אַליין וועט וועלן...

זיידל מלאך איז געוואָרן טרויעריק. ס׳האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט צו לייענען, נאָר ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה געהאַט, ער האָט עס געמוזט אָפּלייגן ביז מיר וועלן צוריקקומען.

— ביז דענסטמאָל, — האָט ער אונז צוגעזאָגט, — וועל איך האָבן זעקס נייע פורים־שפּילן. געדענקטס, חברה, און קומטס. איר וועט הנאה האָבן.

ער האָט אונז פאָטאָגראַפירט און טאַקע תיכף אויפן אָרט געמאַכט די בילדער. מיר זענען אַוועק צו דער גן־עדן־פּאָליציי, וואו מען האָט אונז אויסגעשטעלט די פּעסער.

מיט די פּעסער אין די הענט זענען מיר אַוועק צו פישערלס עלטערן זיך געזעגענען. פישערלס מאַמע האָט זיך געווישט מיטן פאַרטוך די אויגן:

— גיב אַכטונג, פישערל, זאָלסט זיך חלילה נישט פאַרקילן אויפן וועג.

און פישערלס טאַטע, שלמה־זלמן דער לאַטוטניק, האָט אונז אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט:

— איר זאָלט זיך נישט לאָזן איבעררעדן פון די גויאישע מלאכים, איר הערט, וואָס איך זאָג אייך? נישט עסן קיין חזיר!...

ער האָט אונז אָנגעקלאַפּט אַ פולן קאָפּ מיט סאַמע „נישט“ און צום סוף פאַרענדיקט מיט אַ שלוקערץ:

— געדענקטס, אַז איר זענט אידישע מלאכים און אַז ס׳איז אַ כבוד צו זיין אַ מלאך אין אידישן גן־עדן.

מיר האָבן אים צוגעזאָגט אַלצדינג, וואָס ער האָט געוואָלט. פישערלס

מאַמע האָט אונז מיטגעגעבן עטלעכע רעטשענע קיכלעך אויפֿן וועג און מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

— פֿליטס געזונט און קומטס געזונט צוריק, — האָבן זיי אונז נאָכגעשריגן.

— איצט, שמואל־אַבא, דאַרפֿן מיר פֿליען צו שלמה המלך נעמען דעם דימענט און פֿון דאָרט גלייך צו דער גרענעץ.

מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן הויך, הויך און מיר זענען געפֿלויגן.

ביז צו שלמה המלכס גיטער איז געווען אַ שטיקל מהלך, נאָר מיר זענען געווען אַזוי האַפּערדיק פֿון דער נסיעה, אַז מיר האָבן אַפֿילו נישט באַמערקט ווי די צייט איז אַדורך.

— שמואל־אַבא, זעסט, דאָרט דאָס הויז מיטן גאָלדענעם דאַך איז שלמה המלכס פּאַלאַץ.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. די מלאכים־וואַך פֿאַרן פּאַלאַץ האָבן שוין געוואוסט, אַז מיר דאַרפֿן קומען, און האָט אונז תיכף אַריינגעלאָזט.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ זילבערן טייכל. שולמית איז געזעסן ביים ברעג. די באָרוועסע פֿיס האָט זי געהאַלטן אין וואַסער, און מיט אַ גאָלדענער נעץ האָט זי געכאַפּט פֿיש.

— ווען זי וואָלט געוואוסט, אַז מיר האָבן זי געזען ביי דוד המלך, פֿישערל, וואָס אַ שטייגער וואָלט זי געטאָן?

— מיר דאַרפֿן מאַכן אַזאַ נסיעה, שמואל־אַבא, און דו האָסט אין זינען נאַרישקייטן.

מיר זענען אַריבערגעגאַנגען די הילצערנע בריק. הינטער אונז האָבן מיר געהערט שולמיתעס געזאַנג:

מיט דיר אינאיינעם,
געליבטער מיין,
וואָלט איך געגאַנגען
אין גיהנום אַריין.

אין גיהנום צו זיין,
געליבטע איז שווער,

דאָרט העלפט נישט קיין תפילה
און ס'העלפט נישט קיין טרער.

קיין תפילה, קיין טרער
העלפט טאָקע ניט,
נאָר די ליבע אַליין,
וואָס טרילערט אַ ליד.

מיר האָבן פאַרקערעוועט אין אַ זייט. שולמיתעס ליד איז געוואָרן אַלץ ווייטער און ווייטער. מיר האָבן עס שוין קוים, קוים געהערט. אַן אַנדערש מאָל וואָלטן מיר אַפילו אָפּגעשטאַנען אַ שעה און צוויי און זיך צוגעהערט. איך און מיין חבר פישערל האָבן שטאַרק ליב געהאַט לידער, אָבער איצט, ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים פליען אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין, האָבן מיר נישט געהאַט קיין צייט.

דעם מלך שלמה האָבן מיר געטראָפן שטיין אין הויף. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זיידענעם כאַלאַט. אויף די פיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר שטעק־שיך. די קרוין האָט געפינקלט אויף זיין קאָפּ.

דער מלך איז געשטאַנען און האָט זיך אויסגעטענהט מיט אַ גאַלאַגאַנער האָן. ווי באַוואוסט, פאַרשטייט דער מלך שלמה די לשונות פון אַלע חיות, פייגל און עופות. מיר האָבן אַליין געזען, ווי ער האָט געפרעגט דעם האָן און דער האָן האָט אים אויף אַלץ געענטפערט. וואָס, האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען.

מיר זענען געוואָרן אומגעדולדיק. ער קאָן אַזוי שטיין און אָפּטענהן זוער ווייסט וויפל און דאָ האָבן מיר אַזאַ ווייטן וועג פאַר זיך.

פּישערל האָט מיך אַ טאָרע געטאָן:

— נו, שמואל־אַבא.

— וואָס, פישערל?

— לאָמיר צוגיין!

מיר זענען צוגעגאַנגען, זיך פאַרנויגט פאַרן מלך. דער מלך האָט איבער־געריסן דעם שמועס מיטן גאַלאַגאַנער האָן.

— אדוני מלך, מיר זענען געקומען נאָכן דימענט. מיר פליען אין גויאישן גן־עדן צום שור־הבר.

—שלמה המלך האָט אויסגעטאָן די קרוין, אַרויסגענומען דעם דימענט. אַ ווײַלע האָט ער זיך מיט אים געשפּילט. דער דימענט האָט געבלישטשעט, פאַרבלענדט די אויגן.

— נאָט אײַך, חברה, דעם דימענט און זעט פאַרלירט אים נישט. ס'איז אַ טײַערער דימענט. ער האָט דעם ווערט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר.

מיר האָבן גענומען דעם דימענט, צוגעזאָגט דעם מלך, אַז מיר וועלן אים האַלטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, דאָס הייסט, אַז מיר קאָנען פליען.

— הײַדאַ, שמואל־אַבאַ!

מיר האָבן צעשפּרייט די פליגל און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער גרענעץ.

פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב, זענען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ. אין אַלע צערקוועס האָבן געקלונגען די גלעקער.

דער בין־השמשות, דאָס פייערלעכע זינגען און דאָס קלינגען פון די גלעקער איז אונז אויסגעקומען מאָדנע און פרעמד. מיר האָבן זיך צוגע־טוליעט איינער צום צווייטן. מורא געהאַט, אַז מיר זאָלן זיך נישט פאַרלירן.

אַ מלאך אין אַ בלאָען מונדיר מיט צוויי קרייצן אויף די פליגל האָט באַטראַכט אונזערע פּעסער. צוויי אַנדערע מלאכים אין גראָע מונדירן האָבן אונז באַזוכט, צי מיר שמוגלען, חלילה, נישט אַריבער אַ „תלמוד״, וואָס דאָס איז די ערגסטע זאַך פאַרן גויאישן גן־עדן.

מען האָט ביי אונז גאָרנישט געפונען. די פּעסער זענען געווען אין אָרדענונג. איבער אַ שעה צייט האָט געדויערט דאָס „בודק״ זיין.

דער מלאך אין בלאָען מונדיר האָט אונז צוגעפירט צו אַ גרויסן אייזער־נעם טויער. ער האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט און געבעטן מען זאָל אים עפענען.

פון יענער זייט טויער האָט זיך דערהערט אַ שטים. מיר האָבן תיכף דערקענט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ זקן.

— .וועד קלאַפּט דאָרט? — האָט געפרעגט די שטים אויף יענער זייט טויער.

— איך קלאַפּ, הייליקער פּעטרוס, איך טעאָדאָר אַניאַל, דער גרענעץ־מלאך. איך האָב דאָ געבראַכט צוויי זשידקעס פונם אידישן גן־עדן.

מיר האָבן געהערט ווי מען שטעקט אַריין דעם שליסל. דער שלאָס האָט אַ קרעכץ געטאָן און דער גרויסער, שווערער טויער האָט זיך געעפנט.

פאַר אונז איז געשטאַנען אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד און שמייכלענדיקע אויגן. דער קאָפּ איז ביי אים געווען נאַקעט. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם גן־עדן־שליסל.

ער האָט אונז אַ ווײַלע באַטראַכט. דער צלם אויף זיין ברוסט איז געווען פון סאַמע גינגאָלד.

דער מלאך אין בלאָען מונדיר האָט סאַלוטירט. דער הייליקער פעטרוס האָט איבער אים געצייכנט אַ צלם און אים געהייסן גיין. די גרענעץ איז געבליבן אויף הפקר, מען דאַרף זי היטן.

דער אַלטער טויער־היטער האָט אונז געהייסן, מיר זאָלן אים נאָכגיין. מיר זענען אַריין אין טויער. דער אַלטער האָט אים צוריק פאַרשלאָסן.

— איר זענט, מסתמא, מיד פונם ווייטן וועג, — האָט ער צו אונז געזאָגט. — איר וועט זיך דאָ אויסרוען, מאָרגן אין דער פרי וועט קומען אַ שליח און ער וועט אייך פירן אין תפיסה־שטאָל, וואו עס שטייט פאַרשפּאַרט דער שור־הבר.

נישט ווייט פונם גן־עדן־טויער האָט זיך געפונען דאָס הויז, וואו דער הייליקער פעטרוס וואוינט. אין פענסטער האָט שוין געברענט אַ קאַניצל. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע ביז גאָר.

— איר דאַרפט נישט קיין מורא האָבן, אינגלעך, ס׳וועט אייך קיין שום בייז נישט געשען. קומט מיט מיר.

דער אַלטער איז געגאַנגען פאָרויס, מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען. איך ווייס נישט ווי ביי מיין חבר פישערל, נאָר ביי מיר האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין שטוב. די שטוב איז געווען אַ גערוימע. אויף אַלע ווענט זענען געהאַנגען איקאָנעס. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ טיש. דער אַלטער האָט אונז געהייסן זיך זעצן.

מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש. דער אַלטער האָט אונז דערלאַנגט יעדן אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט קעז און דערביי געשמייכלט:

— קיין חזיר עסט איר דאָך נישט, האַ? ווען איר וואָלט געוואוסט דעם טעם פון אַ שטיקל חזיר... איר זענט דאָך אָבער איינגעשפּאַרט און ווילט נישט. אַ טייער מאכל, אַ שטיקל חזיר. אַפילו אייער מלמד אין חדר זאָגט דאָך „חזר גוט".

מיר האָבן אים גאָרנישט געענטפערט. יעדער פון אונז האָט געגעסן זיין

שטיק ברויט מיט קעז. מיר זענען געווען וואָשנע הונגעריק פון דער נסיעה.

דער אַלטער האָט זיך ביי אונז נאָכגעפרעגט אויף די צדיקים. דער עיקרשט האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס עס מאַכן די הייליקע אבות. צי זיי פילן זיך גוט און צי האָבן זיי נישט קיין עגמת־נפש.

פישערל האָט אים געזאָגט, אַז אַלצדינג איז אין בעסטן אָרדענונג. ווען נישט די מעשה מיטן שור־הבר, וואָלט שוין געווען גאָר גוט.

— מאָרגן וועט מען אייך פירן צום שור־הבר, — האָט אונז געזאָגט דער אַלטער, — נאָר זעט און גיט אַכטונג און גייט נישט אַוועק פון דעם אָרט, וואו מען וועט אייך איינקוואַרטירן. פליט נישט אַרום איבער אונזער פּאַראַדיז. ביי אונז האָט מען נישט ליב קיין אידישע מלאכים. זעט און האָלט אייך אין דער מעלה, האַלט אייך סטאַטעטשנע, מען זאָל אייך נישט צעברעכן די פליגל.

מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן קיינעם נישט טשעפּען. מען זאָל אונז נאָר נישט טשעפּען, וואָלט שוין געווען גוט.

— דאָס בעסטע וועט זיין, — האָט אונז געעצהט דער אַלטער, — איר זאָלט נישט קריכן, וואו מען דאַרף נישט. אַז די הייליקע וועלן גיין זיך מאַדליען, זאָלט איר זיי זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. אַז איר וועט זען גיין אַ פּראָצעסיע, זאָלט איר זיך באַהאַלטן, מען זאָל אַפילו נישט וויסן, וואו אייער געביין איז אַהינגעקומען.

אַ שיינע מעשה, — האָב איך געטראַכט, — מיר וועלן זיך מוזן אויס־באַהאַלטן, זיך נישט ווייזן פאַר קיינעם. צו וואָס האָט אונז געטויגט די גאַנצע מעשה, מיר וועלן דאָך סיי־ווי־סיי גאָרנישט זען.

איך האָב זיך איבערגעקוקט מיט מיין חבר פישערל. מיר האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען. ער האָט, ווייזט אויס, אויך חרטה געהאָט אויפן גאַנצן עסק.

ביים אַלטן פעטרוס האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּן די אויגן. ער האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער חדר, וואו ס'זענען נישט געווען קיין איקאָנעס.

— דאָ וועט איר נעכטיקן, חברה, און אַז איר וועט דאַרפן טאָן אַ מלאכישע זאַך, איז דורכן פענסטער אין דרויסן אַרויס.

ער איז אַוועק צו זיך אין חדר. איך און מיין חבר זענען געבליבן אַליין. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט ביידע מיט טרויעריקע אויגן.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. ס׳האָט געשמעקט מיט רעגן.

אויפן האַרצן איז אונז געווען גאָרנישט פרייליך. מיר האָבן געטראַכט פון דער היים און געבעטן גאָט, אַז די זעקס וואָכן זאָלן זיך וואָס גיכער ענדיקן.

אַ בליץ האָט אינדרויסן אַ בלענד־געטאָן, און אויף אַ ווײַלע ליכטיק געמאַכט אונזער צימער. אַ צווייטער בליץ. אַ דונער האָט געוואָרטשעט, געוואָרטשעט און איז מיט אַ קראַך אַראָפּגעפאַלן.

מיר האָבן געמאַכט אַ ברכה אויף אַ קול. אין צווייטער צימער האָט געכראָפּעט דער אַלטער פעטרוס.

— שמואל־אַבא!

— וואָס איז, פישערל?

— לאָמיר זיך לייגן שלאָפן. אַז מען שלאָפט, קומט מען גיכער איבער די נאַכט.

מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און זיך אַרײַנגעלייגט אין בעטל, נאָר אַנט־שלאָפן ווערן האָבן מיר נישט געקאָנט. די בליצן און דונערן האָבן נישט געלאָזט.

אין אידישן גן־עדן האָבן מיר שוין אַ סך מאָל דורכגעלעבט אַזוינע נעכט, אָבער דאָ, אין דער פרעמד, ווייט פון די אייגענע, איז די געוויטער־נאַכט געווען אַ סך מוראדיקער.

— פישערל!

— וואָס, שמואל־אַבא?

— לאָמיר זיך דערציילן מעשיות. אַז מען דערציילט מעשיות לויפט גיכער פאַרביי די צייט.

מיר האָבן זיך פעסטער צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און פישערל האָט גענומען דערציילן אַ מעשה ׳ועגן אַ בעטלער מיט אַ בן־מלך.

די דונערן האָבן זיך, ווייזט אויס, אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלן נישט דערלאָזן און פישערל האָט געמוזט איבעררייסן די מעשה אין דער מיט.

מיר האָבן זיך געפּרוּווט איבערדעקן מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

מיר זענען אַרויסגעשפרונגען פונם בעטל. פישערל האָט געעפנט דאָס פענסטער און איז אַרויס אינדרויסן.

ער איז געשטאַנען אין נאַכט־העמד, די בליצן האָבן איבער אים געפלאַמט.

ווער ס'האָט נישט געזען מיין חבר פישערל אין שיין פון די בליצן, האָט קיין שיינס נישט געזען.

— שמואל־אַבא, — האָט פישערל געשריגן, — שפּרינג אַרויס דורכן פענסטער, שמואל־אַבא!

איך האָב זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. דערנאָך בין איך אַרויסגעשפּרונגען.

גראָד אין דעם מאָמענט האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן. מיר זענען געוואָרן פיש־נאַס. די פליגל זענען אונז געוואָרן שווער, קוים וואָס מיר האָבן זיי געקאָנט אויפהויבן.

מיר זענען צוריק אַריין אין צימער. פון די קעפּ און די פליגל האָט געטריפט דאָס וואַסער. די פּאָדלאָגע איז געוואָרן נאַס.

מיר זענען צוריק אַריינגעקראָכן אין בעט אַריין, זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, כדי זיך צו דערוואָרעמען. אינדרויסן האָט געשטראָמט דער רעגן.

— פישערל, דו הערסט?

— וואָס, שמואל־אַבא?

— וואָס דער רעגן דערציילט...

טאָפּ — טאָפּ, טראָפּ — בזש... טראָפּ — אַ טראָפּ — בזש...

מיר האָבן זיך ביידע אַרומגענומען און מיר זענען אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין חלום האָב איך ווידעראַמאָל געזען שלמה המלך. ער איז געשטאַנען און האָט זיך אויסגעטענהט זיך מיטן האָן. איך האָב פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט פון זייער שמועס:

— וואָס טוסטו, האָן? און וואָס מאַכן דיינע טויזנט ווייבער? — האָט געפרעגט דער מלך.

— אַ שיינעם דאַנק דיר, מלך, פאַרן נאָכפרעגן זיך. די ווייבער מיינע לייגן אייער, קוואָקען און זענען זיך, דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטן, געזונט. און וואָס מאַכן דיינע טויזנט ווייבער, מלך?

— אָט, נישט צום פאַרזינדיקן. ווייסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגן, האָן? צווישן טויזנט ווייבער האָב איך נישט געפונען קיין איינע קיין רעכטע.

—אויב אַזוי, האָב איך שוין מער מזל פון דיר, מלך. מיינע זענען, קיינעהאָרע, אַלע רעכטע. נישטאָ צווישן זיי קיין איין עקרה. ווילסט פאָלגן מיין עצה, מלך, נעם דיר נאָך עטלעכע ווייבער — ס'וועט זיך שוין געפינען עפּעס רעכטס.

שלמה המלך האָט זיך פאַרטראַכט:

— ביסט אפשר גערעכט, האָן. כל־זמן מען לעבט, דאַרף מען זוכן, נישטערן, אפשר וועט זיך טאַקע געפינען.

מיטאָמאָל איז געשען אַ מערקווירדיקע זאַך: איך האָב געזען ווי שלמה המלך פאַרוואַנדלט זיך אין אַ האָן. זיין קאָם איז פייער־רויט. ער טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און פליט אַרויף אויפן פּלויט.

— קוקעריקו!

פון דעם קריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. אַ מאָדנער חלום — האָב איך זיך געטראַכט. אינדרויסן האָט שוין געטאָגט. די גן־עדן־הענער האָבן געקרייעט.

מיין חבר פישערל איז נאָך געשלאָפן. ער איז, ווייזט אויס, געווען מיד. דאָס רעכטע הענטל האָט ער געהאַלטן אויפן האַרץ. ער האָט געשמייכלט. שלאָפנדיקערהייט איז ער געווען וואונדערלעך שיין. איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אים געגעבן אַ קוש אין שטערן.

איך בין שטיל אַרויסגעקראָכן פונם בעטל. ס'איז מיר געווען אַ שאָד אים צו וועקן. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. נאָכן ביינאַכטיקן רעגן איז די ערד געווען פריש. די גראָזן האָבן געשמעקט, אַ מחיה נפשות. די פייגל צווישן ביימער האָבן געזונגען שירה.

— שיין זענען דיינע וועלטן, רבונו של עולם, — האָב איך געפּליסטערט.

— איך קאָן נאָר נישט פאַרשטיין, צו וואָס האָבן דיר געטויגט דריי גן־עדנס. צי וואָלט דען נישט געווען בעסער, ווען ס'איז דאָ איין גן־עדן פאַר אַלעמען, אָן פעסער, אָן ווייזעס און אָן קידער־ווידער?

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מיין אַפּיקורסישן געדאַנק. אַ שיינע מעשה, — האָב איך זיך געמוסרט, — דו, שמואל־אַבא, גייסט לערנען דעם בורא־עולם שכל. די חכמה, וואָס ער פאַרמאָגט אין מינדסטן נאָגל פון זיין מינדסטן פינגער, פאַרמאָגסטו נישט אין דיין גאַנצן לייב און לעבן.

אין מזרח איז אויפגעגאַנגען די זון, אַ גרויסע, אַ שטראַלנדיקע. אַ גאָלדענער שטראַל איז געפאַלן אויף מיין חבר פישערל. אים אַזוי לאַנג געקיצלט אונטער דער נאָז, ביז ער׳ האָט זיך איבערגעוועקט.

— אַ גוט מאָרגן, פישערל!

פישערל האָט זיך אויסגעריבן די אויגן. אין דער ערשטער רגע האָט ער, ווייזט אויס, פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך. דערנאָך איז ער אַרויסגעשפּרונגען פונם בעטל.

מיר האָבן זיך געוואַשן און געזאָגט „מודה אני". פון דער דאָזיקער תפילה איז אונז געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען צום הייליקן פּעטרוס. דער אַלטער איז נישט געווען אין שטוב. ער איז אַוועק אין דער צערקווע זיך מאָדליען.

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ קריגל מילך. מיר האָבן געטרונקען די מילך, צוגעביסן מיט ראַזאָווע ברויט. פונדערווייטנס האָבן געקלונגען די גלעקער.

דער אַלטער איז אַהיימגעקומען. דערזען אונז עסן, האָט ער גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן. ער האָט יעדן פון אונז אַ קניפּ געטאָן אין בעקל:

— איר האָט זיך שוין געמאָדליעט, חברה? — האָט ער געפרעגט.

— מיר האָבן שוין געזאָגט „מודה אני". וואָס דען, מירן עסן פאַר „מודה אני"? אַ שיין פּנים וואָלטן מיר געהאַט.

— אויב אַזוי, איז גוט, — האָט געשמייכלט דער אַלטער. — יעדע רגע איז ער מחויב אָנצוקומען, דער מלאך, וואָס דאַרף אייך פירן צום שור־הבר. געדענקטס, חברה, און פירט זיך אויף בראַוו, וועט אייך זיין וואויל ווי די וועלט.

מיר האָבן אים באַטראַכט און זיך געשוואוירן, אַז מיר וועלן זיין בראַוו. ער האָט צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיך אַוועקגעזעצטביים טיש. ער האָט זיך איבערגעצלמט און גענומען עסן.

מיר האָבן אים באַטראַכט און זיך געפילט היימישער מיט אים. דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעקלונגען זיבן.

XII

אַניעלאַ

דער הייליקער פּעטרוס האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן, אַ גלעט געטאָן די באָרד און אונז געזאָגט, מיר זאָלן אים געבן דעם דימענט פון שלמה המלכס קרוין. פישערל האָט אים דערלאַנגט דעם דימענט. ער האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטן און געשמאַטשקעט מיט די ליפּן.

— אַ טייערער דימענט, אַ דימענטענער דימענט! אַזאַ דימענט האָט דעם ווערט איך ווייס אַליין נישט וויפל.

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען פונם שופלאָד אַ בויגן פּאַפּיר און אָנגעשריבן אַ קוויט, אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט דערהאַלטן דעם דימענט.

פישערל האָט באַהאַלטן דעם קוויט. דער אַלטער האָט אָפּגערוימט פונם טיש. דער זייגער אויף דער וואַנט האָט אויסגעשלאָגן: ניין.

מיר האָבן דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און איידער דער אַלטער האָט נאָך אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „אַריין", האָט זיך די טיר געעפנט און אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מלאך מיט גראָע, שטעכעדיקע אויגן איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך פאַרנויגט פאַרן אַלטן אַפּאָסטאָל, דריי מאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און געזאָגט:

— איך בין געקומען נעמען די זשידקעס, זיי פירן צום שור־הבר. דימיטרי אַנגעל הייס איך.

ער האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף אונז. זיינע שטעכעדיקע אויגן און זיינע פאַרדרייטע וואָנסעס האָבן בולט דערציילט, אַז ער איז אַ שונא ישראל, אַן אמתער אַנטיסעמיט.

דער אַלטער האָט דעם מלאך עפּעס איינגערוימט אין אויער אַריין. מיר זענען געשטאַנען אין אַ זייט און האָבן געציטערט.

דימיטרי אַנגעל האָט אַ דריי געטאָן די וואָנסעס און מיט אַ גיפטיק שמייכעלע צו אונז אַ זאָג געטאָן:

— הײַדאַ, זשידקי!

מיר האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און מיר זענען מיט אים אַרויסגעגאַנגען. דער אַלטער האָט אונז באַגלייט ביז צו דער טיר.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן. פּאָרויס איז געפלויגן

דימיטרי אַנגעל, ער האָט געפּאַכעט מיט זײַנע גרױסע, שטאַרקע פליגל און געזונגען:

זשעד, זשעד,
כאַלאַמעד,
ניעמאַ סאַבאַטאַ,
טשאַרנאַ קאַפּאַטאַ.

דאָס לידל, װאָס ער האָט געזונגען, איז אונז שטאַרק נישט געפעלן געװאָרן, נאָר מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט טאָן. מיר האָבן געמוזט הערן און שװײַגן. בײַ פישערלען האָב איך געזען טרערן אין די אױגן.

דימיטרי אַנגעל האָט זיך אַלעמאָל אומגעקוקט. אונזערע פליגל זענען געװען יונגע און שװאַכערע פון זײַנע. ער האָט זיך געכעסט, װאָס מיר פליען װי געפּגרטע הינדלעך, און פון אונז געהאַלטן אין אײן חוזקן:

— טאַטעלע... מאַמעלע... אַ קוילעטש אַ שטיק — כיק, כיק, כיק.

דאָס, װאָס מיר האָבן איבערגעלעבט בשעת דעם פלי מיט אָט־דעם רשע, װײסט נאָר אײן גאָט. מיר האָבן זיך פאַרשאָלטן די יאָרן. הלואי װאָלטן מיר געװען צעבראָכן די פליגל, אײדער מיר זענען אַרױסגעפלױגן.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן אַ װאַלד. אין דער רעכטער האַנט איז געשטאַנען דער תּפיסה־שטאָל, באַװאָרנט מיט קראַטעס. פאַרן שטאָל האָט זיך אַרומגעדרײט אַ מלאך מיט אַ שװערד אין דער האַנט און געהיט דעם געפאַנגענעם. דימיטרי אַנגעל האָט אונז צוגעפירט צום מלאך אויף דער װאַך. ער האָט אים עפּעס געזאָגט אויף אַ שפּראַך, װאָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, און די גאַנצע צײַט געװיזן מיטן פינגער אויף אונז.

דער מלאך אויף דער װאַך האָט אַ זאָג געטאָן „כאַראַשאָ" און דימיטרי אַנגעל האָט זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט צעשפּרײט זײַנע פליגל און איז אָװעקגעפלױגן. פונדערװײַטנס האָבן מיר נאָך געהערט װי ער זינגט: „זשעד, זשעד, כאַלאַמעד"...

דער מלאך פון דער װאַך האָט מיט אַ גרױסן שליסל געעפנט דעם שװערן, אײַזערנעם טויער פון תּפיסה־שטאָל. מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען און דערזען אונזער שור־הבר, װי ער ליגט געקאָװעט אין קײטן. ער איז געװען מאָגער װי אַ שטעקן. װען מיר װאָלטן נישט געװאוסט, אַז ער איז עס, װאָלטן מיר אים בשום אופן נישט דערקענט.

פישערל איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אַ גלעט געטאָן... דער שור־הבר האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן.

— צו וואָס האָט דיר געטויגט דאָס אַנטלויפן? — האָט פישערל אים געזאָגט. — אַז אַ נאַרישע מלאכטע מאַכט אַ שפּאַס, דאַרף מען שוין אַנטלויפן?

דער שור־הבר האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען דעם מוסר פון מיין חבר. אין זיינע אויגן האָב איך געזען חרטה.

פישערל האָט אים געטרייסט און נישט אויפגעהערט צו גלעטן:

— נאָך עטלעכע וואָכן, שור־הבר, און מיר וועלן דיך אהיימנעמען צוריק אין אידישן גן־עדן אַריין. ס'אַנדערע מאָל זאָלסטו וויסן. מיר זענען געקומען דיך אָפּהיטן. און דערנאָך וועסטו מיט אונז צוריקגיין. ס'וועט זיין ששון ושמחה אַז דו וועסט צוריקקומען. וועסט זען, צי איך זאָג אַ ליגנט.

איך בין צו אים אויך צוגעגאַנגען, אים געגלעט און דערציילט, ווי אַזוי די גן־עדן־לאָנקע בענקט נאָך אים. פון זינט ער איז אַנטלאָפן, זענען די גראָזן פון דער גן־עדן־לאָנקע מאָדנע טרויעריק. און די גרילן זינגען נישט. און די שמעטערלינגען בלאָנדזשען אַרום פאַריתומטע און קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

— אָבער, אַז דו וועסט צוריקקומען, — האָט פישערל געזאָגט, — וועט אַלצדינג צוריק אויפגעריכט ווערן. די גן־עדן־לאָנקע וועט זיך צעבליען ווי אַמאָל, די גרילן וועלן זינגען ווי אַמאָל, און די שמעטערלינגען וועלן וויסן, אַז די גן־עדן־לאָנקע איז זייער היים.

דער וואָך־מלאך האָט אונז אַ וואונק־געטאָן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער הייסט אונז אַרויסגיין. פאַר היינט איז גענוג.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן שור־הבר, אים צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן מאָרגן נאָכאַמאָל קומען און מיר זענען אַרויס פון דער תפיסה־שטאַל.

דער וואָך־מלאך האָט צוריק פאַרשלאָסן די טיר און מיר זענען געשטאַנען אין דרויסן, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, וואוהין מיר האָבן צו גיין און וואו מיר וועלן נעכטיקן.

— שמואל־אַבא!

— וואָס, פישערל?

— וואָס וועט זיין דער סוף, שמואל־אַבא?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז, פישערל.

דער אָוונט האָט גענומען טונקלען. איבערן וואַלד האָבן געציטערט די שטערן. די אייגענע שטערן וואָס אין דער היים און פּאָרט פּרעמדע.

ווען ס׳איז שוין געוואָרן גוט טונקל, האָבן מיר דערזען אַן אַלטיטשקן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד. ער האָט זיך דערנענטערט צו אונז. אויף דער פּלייצע האָט ער געטראָגן אַ זאַק. איך האָב אים באַטראַכט און וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ס׳איז אליהו הנביא.

פּישערל האָט, ווייזט אויס, געטראַכט דאָס אייגענע. ער האָט מיך אַ טאָרע געטאָן און געפּליסטערט

— זעסט, שמואל־אַבא, אליהו הנביא...

— פון ווען אָן טראָגט אליהו הנביא אַ צלם אויפן האַלז, פּישערל?

דער אַלטער איז צוגעקומען צו אונז. דער וואַך־מלאך האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער שווערד און אַ געשריי געטאָן:

— סמירנאָ!

מיר זענען שטיין געבליבן ווי סאָלדאַטן. דער אַלטער האָט אָבער יעדן פון אונז אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל און ווייך און גוטמוטיק געשמייכלט:

— דאָס זענט איר, די אידישע מלאכימלעך... גוט... איך בין דער הייליקער ניקאָליי... איך וועל אייך ווייזן, וואו איר וועט וואוינען די גאַנצע צייט... דערווייל נאָט אייך אַ מתנה... נעמט... נעמט...

ער האָט אויפגעבונדן דעם זאַק. פּישערלען האָט ער געשענקט אַ בלייַ־נעם סאָלדאַט און מיר אַ הענדל פון צין.

דער אַלטער האָט גערעדט לשון־קודש און מיר האָבן זיך פּשוט מחיה געווען. ער האָט צוריק פאַרבונדן דעם זאַק און אים פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס.

— קומטס, חברה!

ער איז געגאַנגען פאָרויס, מיר נאָך אים. מיט אים איז אונז געווען היימלעכער. מיר זענען אַריין אין וועלדל. דער אַלטער האָט אָנגעצונדן זיין לאַמטערן.

מיר זענען געגאַנגען פּאַמעלעך. ביים שיין פון אַלטנס לאַמטערן האָבן מיר געזען, ווי די וועווריקעס שפרינגען פון בוים צו בוים. מיר האָבן געהערט ווי נאַכט־פייגל רופן זיך איבער. אַ סאַרנע איז אונז איבערגעלאָפן דעם וועג. מיר האָבן געהערט אַ וואַסערל פּלאַפּלען פונדערווייטנס.

דער אַלטער האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איר זענט מיד, חברה? אָט, אָט, און מיר וועלן זײַן ביים וואַלד־וועכטער. דאָרט וועט איר וואוינען ביז דער שור־הבר וועט אָפּקומען די שטראָף.

דער אַלטער האָט געטראָפֿן. מיר זענען טאַקע געווען מיד. אַ גאַנצן טאָג געפֿלויגן אינאיינעם מיט דעם רשע דימיטרי אַנגעל.

מיר זענען געגאַנגען. קוים, קוים געשלעפּט די פֿיס. דאָס רוישן פֿונם וואַסער איז געוואָרן אַלץ נענטער. ביים סאַמע ברעג פֿון טײַך איז געשטאַנען אַ הילצערן הײַזל. דער אַלטער איז שטיין געבליבן. אָװעקגעשטעלט דעם לאַמטערן אויף דער ערד. דער אַלטער האָט אָנגעקלאַפּט:

— עפֿן, איוואַן! איך בין עס, דער הייליקער ניקאָליי.

די טיר האָט זיך געעפֿנט. איוואַן דער וואַלד־וועכטער איז אַרויסגעקומען. ער איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער מלאך מיט קורצע, פֿעסטע פֿליגל.

— די צוויי אידישע מלאכימלעך וועלן בײַ דיר אײַנשטיין, איוואַן, — האָט דער הייליקער ניקאָליי געזאָגט. — זע, גיב אויף זיי אַכטונג. אונזער עסן עסן זיי נישט. גיב זיי נישט־געקאָכטע מילך אין אַן ערדן טעפּל און ראַזאָווע ברויט.

דער אַלטער האָט זיך מיט אונז געזעגנט און איז אַוועק. ער האָט זיך פֿאַרלוירן צווישן די ביימער אין וואַלד.

מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. אויף די ווענט זענען געהאַנגען הייליקע בילדער. דורכן פֿענסטער האָט מען געזען דעם טײַך.

איוואַן דער וואַלד־מלאך האָט אונז באַטראַכט פֿונם קאָפּ ביז די פֿיס. ער האָט זיך געחידושט און אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל אונז זאָגן. צום סוף האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ ברום געטאָן: „ניטשעוואָ".

די טיר פֿונם צווייטן צימער האָט זיך געעפֿנט און ס'איז אַרײַנגעקומען אַ יונג מלאכטע מיט בלאָנדע צעפּ און בלאָע אויגן. דער וואַלד־מלאך האָט איר געזאָגט עפּעס אויף אַ שפּראַך, וואָס מיר האָבן נישט פֿאַרשטאַנען. מיר זענען נאָר געוואויר געוואָרן, אַז זי הייסט אַניעלאַ.

די בלאָנדע מלאכטע איז צוריק אַרײַן אין צווייטן צימער. עס האָט נישט קיין סך געדויערט און זי האָט געבראַכט צו טראָגן פֿרישע מילך און

ראַזאָווע ברויט. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן, געזשלאָקעט די מילך, געביסן דאָס פרישע ראַזאָווע ברויט און מיר האָבן זיך פּשוט מחיה געווען.

דער וואַלד־מלאך האָט אַראָפּגענומען די ביקס פון דער וואַנט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַניעלאַן, איר געגעבן אַ קוש אין שטערן און איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצער נאַכט היטן דעם וואַלד.

מיר זענען געבליבן אַליין מיט דער שיינער, בלאָנדער מלאכטע, דער טאָכטער פונם וואַלד־מלאך. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, געמאַכט אָרדענונג און בשעת־מעשה געטרילערט ווי אַ קאַנאַריק.

זי איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, די דאָזיקע אַניעלאַ. יעדער ריר אירער איז געווען מלא־חן. מיין חבר פישערל, אָבער, איז געווען אויסער זיך. ער האָט מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און מיר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער:

— אַזאַ שאָנהייט, שמואל־אַבא, האָב איך נאָך נישט געזען. זאָל זי זאָגן איין וואָרט, בלייב איך דאָ אין גויאישן גן־עדן. איך וואָלט געקאָנט אויף איר קוקן פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט און נישט מיד ווערן.

דערהערנדיק פון מיין חבר די דאָזיקע ווערטער, בין איך געוואָרן שטאַרק צערודערט. דאָס זענען יענער ווערטער, — האָב איך געטראַכט, — וואָס מען הערט אָפט אין דער „דריי אָבות־אַליי" פון פאַרליבטע פאַרלעך. דאָס האַרץ האָט מיר אַ צופּ געטאָן. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיין חבר איז שוין אַ פאַרפאַלענער.

— דו ביסט דאָך אַ אידישער מלאך, פישערל, און זי איז אַ גויאישע מלאכטע, ס'גראַמט זיך נישט, פישערל.

מיין חבר איז מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן. איך האָב אים דערמאָנט אַ זאַך, וואָס איז אים נישט געווען צום האַרצן.

אין דרויסן האָט גערוישט דער וואַלד און דאָס וואַסער. אין שטוב האָט זיך אומגעדרייט אַניעלאַ פון איין ווינקל צום אַנדערן. פישערל האָט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן.

איך האָב אים אַ צי געטאָן פאַרן רעכטן פליגל:

— קום, פישערל, אַרויס אַביסל אינדרויסן.

ער איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ פאַרחלומטער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג טייך. פון הינטער אַ וואָלקן איז אַפּירגעקראָכן די לבנה. פישערל האָט אָפּגעזיפצט.

די אמתע סימנים, — האָב איך געקלערט. — קוים באַווייזט זיך די לבנה, זיפצט ער שוין. באַלד וועט ער נעמען שרייבן שירים. זי האָט אים אָנגעטאָן אַ כישוף, אָט די דאָזיקע בלאָנדע מלאכטע.

פישערל איז געזעסן אַ צייט לאַנג און האָט געשוויגן. איך האָב זיך צוגעהערט צום רוישן פונם וואַסער. מיט אַמאָל האָב איך דערפילט אַ ברי אויף מיין לינקן פליגל. ס'איז געווען אַ טרער פון מיין חבר פישערל.

— פישערל, גאָט איז מיט דיר, וואָס וויינסטו?

ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. ער האָט מיך נאָר אַרומגענומען מיט איין האַנט און געזונגען:

זינט כ'האָב דיך געזען, מיין לעבן,
זיך פאָרען אין טאַטנס שטוב,
האָב איך מיר אַ שבועה געגעבן,
אַז איך האָב דיך באמת ליב.

איך קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען
זינט כ'האָב געזען דיין געשטאַלט.
איך וועל נאָך אַראָפּ פון זינען
און שרייען אין די גאַסן „געוואַלט".

דאָס ליד איז געווען סיאָמקעס אַ ליד. פישערל האָט נאָך נישט קיין אייגענע לידער, מען קאָן אים נאָך ראַטעווען. מען דאַרף אַוועק, אַוועק פון דאַנען, כל־זמן ס'איז נאָך צייט, כל־זמן די ליבע איז נאָך אַ פונק. ווייל קוים וועט זי ווערן אַ פייער, וועט זיין צו־שפּעט.

— פישערל!

— וואָס איז, שמואל־אַבאַ?

— לאָמיר אַוועקפליען פון דאַנען תיכף, די רגע.

— און וואָס וועט זיין מיטן שור־הבר, שמואל־אַבאַ?

— וואָס האָב איך געקאָנט דערויף ענטפערן? מען האָט דאָך אונז געשיקט אַהער היטן דעם שור־הבר און אים צוריקברענגען. איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו מיין חבר:

— אָט די אַניעלאַ איז גאָרנישט קיין שיינע. דיין שוועסטער עטל איז

אַ סך שנעער, פּישערל. די אידישע מלאכטעס זענען בכלל שנעער. אַ־יאָ, פּישערל?

מיין חבר האָט אָפּגעזיפּצט:

— רעדסט גלאַט אין דער וועלט אַריין, שמואל־אַבא. אַניעלאַ איז שיין און אַ מלאך טאָר נישט פּאַרמיאוסן קיין שיינקייט, זי מעג אַפילו זיין אַ פרעמדע.

ער איז שוין פעסט אין דער אַרבעט, — האָב איך געטראַכט. ער רעדט שוין מיט הויכע ווערטער. זאָל אים דער אויבערשטער העלפן. איך אַליין ווייס נישט, צי איך וועל קאָנען.

מיר האָבן געהערט אַניעלאַס שטים, זי איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער און אונז גערופן:

— העי, כלאָפּצי! העי, כלאָפּצי!

פּישערל האָט אַ ציטער געטאָן. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זענען אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

אַניעלאַ האָט אונז געוויזן אויף שטום־לשון, אַז ס'איז שוין צייט זיך צו לייגן שלאָפן. זי האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער חדר און אַליין איז זי אַוועק אין איר צימער אַריין.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. פּישערל האָט די גאַנצע צייט גערעדט פונם שלאָף און מיך אַלע מאָל איבערגעוועקט.

אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאַנען. אַניעלאַ האָט אונז דערלאַנגט מילך און ראַזאָווע ברויט. דער מלאך פונם וואַלד איז שוין געווען אין דער היים. ער איז געלעגן און געכראָפּעט. אַניעלאַ האָט אַרויסגעטריבן די ציגן פון שטאַל. איך און מיין חבר פּישערל האָבן זיך געלאָזט פליען צו דעם תפיסה־שטאַל, וואו דער שור־הבר איז געלעגן, אַכטונג געבן, מען זאָל אים געבן עסן צו דער צייט און מען זאָל אים נישט פּייניקן.

פון זינט מיר זענען געקומען, האָט מען שוין דעם שור־הבר געהערערט די פּאַרציע היי. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. געוואָרן אַביסל פולער. מיט יעדן גראַם, וואָס איז אים צוגעקומען, האָב איך זיך געפריידט.

מיין חבר פּישערל איז אָבער אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. אין די עטלעכע טעג, וואָס דער שור־הבר האָט צוגענומען, האָט ער אָפּגענומען. יעדע ווײַלע איז ער מיר אַוועקגעקומען פון אונטער די הענט. ער האָט

כסדר אַרומגעבלאָנדזשעט אין וואַלד, געגעסן אַן אַפּעטיט און געשלאָפן אומרואיק.

אויפדערנאַכט, ווען מיר זענען אַהיימגעקומען אין וואַלד אַריין, האָט אונז אַניעלאַ אָפּגעוואַרט. זי האָט זיך מיט אונז געגומען חברן, אונז אויסגעלערנט זינגען גויאישע גן־עדן־לידלעך און מיר האָבן זי אויסגעלערנט אידישע.

ס׳איז אונז געווען גוט מיט דער דאָזיקער שיינער מלאכטע. פישערל האָט פון איר נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. אַז אים איז אויסגעקומען צו זיצן נעבן איר, איז ער געוואָרן רויט.

איינמאָל אין אַ זונטיק האָט זי אונז פאַרבעטן גיין מיט איר אין וואַלד אַריין קלויבן יאַגדעס. דער פאָטער איוואַן דער וואַלד־מלאך איז געשלאָפן. אַניעלאַ איז געווען שיין ווי תמיד און אָפּזאָגן איר איז נישט געווען מעגלעך.

מיר זענען אַוועק מיט איר טיף אין וואַלד אַריין. פליען האָט מען נישט געקאָנט, די ביימער זענען געווען צו געדיכט, איז מען געגאַנגען צופוס.

אַניעלאַ האָט געלאַכט, געזונגען און געשטיפט. אַלע ווילע האָט זי זיך איינגעבויגן, אָפּגעריסן אַ פּאָר יאַגדעס און אַריינגעלייגט אין קריגל, וואָס זי האָט מיטגענומען פון דער היים. פון צייט צו צייט האָט זי אָפּגעריסן אַ גאַנץ שטענגעלע און אונטערגעטראָגן עס אונז צום מויל. פישערל האָט גע־צופּט מיט די ליפּן די יאַגדעס פון שטענגעלע. זיינע באַקן האָבן דערביי געפלאַמט אַ סך רויטער פון די יאַגדעס.

ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, געשוויגן, נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט.

איך האָב אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און אים געפרעגט, צי ער וויל אפשר בלייבן אַליין מיט אַניעלאַ. ער האָט זיך דערפרייט. די אויגן האָבן ביי אים אויפגעבליצט.

— ביזט אַ וואוילער חבר, שמואל־אַבאַ. כ׳וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, אַניעלאַ זאָל אַפילו נישט באַמערקן ווען.

איך האָב אים צוליב געטאָן. בשעת פישערל מיט אַניעלאַן האָבן זיך אַראָפּגעבויגן צוזאַמען צו דער ערד און זענען געווען פאַרטיפט אין קלייבן יאַגדעס, האָב איך זיך אָפּגעטראָגן.

אַהיימגעקומען זענען זיי ערשט פאַרנאַכט. אַניעלאַ איז געווען מיד און מיין חבר פישערל איז געווען גליקלעך.

ביינאַכט, ווען איך האָב זיך איבערגעוועקט פון שלאָף, האָב איך געזען,

ווי מיין חבר פישערל שטייט ביים פענסטער, אין דער האַנט האַלט ער עפּעס.

— פּישערל, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

— איך קאָן נישט, שמואל־אַבא.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פונם בעט און בין צו אים צוגעגאַנגען.

— וואָס האַלסטו דאָרט אין דער האַנט, פישערל?

— גאָרנישט, ס׳איז אַ סוד, שמואל־אַבא.

ער האָט פעסטער צוגעמאַכט די האַנט. מיך האָט עס פאַרדראָסן. ס׳טייטש, האָב איך געטראַכט, מיין בעסטער חבר האָט אַ סוד און איך ווייס נישט דערפון. וואו איז חברשאַפט?

פישערל האָט דערפילט, אַז איך בין ברוגז. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיר אַ קוש געטאָן.

— שמואל־אַבא, אַז איכ׳ל אויסזאָגן דעם סוד, וועט ער שוין נישט זיין אַזוי שיין.

— איז דאַרף מען נישט, פישערל. איך וועל דיר אויך נישט מער דערציילן קיין סודות.

איך האָב געזען ווי פישערל קעמפט מיט זיך, שלאָגט זיך מיט דער דעה: יאָ דערציילן, צי נישט דערציילן? איך בין געשטאַנען און געוואַרט.

פישערל האָט געעפנט די האַנט. איך האָב דערזען אַ בלאָנדן לאָק.

— דאָס האָט זי דיר געגעבן, פישערל?

— זי, — האָט פישערל געשטאַמלט. איך האָב געפילט, אַז דאָס אַנטפּלעקן דעם סוד האָט אים געקאָסט געזונט.

איך האָב געהאַט חרטה און זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער וועל איך שוין נישט מאָנען ביי אים, ער זאָל מיר דערציילן זיינע סודות. אַ שאָטן האָט זיך אַריינגעמישט אין אונזער חברשאַפט.

איך בין צוריק אַריינגעקראָכן אין מיין בעטל. אַ צייט לאַנג בין איך געלעגן מיט אָפענע אויגן. דאָס האַרץ האָט מיר מאָדנע געקלעמט.

פון יענער נאַכט אָן, ווי נאָר איך פלעג זען מיין חבר מיט אַניעלאַן, האָב איך זיך אָפּגעטראָגן, זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק. איך האָב אַליין אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד, אָדער זיך געלאָזט פליען אויף אַ שפּאַציר איבערן טייך.

די טעג זענען געלאָפן — גיי כאַפּ זיי. דער שור־הבר איז מיט דער

צייט געוואָרן מער בהמה, גענומען לייב אויף זיך. אמת, נישט ווי אַמאָל. דער אידישער גן־עדן וועט נאָך האָבן אַ סך צו פאַרריכטן.

מיין חבר פישערל איז אויך נישט געזעסן ליידיק. דעם שור־הבר האָט ער איבערגעלאָזט איבגאַנצן אויף מיר, איך זאָל אים היטן. ער אַליין האָט אויף יעדן בוים אין וואַלד אויסגעקריצט „אַניעלאַ״, מיטן שטעקעלע אין זאַמד ביים ברעג טייך געצייכנט דעם נאָמען „אַניעלאַ״ און פונם שלאָף געפליסטערט דעם נאָמען: „אַניעלאַ״.

אפשר האָט ער געשריבן שירים אויך, נאָר איך האָב אים נישט געפרעגט און ער האָט מיר נישט געוויזן.

יעדן שבת איז געקומען צו גיין דער הייליקער ניקאָלאַי מיטן זאַק אויף די פלייצעס. פישערלען האָט ער זעלטן געטראָפן. דערפאַר האָט ער כסדר מיט מיר געקנעלט און מיר געגעבן פאַרשידענע מתנות.

— אפשר וואָלט געווען אַ יושר, שמואל־אַבא, זאָלסט שוין בלייבן דאָ, זיך אָפּשמדן, האַ? אונזער גן־עדן איז שענער ווי אייערער. ס'וועט דיר דאָ זיין וואויל ווי די וועלט.

איך האָב זיך נישט געלאָזט, אים אָפּגעענטפערט אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט. ערשטנס, ווייס איך נישט, צי זייער גן־עדן איז שענער. איך האָב אים דען געזען? מען לאָזט מיך דאָך נישט פליען פון דאַנען ביז אַהין. און צווייטנס — וואו איז דאָס פינטעלע איד, ר' ניקאָלאַי? אַ קלייניקייט — דאָס פינטעלע איד!

דער אַלטער האָט געשמייכלט:

— ביסט אַן עקשן, שמואל־אַבא! און אַן עקשן, איז פּע!

ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט גאָרנישט. נאָכאַמאָל געקומען און ווידער־אַמאָל אַוועק מיט גאָרנישט.

וואָס אמת איז אמת, פאַר מיין חבר פישערל האָב איך שטאַרק מורא געהאַט. איצט, ווען ער האָט זיך גענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין, קאָן אים דער הייליקער ניקאָלאַי נאָך איבעררעדן צו דעם שמד. איך האָב געבעטן גאָט, אַז די פאַר וואָכן זאָלן וואָס גיכער אַוועק און מיר זאָלן וואָס גיכער זיין צוריק אין דער היים.

די וואָכן זענען טאַקע געפלויגן. און אָט האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, ווען מען האָט באַדאַרפט באַפרייען דעם שור־הבר.

שפּעטער האָט מיר מיין חבר דערציילט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט

תפילה געטאָן, אַז די וואָכן זאָלן זיך ציען און ציען. אָבער מיין תפילה איז געווען בילכער. די וואָכן זענען געפלויגן.

— איז דאָך דער בעסטער באַוויז, פישערל, — האָב איך אים געזאָגט, — אַז דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט זאָלסט זיך שמדן און חתונה האָבן מיט אַניעלאַן.

דעם טאָג אָבער, וואָס מען האָט באַפרייט דעם שור־הבר, איז פישערל געווען אויס מלאך. ער איז געווען בלייך און אַניעלאַ איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרוויינטע.

גאַנץ פרי איז צו אונז געקומען דער הייליקער ניקאָלאַי. ער האָט אונז אויפגעוועקט מיט דער בשורה, אַז מען וואַרט אויף אונז, כדי אונז איבער־צוגעבן דעם שור־הבר.

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן און זענען אַרויס אין דרויסן. אַניעלאַ איז געשטאַנען ביים פענסטער מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן.

— זיי געזונט, אַניעלאַ!

— פלי געזונט, פישערל!

צוויי קוקאַווקעס האָבן זיך איבערגערופן אין וואַלד. אין די גראָזן האָבן געפינקלט טרערן, אין פישערלס אויגן האָבן געבלישטשעט טראָפנס טוי.

דער הייליקער ניקאָלאַי האָט געטאָפּט מיטן שטעקן דעם וועג. דער ווינט האָט פאַרהויבן די פאָלעס פון זיין כאַלאַט, דער זאַק אויף זיין פלייצע האָט זיך געהוידעט אַהין און אַהער.

פישערל איז געגאַנגען נעבן מיר. ער האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף צוריק. דעם וואַלד־וועכטערס הייזל האָט מען שוין נישט אָנגעזען. דיביימער האָבן עס פאַרשטעלט.

איך האָב אַ גלעט געטאָן פישערלס פליגל און שטיל געזאָגט:

— פישערל, פאַרגעס!

מיר זענען געקומען צו דער תפיסה־שטאַל. פאַרנט איז געשטאַנען דער וואָך־מלאך מיט דער שווערד אין האַנט. עטלעכע טריט ווייטער, דער רשע דימיטרי אַנגעל. ער האָט געהאַלטן אַ פּאַפּיר אין דער האַנט.

מיר זענען אַריין מיטן וואָך־מלאך אין שטאַל. דימיטרי אַנגעל האָט אַראָפּגענומען די קייטן פונם שור־הבר, די קייטן האָט ער אָוועקגעשליידערט אין אַ זייט. דער הייליקער ניקאָלאַי האָט ביי אים גענומען דעם בויגן פּאַפּיר און פאַרגעלייענט:

„אין אַנוועזנהייט פונם הייליקן ניקאָלאַי, דעם וואָך־מלאך גריגאָרי סטאַסיוק, דעם זשאַנדאַרם־מלאך דימיטרי אַנגעל, נעמען מיר, די מלאכימלעך פּישערל און שמואל־אַבא, איבער דעם שור־הבר, כדי אים צוריק צו פירן אין אידישן גן־עדן אַריין.

מיר פאַרפליכטן זיך תיכף צו פאַרלאָזן דעם גויאישן גן־עדן, זיך נישט אומקוקן און זיך נישט אָפּשטעלן אין ערגעץ ביז דער גרענעץ. מיר נעמען צו קענטעניש, אַז דער זשאַנדאַרם־מלאך דימיטרי אַנגעל וועט אונז באַגלייטן דעם גאַנצן וועג און מיר וועלן זיך אונטערוואַרפן זיינע באַפעלן".

מיר האָבן זיך אונטערגעחתמעט אויף דעם דאָזיקן פּאַפּיר און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

דער שור־הבר האָט זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס, אַזוי אָפּגעַ וואוינט איז ער שוין געווען פון גיין. דימיטרי אַנגעל, דער רשע, האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטן, ער האָט געזעצט די נשמה:

— היידאַ, זשידקי!

מיר האָבן אַרויסגעטריבן דעם שור־הבר פונ'ם שטאַל... פּישערל האָט אים געפירט פאַר איין האָרן און איך פאַרן צווייטן, הינטער אונז איז געפלויגן דימיטרי אַנגעל. ער האָט זיך געדרייט די וואַנסעס און קאָמאַנדעוועט:

— זשידקי, נאַ פּראַווא! זשידקי, נאַ לעוואָ!

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. דער גן־עדן־שליאַך אַ שטויביקער (מיר זענען געגאַנגען צופוס, צוליבן שור־הבר), אין האַלז איז געוואָרן טרוקן. נאָר דער רשע האָט געזעצט די נשמה, זיך נישט געלאָזט אָפּרוען אויף אַ וויַיל, נישט געלאָזט טרינקען אַ לעק וואַסער. אויב דער ערשטער וועג מיט דעם דאָזיקן אַנטיסעמיט איז געווען נישט צום דערטראָגן, איז דער צוריק־ וועג געווען אָן אמת אָפּקומעניש.

— און דו ביסט געווען גרייט צו פאַרבלייבן מיט אָט די רשעים? — האָב איך געזאָגט צו מיין חבר פּישערל.

דימיטרי אַנגעל האָט זיך אונז נאָכגעקרימט: „כאַל, כאַל, כאַל, טאַטעלע, מאַמעלע, אַ שוואַרץ יאָר" און אַלע מאָל דערלאַנגט אַ שמיץ דעם שור־הבר מיט זיין גומענעם שטעקן.

דעם גאַנצן טאָג זענען מיר געגאַנגען. ס'איז געוואָרן נאַכט. באַרוועסע און הונגעריקע האָבן מיר געפירט דעם שור־הבר פאַר די הערנער, זיך פאַרשאָלטן די טעג און די יאָרן, די גרענעץ האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

זאָל נאָר דער דאָזיקער רשע אַמאָל קומען אין אידישן גן־עדן אַריין.
— האָב איך געטראַכט, — וועל איך מיט אים שוין לערנען בלק. דערוויל מוז מען ליידן און אַ מכה וועט דער רשע וויסן, אַז ס׳טוט אונז וויי...

נאָר, אַז די לבנה איז אויפגעגאַנגען, האָט זיך פישערל נישט געקאָנט איינהאַלטן און ער האָט אָפּגעזיפצט. די לבנה האָט אים דערמאָנט דעם וואַלד־מלאכס טעכטערל.

דימיטרי אַנגעל האָט זיך צעלאַכט בייז און שטעכיק:

— ניטשעוואָ, זשידקי, ניטשעוואָ.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. פונקט אַנטקעגן מיטן־נאַכט האָט דימיטרי אַנגעל אַ געשריי געטאָן „סטאָי!" מיר זענען שטיין געבליבן פאַרציטערט. ער האָט אַ דריי געטאָן די וואָנסעס און אונז באַפוילן, מיר זאָלן פאַר אים טאַנצן „מה־יפית".

לכתחילה האָבן מיר נישט געוואָלט, נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן פּאַכען מיטן גומענעם שטעקן איבער אונזערע קעפּ, האָבן מיר נישט געהאַט קיין ברירה און מיר האָבן געמוזט טאַנצן.

נאָך היינט צו טאָג, אַז איך דערמאָן זיך אין יענער לבנה־נאַכט אין מיטן וועג, כאַפּט מיך אָן אַ גרויל. מיר האָבן געטאַנצט, זיך געדרייט, גע־וואָרפן, געפּאַטשט מיט די פליגל. דער שווייס איז גערונען עמערוויז און ער, דער רשע, איז געפלויגן איבער אונז, געפאָכעט מיטן גומענעם שטעקעלע און געקייכט פאַר געלעכטער.

אַז מיר האָבן שוין גוט אָפּגעטאַנצט, זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס, האָט דער רשע אַרויסגענומען אַ שטיק חזיר און אונז באַפוילן צו עסן!

מיר האָבן זיך געוועהרט מיט אַלע כוחות, אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אידישע מלאכים טאָרן נישט עסן קיין חזיר. נאָר גיי רעד צו דער וואַנט. דער רשע האָט זיך איינגעשפּאַרט און מיר האָבן געמוזט טועם זיין.

מיר האָבן געגעסן און זיך געקרימט, ס׳האָט געשלאָגן צו דער גאַל. אונזער קרימען זיך האָט אים, ווייזט אויס, הנאה געטאָן. ער האָט זיך געטרייסלט פאַר געלעכטער.

מיר האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. פאַרשעמטע, דערנידע־ריקטע. איך האָב געזאָגט צו מיין חבר:

— פישערל, געדענק, קיינער אין גן־עדן טאָר נישט וויסן, אַז מיר האָבן געגעסן חזיר. מען וועט אונז עוקר מן השורש זיין. געדענק, פּתח־שין — שאַ.

מיר זענען אַפּגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט, דעם גאַנצן טאָג און ערשט פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ. מיר האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

דימיטרי אַנגעל האָט איבערגעגעבן אַ פּאַפּיר דעם הייליקן פּעטרוס און זיך מיט אונז אָפּגעזעגנט:

— דאָסווידאַניאַ, זשידקי!

דער אַלטער פּעטרוס האָט אָנגעטאָן די ברילן און גענומען לייענען דאָס פּאַפּיר. אין דער צייט, וואָס ער האָט געלייענט, האָבן מיר זיך אָפּגערוט, אָפּגעאָטעמט. דער שור־הבר איז געשטאַנען, כאָטש מעלק אים אויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אַן אמתער המן, דער דימיטרי אַנגעל, — האָט זיך אָפּגערופן דער דיין, — און אַזוינס האַלט מען אין גן־עדן. מען זאָל נאָר באַהיט און באַוואָרנט ווערן.

— געלויבט איז הש״י, — האָט אָפּגעאָטעמט דער רב, — אַבי דער שור־הבר געפינט זיך שוין צוריק אין אונזער גן־עדן. איך שטעל זיך פאָר די גדולה פון די צדיקים, ווען מען האָט אים צוריקגעבראַכט.

פרעגט שוין נישט, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן. ס׳איז געווען אַ גאַנצער פּאַראַד. נאָר וועגן דעם וועל איך דערציילן מירצעשעם מאָרגן. איצט בין איך מיד.

מיין טאַטע איז געזעסן, ווי פאַרגולמט. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיר.

די מאַמע איז צו מיר צוגעלאָפן, מיך אַרומגעכאַפּט קושן און בשעת־מעשה געשאָלטן דימיטרי אַנגעל מיט טויטע קללות.

— דער שלאַק האָט אים געזאָלט טרעפן, אָט דעם דימיטרי רשע, ס׳אַראַ געברענטע צרות ער האָט דיר אָנגעטאָן. ס׳זאָל אים וואַרפן פון איין עק גן־עדן ביז צום אַנדערן, אַזוי לאַנג, ביז איך וועל זאָגן, אַז ס׳איז גענוג.

זי האָט מיך גענומען אויף די הענט און מיך אַריינגעלייגט אין וויגל. איך האָב נאָר געהערט, ווי דער גביר ר׳ מיכל הורוויץ זאָגט עטלעכע מאָל: „זאָנדערבאַר".

איך האָב נאָך געפילט דער מאַמעס קוש אויף מיין בעקל און ווי אין חלום האָב איך געהערט, ווי די אורחים געזעגענען זיך מיטן טאַטן.

איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

XIII

דער פּאַראַד לכבוד דעם שור־הבר

דעם אַנדערן אויפדערנאַכט, ווען דער רב, דער דיין און דער גביר ר׳ מיכל הורוויץ זענען געזעסן ביי אונז אין שטוב, האָב איך נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און ווייטער דערציילט:

— קוים זענען מיר, דאָס הייסט איך, מיין חבר פישערל און דער שור־הבר, אַריבער די גרענעץ פונם אידישן גן־עדן, האָבן מיר דערהערט דאָס שאַלן פון אַ טרומייט. דאָס האָט גימפּל, דער אידישער גרענעץ־מלאך, צו וויסן געטאָן, אַז מיר זענען דאָ, אַז דער שור־הבר געפינט זיך שוין אויף דער אידישער גן־עדן־טעריטאָריע.

פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואַקסן אַ צענדליק גן־עדן־פּאַסטוכער. זיי האָבן געפירט אויף אַ שטריק אַ צענדליק פּעטע, בכבודיקע גן־עדן־קי — די ווייבער פונם שור־הבר. די קי זענען געווען באַצירט מיט פאַרשידנ־פאַרביקע סטענגעס לכבוד דעם ליבן גאַסט, זייער מאַן, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער פרעמד.

גימפּל, דער גרענעץ־מלאך, האָט אונז געגעבן אַ צייכן, אַז מיר זאָלן אָפּטרעטן. די ערשטע זעאונג געהער צו דער פאַמיליע. די קי האָבן געדרייט מיט די עקן, געוואונקען צו זייער מאַן, אים באַגריסט אויף זייער לשון:

— ס׳קאַצל קומט, טייערער! מיר האָבן געווייגט דורך די נעכט, נישט געוואוסט, וואָס איבערצוטראַכטן. געלויבט השי״ת, וואָס מען זעט זיך געזונט.

מיר אַלע זענען אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, באַהאַלטן זיך צווישן די ביימער, כדי נישט צו שטערן די דאָזיקע פאַמיליע־סצענע.

אַן ערך אַ שעה צייט זענען מיר געלעגן באַהאַלטן צווישן די ביימער. מיין חבר פישערל האָט אין דער צייט דערציילט די פּאַסטוכער, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין גויאישן גן־עדן.

ווען מיר זענען אַרויס פון צווישן די ביימער, האָבן מיר נאָר געזען, ווי דער שור־הבר לעקט איינע פון זיינע פּלוניתטעס, די חנעוודיקע קראַסע מיטן שוואַרצן פלעק אויפן שטערן.

— פאַר היינט וועט זיין גענוג, — האָט געזאָגט גימפּל דער גרענעץ־

מלאך. — איצט דאַרף מען אָנצינדן אַ פייער אויפן באַרג, צו וויסן טאָן די צדיקים פונם גן־עדן די פריילעכע בשורה.

עטלעכע פאַסטוכער זענען אַוועק. זיי האָבן זיך אַרויפגעדראַפעט אויפן הויכן גן־עדן־באַרג, וואָס געפינט זיך פאַזע דער גרענעץ. זיי האָבן צעלייגט אַ פייער, אַז מען האָט עס געקאָנט זען אויף מיילן־וויט אַרום.

ווען די פאַסטוכער זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי אונז דערציילט, אַז תיכף ווי זיי האָבן אָנגעצונדן דאָס פייער, האָט זיך באַוויזן אַ פייער אויף אַ צווייטן באַרג און כהרף־עין האָבן זיך צעפלאַקערט פייערן אויף אַלע גן־עדן־בערג.

— די צדיקים קערן שוין וויסן, אַז מיר זענען דאָ, פישערל.

— אַ גדולה אויף מיין באָבען, — האָט אַ וואָרטשע געטאָן מיין חבר און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף יענער זייט גרענעץ און כ׳האָב אַ ציטער געטאָן. דאָרט אויף יענער זייט געפינט זיך דער רשע דימיטרי אַנגעל. נאָר אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיר זענען שוין איבערגעקומען, איז מיר געוואָרן לייכטער אויף דער נשמה.

איך האָב באַטראַכט די לבנה פון יענער זייט גרענעץ און די לבנה אויף אונזער זייט און איך בין געקומען צום אויספיר, אַז זייער לבנה איז אַ פאַרזעעניש און אונזער לבנה איז אַ לבנה נאָר צום מחדש זיין.

גימפל דער גרענעץ־מלאך האָט געטאָן אַ פייף. מיר און די אַנדערע פאַסטוכער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים.

— מען דאַרף מחדש זיין די לבנה, — האָט גימפל געזאָגט, — און דערנאָך זיך לייגן שלאָפן. מאָרגן גאַנץ פרי הויבט זיך אָן דער פאַראַד לכבוד דעם שור־הבר.

מיר האָבן מחדש געווען די לבנה, געשפרונגען קעגן איר, געפאָכעט מיט די פליגל. די לבנה האָט זיך געטאָפּיעט פאַר נחת, געוואָרן פולער און ליכטיקער.

די לבנה פונם גויאישן גן־עדן האָט זיך צוגעקוקט צו אַלץ און שיער נישט צעפּוקעט געוואָרן פאַר קנאה. פאַר כעס האָט זי זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן.

גימפל, דער גרענעץ־מלאך, האָט געהייסן די פאַסטוכער, אַז זיי זאָלן

פאַרשפּאַרן די קי אין אַ באַזונדער שטאַל און דעם שור־הבר אין אַ באַזונדער שטאַל און איין וועגס זיי געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס:

— עץ פאַרשטייט, חברה, דער שור־הבר איז אָפּגעשוואַכט. אין איינעם מיט די קי איז אַ נסיון. מען דאַרף שאַנעווען זיין געזונט. אַ בהמה איז פאָרט אַ בהמה.

די פּאַסטוכער האָבן געטאָן ווי דער גרענעץ־מלאך האָט זיי געהייסן. דערנאָך האָבן זיי צעלייגט אַ פייער אויפן פרייען פעלד, זיך אַרומגעזעצט אַרום פייער און געזונגען:

אין פעלד אַנטשלאָפן צו ווערן,
פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין היי,
איז טויזנט, טויזנט מאָל בעסער
איידער דאָרט, וואו ס׳בייסן די פליי.

אין פעלד הערט מען פייגל פייפן
און גרילן טשירקען אין גראָז —
און וואָס האָט דער ווערט, אַ שטייגער,
ווען אַ ווינט טוט אַ קיצל די נאָז.

„האָפּציו!" — צום געזונט און צום לעבן,
„האָפּציו!" — און וואָס דאַרף מען מער,
ווי זען די פריצה — לבנה
זיך חנדלען אַהין און אַהער.

איך און מיין חבר פישערל זענען געלעגן אויפן גראָז נישט ווייט פונם פייער, מיר האָבן געציילט די שטערן.

— וויפל האָסטו שוין איבערגעציילט, פישערל?

— אַ מיליאָן מיט זעקס און ניינציק.

— און איך — אַ מיליאָן מיט זיבן און ניינציק.

— זאָגסט אַ ליגן, שמואל־אַבא.

— איך קאָן דיר שווערן, אויב דו ווילסט —

— שווער דיך.

— שיקסלעך, ביקסלעך... איצט גלויבסטו מיר שוין?

פישערל איז טרויעריק געוואָרן. מיין שבועה „שיקסלעך, ביקסלעך" האָט אים דערמאָנט דעם וואַלד־מלאכס טעכטערל אַניעלאַ. איך האָב אים אַ טאָרע געטאָן:

— וויסטו וואָס, פישערל? לאָמיר נאָכאַמאָל ציילן פון אָנהויב!

— איך וויל נישט, שמואל־אַבאַ!

איך האָב זיך צו אים צוגערוקט נענטער, אים געגלעט מיט געטריישאַפט דעם לינקן פליגל:

— פאָלג מיך, פישערל, פאַרגעס!

פישערל האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפענע. דעם ווייטיק מוז ער שוין אויסווייטיקן ביז צום דנאָ. דערנאָך וועט ער ווערן אַן אַנדער מלאך.

די פאַסטוכער אַרום פייער האָבן זיך דערציילט מעשיות. איך האָב געפּרוּווט זיך צוהערן, וואָס זיי דערציילן, נאָר איך האָב גאָרנישט געהערט. זיי האָבן דערציילט צו שטיל, כמעט זיך געשושקעט.

— נישט, איז נישט, — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין. איך האָב זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פייער און בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

אינדערפרי האָט אונז אויפגעוועקט אַ ליאַרעם, אַ געטומל. מיר האָבן זיך אויסגעריבן די אויגן, זיך אומגעקוקט תמעוואַטע און נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז געשען. מיר זענען צוגעגאַנגען צו די פאַסטוכער, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ רעדל און געשמועסט. פון זיי זענען מיר געוואויר געוואָרן אָט וואָס:

תיכף ווי ס׳איז געקומען די ידיעה, אַז דער שור־הבר איז שוין דאָ צוריק אין אידישן גן־עדן, האָט זיך יצחק־אָבינו געפעדערט, געהייסן אײַנשפאַנען פערד און וואָגן און זיך געלאָזט צו דער גרענעץ. ער האָט געוואָלט אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט, צי דאָס אָרט, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט אויפן שור־הבר, איז נאָך געגוג פעט.

זאַוול מלאך, דער שמייסער, האָט געשניטן פאַסן פון די פערד, געוויאָקעט און געסווישטשעט מיט דער בייטש און גאַנץ קאַיאָר איז ער אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

— עפן דעם שטאַל, — האָט יצחק־אָבינו געזאָגט צו גימפּל דעם גרענעץ־מלאך, — איך וויל זען דעם שור־הבר.

גימפּל האָט נישט געוואָלט. דער שור־הבר איז מיד, זאָל ער נאָך שלאָפן אַ שעה צוויי, זיך אויסרוען די ביינער.

יצחק־אָבינו האָט זיך איינגעקשנט: שוין און תיכף. ער וויל אַנטאַפּן, מיט די אייגענע הענט, וואָרעם נאָר אַזוי, וועט ער וויסן, אַז ס׳איז נישט קיין חלום.

מיר, דאָס הייסט איך און פישערל, זענען צוגעלאָפן צום גן־עדן־שטאַל, מיר האָבן געטראָפן יצחק־אָבינו מיטן גרענעץ־מלאך. זיי האָבן זיך נאָך אַלץ געאַמפּערט. יצחק־אָבינו איז שוין געווען הייזעריק פון שרייען.

— שוין זאָלסטו עפענען דעם שטאַל, זאָגט מען דיר. די רגע, שוין!

אויסגעפירט דאָס זייניקע האָט טאַקע יצחק־אָבינו. גימפּל האָט געעפנט דעם שטאַל און אַריינגעלאָזט יצחקן מיטן שמייסער. מיר האָבן אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט זען, וואָס זיי טוען.

— ס׳איז דאָ אַ סימן פון קרייד אויפן שור־הבר, זאַוול?

— יאָ, הייליקער רבי, — האָט זאַוול געענטפערט מיט זיין באַסאָווער שטים.

— וואו איז דער סימן, זאַוול?

זאַוול־מלאך, דער שמייסער, האָט גענומען יצחקס האַנט און זי צוגעפירט צו דעם אָרט, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט מיט קרייד.

יצחק האָט געטאַפּט, געטאַפּט און דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ס׳איז נישט דאָס אָרט, זאַוול. דאָס אָרט, וואָס איך האָב אָפּגעצייכנט, איז געווען פעט.

זאַוול האָט אים פאַרזיכערט, אַז נאָר אויף דעם אָרט געפינט זיך אַ סימן פון קרייד. קיין אַנדער סימן זעט ער נישט. בכלל איז דער שור־הבר נישט דאָס, וואָס געווען. סאַמע הויט און ביינער.

יצחק־אָבינו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיך צעוויינט. די טרערן זענען אַראָפּגערונען פון הינטער די שוואַרצע ברילן.

זאַוול שמייסער האָט אים געטרייסט:

זאָרגט זיך נישט, הייליקער צדיק, מירן אים צוריק אויספּאַשען, אָט דעם... ווי הייסט ער דאָרט... דעם שור־חמור.

איך האָב אַ שטויס געטאָן מיין חבר:

— דו הערסט, פישערל... שור־חמור... אַ פערדישן קאָפּ האָט ער, אָט דער זאַוול־מלאך.

מיר האָבן געזען, ווי יצחק־אָבינו הויבט זיך אויף, זאָוול מלאך טרייסלט אים אָפּ די זשופּיצע.

— איר׳ט זען, הייליקער צדיק, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט איר אים נישט דערקענען.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, זאָוול, — האָט אָפּגעזיפצט יצחק־אָבינו.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטאַל. זאָוול שמייסער האָט געפירט דעם בלינדן יצחקן אונטערן אָרעם.

— פּאַמעלעך, הייליקער צדיק, דאָ ליגט אַ שטיין!

די זון האָט שוין פעסט געוואַרעמט, איבער אונזערע קעפּ האָבן גע־צוויטשערט פייגל. בלאָע גן־עדן־שוואַלבן האָבן געקרייזט אַנטקעגן דער זון. ס׳האָט געשמעקט מיט היים, מיט אייגנס און ס׳איז מיר געווען וואויל ווי די וועלט.

מיר האָבן געדאַוונט שחרית אין מיטן פעלד. זאָוול מלאך דער שמייסער האָט געהאַקט אַזעלכע גרייזן, אַז מיר האָבן זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן.

תיכף נאָך שחרית זענען אָנגעקומען די קלעזמער פון גן־עדן. דאָס האָט מען זיי אַרויסגעשיקט צו דער גרענעץ, זיי זאָלן באַגלייטן דעם שור־הבר מיט מוזיק דעם גאַנצן וועג. אָנגעפירט מיט די קלעזמער האָט מרים הנביאה. זי איז געווען אַ קליינע, אַ מאָגערע, מיט קלייען אויפן פּנים. ווי אַזוי זי האָט געקאָנט דערטראָגן די גרויסע פּויק, איז געווען ממש אַ חידוש.

מיר, איך און פישערל, האָבן אַרויסגעפירט דעם שור־הבר פון שטאַל. די הערנער פונם שור־הבר האָט מען באַצירט מיט בלאָ־ווייסע סטענגעס. מיר האָבן געוואַרט אויפן סיגנאַל, מיר זאָלן רירן פון אָרט.

גימפּל, דער גרענעץ־מלאך, האָט איינגעשטעלט דעם סדר. פאָרויס די קלעזמער, נאָך די קלעזמער דער שור־הבר. איך פון דער רעכטער זייט פונם שור־הבר, פישערל אין דער לינקער זייט. הינטער אונז די פּאַסטוכער מיט די קי און צום סוף, אחרן־אחרון חביב, יצחק־אָבינו אין זיין זילבערנער קאַרעטע.

גימפּל דער גרענעץ־מלאך האָט דריי מאָל געשאַלט אין זיין האָרן. מרים הנביאה האָט געגעבן אַ צייכן די קלעזמער, די מוזיק האָט אַ זעץ געטאָן און מיר האָבן גערירט פונם אָרט.

איבערגעבן אין ווערטער די פרייד, וואָס האָט אונז אַרומגענומען, בין איך נישט אימשטאַנד. אויב איר קאָנט זיך פאָרשטעלן פורים און שמחת־תורה אין איין טאָג, וועט איר ערשט האָבן אַ באַגריף פון אַ צענט־חלק יום־טוב, וואָס מיר האָבן געהאַט.

די קלעזמער זענען געגאַנגען פאָרויס און געשפּילט, אַנטקעגן אונז האָט געטאַנצט מרים הנביאה, געפּויקט אין דער פּויק און געזונגען:

וואויל איז צו דיינע צדיקים, ישראל,
ס'האָט שוין געהאַלטן זייער שמאַל,
איצט איז שוין ווייטער גוט,
מיר פירן דעם שור־הבר צוריק,
און טאַנצן פאַר פרייד און וויינען פאַר גליק,
און אַלץ איז שוין ווייטער גוט.

ווער ס'האָט נישט געזען מרים הנביאה טאַנצן, האָט קיין שיינס נישט געזען אין זיין לעבן... דעם גאַנצן וועג האָט זי געהאָפּקעט, זיך נישט אָפּגערוט אויף קיין רגע. דער שוויס האָט פון איר געגאָסן עמערוויז, דאָס שייטל האָט זיך איר פאַררוקט אין אַ זייט און זי — גלייך גאָרנישט. געזעצט אין דער פּויק און ווייטער געטאַנצט און ווייטער געזונגען:

לאָזט שאַלן דעם האָרן
און בלאָזן דעם טרומייט.
דער שור־הבר קומט,
דער שור־הבר גייט.
אַז וואויל איז צדיקים צו אייך,
אַז גוט און אַז וואויל איז צו אייך.

דער שור־הבר איז געגאַנגען ערנסט און פייערלעך. געשטעלט טריט ביי טריט. ער האָט געפילט, משמעות, אַז ער איז היינט דער מיוחס, אַז לכבוד אים טאַנצט מען און מען שפּילט. ער האָט אַלעמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיינע ווייבער די קי, וואָס זענען געגאַנגען הינטער אים, ווי איינער רעדט:

— עץ זעט, ס'אַראַ כבוד מען טוט מיר אָן.

די קי' האָבן אים אָפּגעענטפערט מיט אַ שאָקלען פון זייערע קעפּ:

— מיר האָבן תמיד געוואוסט, אַז דו ביסט נישט אַבי ווער, — און זיי האָבן פאַר פרייד געוואָרפן שמעקעדיק קי־מיסט הינטער זיך.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טויער פון דער גן־עדן־שטאָט.

— וואָס שימערט דאָרטן, פישערל, דו זעסט?

פישערל האָט זיך שאַרף איינגעקוקט:

— איך זע, שמואל־אַבא, ס'איז אַ רעגנבויגן. מען האָט אים אויפגעהאָנגען אויפן שטאָט־טויער, מסתמא, לכבוד דעם שור־הבר.

— ס'וועט זיין דער אמתער פאַראַד, פישערל.

מיר זענען שטיין געבליבן פאַרן טויער. דער שטאָט־וועכטער, שמחה־מלאך דער רויטער, האָט געבלאָזן אין זיין האָרן: „טרו־טו־טו־טו, טרו־טו־טו־טו־טו, דער שור־הבר איז דאָ"...

דער טויער האָט זיך געעפנט. די קלעזמער זענען אָפגעטראָטן אין אַ זייט. אברהם אָבינו, דער עלטסטער פון די אָבות, איז אַרויסגעקומען, הינטער אים האָבן זיך געשפּאַרט אַ מחנה צדיקים.

אין איין האַנט האָט אברהם אָבינו געטראָגן אַ בינטל היי, אין דער צווייטער אַ טאָפּ זאַלץ. ער איז צוגעגאַנגען צום שור־הבר, אים דערלאַנגט דאָס בינטל היי און זאַלץ. דער שור־הבר האָט שמעק־געטאָן צום היי, אַ לעק־געטאָן דאָס זאַלץ און אברהם אָבינו האָט געהאַלטן אַ דרשה:

„אין נאָמען פונם גאַנצן אידישן גן־עדן און אין נאָמען פון דער גן־עדן־שטאָט, באַגריס איך דיר, שור־הבר"...

אַ בלינדער האָט אַפילו געקאָנט זען, אַז אברהם אָבינו האָט אַ טרעמע, נאָר ער האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות און ווייטער גערעדט:

„כאָטש דו האָסט אונז פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש מיט דיין אַנטלויפן, ווילן מיר דיך פונדעסטוועגן נישט באַשטראָפן. דיין אָפּקומעניש ביסטו שוין אָפּגעקומען ביי „זיי" און מיר נעמען דיך אויף מיט פרייד. לכבוד דיר האָבן מיר אָנגעצונדן רעגנבויגנס איבער דער גאַנצער גן־עדן־שטאָט. יעדער רעגנבויגן קאָסט אַ פאַרמעגן. נאָר מיר האָבן נישט געקוקט אויף קיין געלט, כדי צו וויזן ווי דו ביסט אונז טייער. זע־זשע, שור־הבר, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו מער נישט מאַכן אַזוינע פוילע שטיק. האַלט דיך סטאַטעטשנע, לעב דיר אין וואוילטאָג, וויפל ס'איז דיר באַשערט. דו ביסט דאָך עפּעס דער שור־הבר און נישט קיין פערד".

פאַר לויטער טרעמע האָט אברהם אָבינו אַזש אָנגעהויבן צו גראַמען.

ער איז געווען ווייס ווי די קרייד. די באָרד האָט אים געציטערט, געוואָלט אָוועקפליען. ער האָט זי צוגעהאַלטן מיט דער רעכטער האַנט און שווער־אָטעמדיק פאַרענדיקט:

„זיי באַגריסט, שור־הבר, צווישן די הייליקע צדיקים!"

דער שור־הבר האָט עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן מיטן עק, געדאַנקט אויף דעם אופן פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס מען טוט אים אָן. די קי, וואָס זענען געשטאַנען הינטער אים, זענען זיך צעגאַנגען פאַר נחת.

הינטער אברהם אָבינוס רוקן איז געוואָרן אַ שטופּעריי, אַ טומלעריי, עמעצער האָט געשריגן:

— אַנטקעגן דעם, וואָס איר האָט געזאָגט, ר׳ אברהם, האָב איך אַ משל. אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט דריי...

— לאָזט אָפּ מיט אייערע משלים, דובנער מגיד, — האָט אברהם אָבינו אַ זאָג געטאָן, — די משלים באַהאַלט אויף אַן אַנדערש מאָל, איצט איז נישט די צייט פאַר משלים.

— ס׳וועט אייך באַנג טאָן, ר׳ אברהם. דער משל איז אַ טייערער משל און דער נמשל איז אַ גאָלדענער נמשל...

—מען דאַרף נישט... מען דאַרף נישט, — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

שמחה מלאך דער רויטער האָט נאָכאַמאָל געבלאָזן אין האָרן: „טרו־טו־טו, טרו־טו־טו־טו־טו. דער שור־הבר איז דאָ, ברוך הבא". מרים הנביאה האָט אויפגעהויבן די האַנט. די קלעזמער האָבן אַ זעץ געטאָן אויף זייערע כלים און אַלע, מיטן שור־הבר אין דער מיט, האָבן דורכמאַרשירט דורכן טויער אין דער גן־עדן־ שטאָט אַריין.

איבעראַל האָבן געפלאַקערט רעגנבויגנס אין פאַרשידענע קאָלירן. אין די רייכערע געגנטן האָט יעדעס הויז אָנגעצונדן אַ רעגנבויגן. אין די אָרעמע — יעדעס געסל.

דאָס ליכט האָט געבליצט, געשימערט. עס האָט אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. די מוזיק האָט געהאַלטן אין איין שפּילן. אַלצדינג איז געווען ווי אין אַ חלום.

אין דער דריי־אָבות־אַליי האָט מען זיך פאַרהאַלטן. דאָ איז פאַרגעקומען די גרויסע דעפילאַדע. אַן ערן־וואַך פון געקליבענע צדיקים האָט זיך געשטעלט נעבן שור־הבר.

— אכטונג!

קודם האָבן פאַרביימאַרשירט די גן־עדן־העגער. פאַרויס איז געגאַנגען דער עלטסטער גאַלאַגאַנער האָן פון שלמה המלכס גיטער. די קאָמאַנדאָס פונם גאַלאַגאַנער האָן האָבן געקלונגען שאַרף און ענערגיש: „קוקוריקו! קוקוריקו!"

דערנאָך האָבן פאַרביימאַרשירט די גן־עדן־ציגן. דער קאָמענדאַנט איז געווען אַ צאַפּ מיט גרויסע הערנער און אַ בערדל. וואָס האָט שטאַרק דערמאָנט דאָס בערדל פון פישערלס טאַטע, דעם מלאך שלמה־זלמן דעם לאַטוטניק.

אַ קאָמפּאַניע אָקסן, אַ קאָמפּאַניע גאַנערס, איינס און איינס געקליבענע. יעדער מין האָט צוגעשטעלט צו דער דעפילאַדע דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. דאָס פאַרביימאַרשירן האָט געדויערט גאַנצע דריי שעה אויפן זייגער. די גאַנצע צייט האָבן געקרייזט אין דער לופטן שטאָלצע גן־עדן־אָדלערס.

איך האָב אַליין געהערט, ווי אברהם אָבינו האָט געזאָגט צו יצחקן, אַז פון זינט ער געפינט זיך אין גן־עדן, האָט ער נאָך נישט געזען אַזאַ פאַראַד.

— דאָס, וואָס דער שור־הבר האָט זוכה געווען, — האָט ער צוגעגעבן, — האָט קיינער נישט זוכה געווען.

— אַז משיח וועט קומען, וועט מסתמא זיין אַ גרעסערער פאַראַד, — האָט זיך אָנגערופן אַ צדיק הינטער אברהמס פּלייצע, וואָס האָט זיך צוגע־הערט צום שמועס.

— אוי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס, — האָט אָפּגעזיפצט יצחק אָבינו.

נאָך דער גרויסער דעפילאַדע איז מען ווייטער געגאַנגען. מיר, איך און פישערל, האָבן געפירט דעם שור־הבר ביי די הערנער. ביי די זייטן איז געגאַנגען די ערן־וואַך און הינטער אונז דער גאַנצער עולם.

די צדיקים הינטער אונז האָבן זיך געשטופּט. יעדער האָט געוואָלט זיין וואָס נעענטער צום שור־הבר. מען האָט זיך געשטויסן מיט די עלנבויגנס, זיך אָפּגעטראָטן איינער דעם אַנדערן די הינער־אויגן.

— וואו זענען אייערע אויגן, -פּעטער?

— און אייערע וואו זענען?

— געוואַלט, אידן, אויפן סאַמע בעסטן הינער־אויג האָט ער מיר אָנגעטראָטן.

— דאָס סאַמע בעסטע לאָזט מען איבער אין דער היים, ר' צדוק.

— ווער פרעגט אייך עצות, ווער?

איך בין געווען שיכור פון דער מוזיק, פון דעם ליכט, וואָס האָט געפלייצט פון אַלע זייטן.

— פישערל, אַיאַ ס'איז שיין!

— שיין זאָגסטו, שוטה. ס'איז שענער ווי שיין!

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום רינג־פּלאַץ. דעם שור־הבר האָט מע אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן פון דעם גרויסן פּלאַץ. די צדיקים האָבן געמאַכט אַ ראָד, זיך אַרומגענומען און געטאַנצט. דער שור־הבר האָט אויסגעגלאָצט די אויגן. אַזויפיל פליענדיקע פיס און בערד האָט ער געזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

— שטאַרקער, אידן! פריילעכער, צדיקים!

די, וואָס זענען געשטאַנען מחוץ דעם ראָד פון די טאַנצנדיקע, האָבן געפּליעסקעט מיט די הענט. מרים הנביאה האָט געפּויקט.

יצחק אָבינו האָט זיך אַריינגעריסן אין מיטן ראָד. אין איין שוך און איין באָרוועס איז ער געשפּרונגען, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ. ער האָט צוגעקנאַקט מיט די פינגער און געשריגן:

— מער שמחה, אידן! פריילעכער, צדיקים!

יצחק אָבינו האָט זיך געפילט דער אמתער מחותן אויף דער שמחה. קיינער אין גן־עדן איז נישט אַזאַ מבין אויף אַ שטיקל פלייש, ווי ער. קיינער אין גן־עדן גאַרט נישט אַזוי נאָך זיין חלק שור־הבר, ווי ער, יצחק אָבינו.

דער טאַנץ איז געוואָרן האַסטיקער, ווילדער. די צדיקים האָבן געסאָפּעט, קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, נאָר קיינער איז נישט אַרויס פונם ראָד.

אַרום צוועלף ביינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע סעודה. מען האָט אַרויסגעשטעלט טישן אויף די גאַסן, אַרויסגעשלעפּט פעסער ביר און בראָנפן. מלאכטעס אין ווייסע פאַרטוכער האָבן געטיילט געבראָטענע גענז, הינער און קאַטשקעס. פאַר די אָבות האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ פעסעלע יין המשומר.

די צדיקים האָבן איינער צום צווייטן געטרונקען „לחיים", זיך געוואונטשן נאָר שמחות אין גן־עדן. דער עגמת נפש זאָל זיין אַן אָפּקומעניש און מער זאָל זיך שוין אַזוינס נישט טרעפן עד עולם ועד.

איבער די קעפּ פון די צדיקים זענען געפלויגן יונגע, שיינע מלאכטעס. דאָס פלאַטערן פון זייערע פליגל האָט אָפּגעקילט די פאַרשוויצטע צדיקים, וואָס האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין.

— זאָל מען זינגען אַ זמרל, — האָט אַ זאָג געטאָן אברהם אָבינו און אָפּגעטרייסלט די קרישקעס פון דער באָרד.

— וואָס טויג אייך אַ זמרל, ר׳ אברהם? — האָט זיך אָפּגערופן דער דובנער מגיד, וואָס איז געזעסן ביים אַנדערן עק טיש. — אָמער וועל איך אייך בעסער דערציילן אַ משל. אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאָט דריי...

— מען דאַרף נישט, דובנער מגיד, הערט שוין אויף צו נודיען מיט אייערע משלים, — האָט אים איבערגעהאַקט אברהם אָבינו.

יצחק אָבינו, וואָס האָט גראָד געהאַלטן ביים דריטן גענזל, האָט אויף אַ ווילע אָוועקגעלייגט דאָס מעסער און זיך צעזונגען:

וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו?

און די צדיקים האָבן געענטפערט אין כאָר:

דעם שור־הבר מיטן לויתן
וועלן מיר עסן אויף דער סעודהניו.

פונדערווייטנס האָט מען געהערט דאָס בגילופינדיקע קול פונם ייד הקדוש. ער האָט געזונגען:

אברהמניו, באַטקאָ טי נאַש,
יצחקניו, באַטקאָ טי נאַש,
יעקבניו, באַטקאָ טי נאַש...

פישערל און איך האָב אויך געכאַפּט אַ „לעק": מיר זענען געווען בגילופין, זיך צוגעהאַלטן איינער דעם צווייטן...

— פישערל, גיב נאָר אַ קוק אויף דער לבנה. זי שאָקלט זיך, דו זעסט?

— זי איז שי...שי...כור, — האָט פישערל קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— ווייסט וואָס, פישערל? לאָמיר זיך אַביסל דורכפליען, זיך אויס־ניכטערן.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן. פישערל איז געפלויגן אַביסל קרום, קיילעכדיק. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן אין דער מעלה. אין אַלע גאַסן, אויף אַלע בולוואַרן זענען געזעסן צדיקים אַרום טישן

און געזונגען זמרלעך. זיי האָבן געפּליעסקעט מיט די הענט און ס׳איז געווען וואויל ווי די וועלט.

פּישערל האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט. ער האָט מיר אַ טאָרע געטאָן ביי אַ פליגל.

— לאָמיר פליִען אין דער דריי־אָבות־אַליי, דאָרט איז שטילער.

מיר זענען געפלויגן אין דער ריכטונג צו דער דריי־אָבות־אַליי. מיט־אַמאָל האָט זיך פּישערל פאַרהאַלטן:

— שמואל־אַבא, דו זעסט דאָרט... דאָרט... ביים לאַמטערן?

איך האָב זיך איינגעקוקט. נעבן לאַמטערן האָב איך געזען אַ מלאך מיט אַ רויטער באָרד. ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און עפּעס געטענהט צום לאַמטערן.

— ס׳איז דאָך שמעון־בער, דער מלאך. ער איז טויט־שיכור, פּישערל.

— וואָס דען האָסטו געמיינט, שמואל־אַבא, שמעון־בער וועט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט און נישט מאַכן קיין כוסה?

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און זיך צוגעהערט צו די רייד פון שמעון־בער, וואָס איז געשטאַנען פאַרן לאַמטערן און זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין:

— איך זאָל אַזוי זיין געזונט מיט דיר אינאיינעם, — האָט זיך שמעון־בער געשוואוירן פאַרן לאַמטערן, — נאָך היינט גט איך זי אָפּ, די סטערווע מיינע, און תיכף נאָכן גט שטעל איך מיט דיר אַ חופּה.

— ער האָט וואַזשנע אַריינגעגאָסן און איצט גייט ער חתונה האָבן מיטן לאַמטערן, — האָב איך געזאָגט.

— מזל־טוב, שמעון־בער, — האָט אַ געשריי געטאָן פּישערל און מיר זענען ביידע אַוועקגעפלויגן.

די דריי־אָבות־אַליי איז אויך געווען פול מיט שיכורע צדיקים. זיי האָבן געליאַרעמט, געזונגען, געפּליעסקעט מיט די הענט. דער טשאַרטקאָווער האָט אַפילו געטאַנצט אין די הוילע תחתונים.

— אַז איבעראַל זענען זיי דאָ און איבעראַל שיכורט מען, — האָט זיך געקלאָגט מיין חבר פּישערל, — מען קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען.

מיר האָבן פאַרקערעוועט אין אַ צווייטער גאַס, ווידער דאָס אייגענע, אין אַ דריטער, אַ צענטער, — אָבער־אַמאָל דאָס אייגענע.

אין יוחנן־הסנדלר־געסל איז געווען שטיל. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט און

זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. מיר זענען געגאַנגען צופוס און כאָטש די לופט איז דאָרט נישט געווען אַזוי אַי, אַי, אַי, האָבן מיר פונדעסטוועגן אָפּגעאָטעמט.

— פּישערל, זע נאָר דאָרט!

אויפן ראָג פונם יוחנן־הסנדלר־געסל איז געשטאַנען אונזער גמרא־מלאך מאיר פּאַרעך. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם קאַנטשיק. ער האָט געקנעלט מיט אַ פּאָר ציגן:

— זאָגט ממזרים, ווייל אַז נישט, וועל איך קאַטעווען צום טויט.

ביי די ציגן האָבן געציטערט די בערדלעך פאַר שרעק. דער גמרא־מלאך האָט געפּאָכעט מיטן קאַנטשיק און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

— ער איז שיכור, פּישערל. ס'איז נישט צום אויסהאַלטן.

מיר האָבן אַ ווײַלע באַטראַכט אונזער מלמד, ווי ער שטייט און קנעלט מיט די ציגן. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מיין חבר:

— לאָמיר גיין אויפוועקן די רביצין. אַז זי וועט דערזען דעם תכשיט מיט די ציגן, וועט ער שוין ביי איר האָבן זיין ערלעך אויסקומעניש.

פּישערל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך וויל נישט, שמואל־אַבאַ. איך וויל אַהיימפליען, איך בין מיד. קום, באַגלייט מיך.

מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם גמרא־מלאך קנעלן מיט די ציגן און מיר זענען געפלויגן אין דער ריכטונג צו דער גן־עדן־לאָנקע, דאָרט, וואו ס'געפינט זיך פּישערלס היים.

צוקומענדיק נאָענט צו דער גן־עדן־לאָנקע, האָבן מיר באַמערקט דעם דובנער מגיד. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט. אויף דער לאָנקע איז געשטאַנען דער שור־הבר און זיך געפּאַשעט. דער דובנער מגיד איז צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט אַ גלעט געטאָן דעם שור־הבר און געזאָגט:

— דיר וועל איך דערציילן דעם משל. ס'אַ טייערער משל מיט אַ גאָלדענעם נמשל. אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט דריי...

XIV

בײַ זיידל־מלאך דעם גן־עדן־פאָטאָגראַף

נאָך דעם גרויסן פאַראַד און דער גרויסער סעודה האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קאָצן־יאָמער אין גן־עדן. די צדיקים האָבן אַביסל איבער־געכאַפּט די מאָס. זיי זענען אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג אַרומגעוויקלט די קעפּ מיט נאַסע האַנטוכער.

איין שמעון־בער דער מלאך איז אויפגעשטאַנען דעם צווייטן טאָג גלייך גאָרנישט. ער האָט אַפילו פאַרגעסן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דעם גאַס־לאָמטערן, אַז ער וועט מיט אים חתונה האָבן.

נאָר ווער קאָן זיך גלייכן צו שמעון־בערן?

ס׳זענען אַוועק אַ סדרה נודנע טעג אין גן־עדן. איין טאָג ווי דער צווייטער, דער צווייטער ווי דער צענטער. די צדיקים האָבן געדאַווענט דריי מאָל אַ טאָג, זייערע ווייבער האָבן געטראָגן דאָס שענסטע צירונג. די אָרעמע מלאכים האָבן געהאָרעוועט, די רייכערע האָבן געפירט דאָס רעדל. דער שור־הבר האָט זיך געפּאַשעט אויף דער גן־עדן־לאָנקע.

נודנע, נודנע גן־עדן־טעג.

יעדן דאָנערשטיק האָט זיך געשטעלט דער יריד, דאָרפס־מלאכים האָבן געבראַכט פון די אַרומיקע דערפער פון כל הגוטס: אייער, פוטער, אויבסטן און גרינסן; דער עיקרשט הינער, גענז, קאַטשקעס און יונגע קעלבלעך. דער יריד־טאָג איז געווען דער פאַרביקסטער טאָג פון דער גן־עדן־וואָך.

נאָך די גרויסע איבערלעבונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט, זענען די יריד־טעג אויך געוואָרן בלייך. דער גאַנצער גן־עדן האָט זיך אונז אויסגעוויזן ווי איין גרויסער געגעץ.

איך האָב זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען, פישערל אַוודאי נישט. מיר האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גן־עדן־גאַסן און בולוואַרן, ווי נישט היגע. פישערל האָט כאָטש געהאַט אַ בענקשאַפט: דאָס טעכטערל פונם וואַלד־מלאך אין גויאישן גן־עדן, און איך — וואָס?

מיר זענען ווייטער געגאַנגען אין חדר צו מאיר פאַרעך, דעם גמרא־מלאך. דער קאָנטשיק האָט געפייפט איבער אונזערע קעפּ. מיר האָבן

שטילערהייט געבעטן גאָט, אַז דער שור־הבר זאָל נאָכאַמאָל אַנטלויפֿן, מיר זאָלן האָבן וואָס צו טאָן.

דער שור־הבר איז אָבער נישט אַנטלאָפֿן. ער איז געשטאַנען רואיק אויף דער גן־עדן־לאָנקע, זיך געפּאַשעט און צוגענומען אויף דער וואָג. די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין גויאישן גן־עדן, האָבן אים אָנגעלערנט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל.

און די טעג זענען געווען נודנע, ווי דאָס מעלה־גרהן פֿונם שור־הבר.

פֿישערל איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרחלומטער. אין די נודנע גן־עדן־טעג איז זיין בענקשאַפֿט געוואָרן שאַרפֿער, ווייטיקדיקער. האָט מען צו אים גערעדט, האָט ער נישט געענטפֿערט; האָט מען אויף אים געשריגן, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון יענער וועלט: האַ? וואָס? אַן אמתער צעטראָגענער מלאך.

מאיר פֿאַרעך דער גמרא־מלאך האָט אים איינמאָל אָפּגעשטעלט ביים לערנען:

— פֿישערל, וואו האַלט מען?

פֿישערל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿונם שלאָף:

— מען האַלט... רבי, מען האַלט...

דער גמרא־מלאך איז געוואָרן אין כעס. זיינע אויגן זענען געוואָרן שטעכיק און שאַרף. ער האָט אַ פּאַכע געטאָן מיטן קאַנטשיק.

— מען האַלט, מען האַלט. לאָמיך נאָר זען, וואָס דו האַלטסט דאָרט אין דער האַנט, ממזר?

פֿישערל האָט נישט געוואָלט עפֿענען די האַנט. דער גמרא־מלאך האָט אים מיט געוואַלט אויפֿגעמאַכט די האַנט און זיך צעשמייכלט:

— אַזוי גאָר, תכשיט? אַ בינטל האָר פֿון אַ נקבה. הם... הם... הם... וועמענס קאָנען זיי זיין... לאָמיך נאָר אַ טראַכט טאָן. די מאַמע האָט שוואַרצע האָר... דיין שוועסטער... הם, הם... און דאָס זענען גאָר בלאָנדע... אַזוי, אַזוי, מיט האָר פֿון אַ שיקסע שפּילסטו זיך גאָר און דערפֿאַר ווייסטו נישט וואו מען האַלט.

פֿישערל איז רויט געוואָרן, דער רבי האָט באַטראַכט די פּאַסמע האָר, געניוכעט באַשמעקט און מיט אַמאָל האָט ער אַ זאָג־געטאָן:

— פֿישערל, לייג זיך!

פֿישערל האָט געשריגן, געוויינט, געקוויטשעט, נאָר ס'האָט אים גאָר־

נישט געהאָלפן. דער גמרא־מלאך האָט אים אַריינגעצימבלט און בשעת־מעשה זיך צוגעזונגען:

— מיט האָר פון אַ שיקסל וועסטו זיך שפּילן, ממזר... צוועלף, דרייצן, פערצן, פופצן... מיט טריפה־פסולן וועסטו זיך שפּילן... פופצן זעכצן, זיבעצן...

דער רבי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט. די פּאַסמע האָר האָט ער איינגעוויקלט אין אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר, זיך געמאַכט אַ פּאַפּיע־ראָס, אָנגעצונדן און גענומען רויכערן.

— אַ טייערער פּאַפּיעראָס... או־וואַ, או־וואַ, שוין לאַנג נישט גע־רויכערט אַזאַ שמעקנדיקן פּאַפּיעראָס.

פישערל האָט געזען ווי דער אָנדענק, וואָס אַניעלאַ האָט אים געגעבן, ווערט רויך. דער רויך שלענגלט זיך אַרויס דורכן פענסטער און ווערט נישט. ער האָט פאַרביסן די ציין. געשוואוירן ביי זיך אין האַרצן נקמה. ער וועט אים דערפאַר באַצאָלן, דעם גזלן, דעם גמרא־מלאך מאיר פאַרעך, אַז ער וועט אים געדענקען דאָס גאַנצע לעבן.

עטלעכע טעג איז פישערל נישט געקומען אין חדר אַריין. מיר איז געווען שטאַרק אומעטיק אָן אים. אפשר איז ער קראַנק? — האָב איך געטראַכט און בין געגאַנגען צו אים אַהיים.

— וואו איז פישערל? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס הייסט וואו? אין חדר, — האָט מיר געזאָגט פישערלס מאַמע חנה־דבורה.

איך האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז מיין חבר האָט גאָרנישט דערציילט אין דער היים. דער מאַמען זאָגט ער, אַז ער גייט אין חדר און אַליין בלאָנקעט ער זיך ערגעץ אַרום איבער די גאַסן און בולוואַרן.

אויפן זעקסטן טאָג איז ער געקומען אין חדר אַריין. זיין פּנים האָט געשיינט. ער האָט מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און מיר אַריינגערוימט אין אויער:

— ווייסט, שמואל־אַבא, אביגדב דער בריוו־מלאך האָט מיר היינט גע־בראַכט אַ בריוו.

— פון וועמען, פישערל?

— שוטה, וואָס פאַרשטייסטו נישט? פון איר, פון אַניעלאַן.

— פונם גויאישן גן־עדן?

— איך האָב געהאַט מזל, שמואל־אַבא. קיינער איז גראָד נישט געווען, ווען דער בריוו־מלאך האָט מיר געבראַכט דעם בריוו. אַז נישט, וואָלט מען מיך גענומען אויפן צימבל. „וואָס פאַר אַ בריוו אין מיצקע־דרינען פונם גויאישן גן־עדן ?"

— ווייז מיר דעם בריוו, פישערל !

— לייענען דעם בריוו, שמואל־אַבא, דאָס נישט. די מאַרקע קאָן איך דיר שענקען.

פישערל האָט אָפּגעקלעפּט די בריוו־מאַרקע און זי מיר אַוועקגעגעבן. די מאַרקע איז געווען אַ גרינע. אויף איר איז געווען אויסגעמאָלן אַ טויב מיט אַ צלמל אויפן האַלז.

— גיב אַכטונג, שמואל־אַבא, דער גמרא־מלאך זאָל ביי דיר נישט דערשמעקן די בריוו־מאַרקע, וועסט כאַפּן שמיץ.

— איך האָב אים אויף דער ערד, פישערל. דו זע, באַהאַלט נאָר גוט דעם בריוו. דער גמרא־מלאך קאָן זיך נאָך פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס פונם בריוו.

— אַ מכה וועט ער אים געפינען, שמואל־אַבא !

דעם טאָג האָט פישערל געלערנט מיטן קנאָק. אינגאַנצן אַן אַנדערער מלאך. נישט צום דערקענען.

דער גמרא־מלאך מאיר פאַרעך האָט געמיינט, אַז זיינע שמיץ האָבן געהאָלפן. ער האָט נישט געוואוסט, דער שוטה, אַז אַ פּאָר געשריבענע ווערטער פון אַ בלאָנדן „טריפה־פּסול" קאָנען מער אויפטאָן ווי אַ מיליאָן שמיץ.

פאַרנאַכט, ווען מיר זענען אַרויס פונם חדר, האָט זיך פישערל נישט געקאָנט איינהאַלטן און מיר געוויזן דעם בריוו. אינגאַנצן אַ פּאָר ווערטער: פישערל, ווען קומסטו נאָכאַמאָל ? — אַניעלאַ.

— ווייסט וואָס, שמואל־אַבא ? מען דאַרף זען, דער שור־הבר זאָל נאָך אַמאָל אַנטלויפן.

— ער וועט שוין מער נישט אַנטלויפן, פישערל. פאַרשטייסט, דאָרט אין גויאישן גן־עדן, געבונדענע פיס און אַ האַלב פונט היי אַ טאָג און דאָ אַזאַ פּאַראַד. וואָס מיינסטו, אַז דער שור־הבר ווייסט נישט דעם חילוק צווישן גוט און שלעכט ?

— איז וואָס־זשע טוט מען, שמואל־אַבא ?

— מען דאַרף צוואַרטן, פישערל. ס׳זאָל זיך נישט טרעפן, וואָס ס׳קאָן זיך טרעפן.

יענעם פאַרנאַכט זענען מיר אַרומגעפלויגן איבערן גן־עדן פריילעכע ביז גאַר. מיר האָבן געכאַפּט שמעטערלינגען, זיך געשפּילט מיט זיי, די שמעטערלינגען האָבן געצאַפּלט אין אונזערע הענט. מיר האָבן זיי אָפּגעלאָזט און געלאַכט פון גאַנצן האַרצן.

מיר זענען פאַרבייגעפלויגן די שטוב, וואו ס'וואוינט זיידל דער גן־עדן־פאָטאָגראַף. אויף אַ באַנק פאַר דער שטוב זענען געזעסן זיידלס דריי טעכטער: שפרה, סלאַווע און טריינע, פאַרזעסענע מלאכטעס מיט זויערע צורות און הויכע בוזימס. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט און, ווי דער שטייגער, באַרעדט דעם גאַנצן גן־עדן.

אויפן דאַך פון זיידלס הויז האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ צענדליק שוואַרצע קאָטערס מיט פאַרהויבענע עקן און גרינע אויגן. אין גן־עדן האָט מען די קאָטערס גערופן „זיידל מלאכס אייניקלעך", ווייל זיידלס טעכטער האָבן זיי אויסגעכאָוועט.

די מלאכים און די צדיקים, וואָס האָבן געוואוינט אין שכנות מיט זיידל מלאך, זענען אַרומגעגאַנגען בייזע, נישט אויסגעשלאָפענע. די קאָטערס האָבן געמיאַוקעט דורך די נעכט, נישט געלאָזט איינשלאָפן. דערפאַר אָבער, אַז ס'האָבן זיך ביי עמעצן אין דער דירה באַוויזן מייז, איז מען געקומען צו זיידל מלאך און זיך ביי אים געבעטן:

— ר' זיידל, זייט אַזוי גוט און אַנטלייט מיר אַ קאָטער!

זיידל האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען:

— ס'זענען דען מיינע קאָטערס... זייט זיך מטריח צו מיינע טעכטער.

— ר' זיידל, די שטשורעס האָבן מיר צעגריזשעט מיינע יום־טובדיקע פליגל. זייט אַזוי גוט און אַנטלייט מיר אַ קאָטער כאָטש אויף איין נאַכט. איר וועט זיך קויפן עולם־הבא.

זיידל מלאך האָט געצויגן מיט די אַקסלען, ווי איינער רעדט: וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף מיר, ס'זענען דען מיינע קאָטערס? ווען זיי וואָלטן געווען מיינע, וואָלט איך זיי שוין פון לאַנג דערטרונקען אין גן־עדן־טייך.

— אַ מלאך אַ רשע, אָט דער זיידל, — האָבן געזאָגט די שכנים און זענען נישט געווען גערעכט, ווייל די רשעים זענען גאָר געווען די טעכטער זיינע, די דריי פאַרזעסענע מיידן, וואָס האָבן געכאָוועט קאָטערס און כאָטש גיב זיי אַ קרענק, נישט געוואָלט העלפן קיין שכן אין אַ נויט.

זיידל מלאך דער גן־עדן־פאָטאָגראַף איז געלעגן ביי זיינע טעכטער

ניין איילן אין דר׳ערד. זיינע רייד זענען ביי זיי געווען — עלעהיי אַ הונט בילט. טאַמער האָט זיך איינע איינגעעקשנט, האָט ער איר אַלץ נאָכגעגעבן און איז נאָך געווען צופרידן, ממש גליקלעך, וואָס זי נעמט נישט איינעם פון זיינע פורים־שפּילן און צערייסט אים נישט אויף שטיק־שטיקלעך.

פון זינט זיין ווייב, די מלאכטע סימע, האָט אים איבערגעלאָזט מיט די דריי קינדער און איז אַנטלאָפן מיט אַ גויאישן מלאך אין גויאישן גן־עדן אַריין, האָט זיידל מלאך געפונען אַ טרייסט אין שרייבן פורים־שפּילן. ער האָט זיי געהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ און ווער ס׳איז צו אים אַריינגעקומען, צי ער האָט יאָ געוואָלט, צי נישט, האָט ער געמוזט אויסהערן זיידלס אַ פורים־שפּיל.

— פישערל, לאָמיר אַריינגיין צו זיידל מלאך!

— כ׳וויל נישט, שמואל־אַבא. ער וועט אונז אָפּנודיען מיט זיינע פורים־שפּילן.

— מיר האָבן דאָך אים צוגעזאָגט, פישערל.

— וועט ער אונז רופן קנאַק־ניסל.

זיידלס טעכטער האָבן באַמערקט, ווי מיר דרייען זיך אַרום הויז. זיי האָבן אַרויפגעשריגן צו אונז אין דער הויך:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרומפליען איבערן דאַך, איר וועט אונז נאָך איבערשרעקן די קאַטערס.

— וועט איר זיי אָפּשפּרעכן אַ „גוט אויג״, — האָט פישערל צו זיי אַראָפּגעשריגן.

— פישערל, הער אויף, איידער אַריינפאַלן צו זיי אין די מיילער, איז שוין בעסער אין גיהנום אַריין, — און צו זיידלס טעכטער האָב איך אַראָפּגעשריגן:

— זיידל מלאך איז דאָ אין דער היים?

— ער איז דאָ, — האָבן זיי אַרויפגעשריגן, — קומט שוין אַראָפּ, בענקאַרטעס, עך זעט דאָך, אַז די קאַטערס האָבן מורא.

איך האָב אַ צי־געטאָן מיין חבר ביי אַ פליגל:

— קום, פישערל!

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. זיידלס טעכטער האָבן אונז באַטראַכט, און מיר זיי. פון דער נאָענט האָבן מיר ערשט געזען ס׳אַראַ מיאוסקייטן דאָס זענען.

— וואו איז דער טאַטע? — האָבן מיר געפרעגט.

די דריי מיאוסע מלאכטעס האָבן זיך צעלאַכט, זיך געשטורכעט איינע די צווייטע מיט די עלנבויגנס. ס׳איז געווען אַן עקל אויף זיי צו קוקן.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין פאָטאָגראַפישן קאַבינעט. זיידל מלאך איז געזעסן ביי אַ טישל און רעטושירט אַ נעגאַטיוו. דער לאָמפּ איבערן טישל האָט שוואַך געלויכטן און זיידלס שאָטן מיט די לאַנגע האָר און די ברילן אויף דער נאָז האָט אַרומגעטאַנצט אויף דער וואַנט, ווי אַ פיגור פון זיינעם אַ פּורים־שפּיל.

— אַ גוטן אָוונט, זיידל!

זיידל מלאך האָט זיך מיט אונז דערפרייט. ער האָט אָוועקגעשטעלט צוויי בענקלעך און אונז געהייסן זיצן.

— גוט, וואָס איר זענט געקומען, חברה. כ׳האָב ערשט נעכטן אָנגעשריבן אַ ניי פּורים־שפּיל: „ביי נחן אין דער תיבה״ — עץ וועט הנאה האָבן פון דעם נח־שפּיל, חברה. אפשר ווילט איר עפּעס? דאָס הייסט, מיט וואָס קאָן איך אייך מכבד זיין? אַ גלעזל טיי מיט איינגעמאַכטס? שיפרה, סלאָווע, טריינע, וואו זענט איר ערגעץ? מען דאַרף אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, מכבד זיין די געסט.

די דריי יפהפיות אין דרויסן האָבן געהערט דעם טאַטן, ווי דעם קאָטער. זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגערופן, נאָר זענען געזעסן ווייטער אין דרויסן און באַרעדט דעם גאַנצן גן־עדן.

זיידל מלאך האָט זיך געמוזט אַליין מטריח זיין און צעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר. ער איז צוריק אַריינגעקומען פאַרשמירט די הענט און דאָס פּנים און געקרעכצט:

— אַז זיי ווילן נישט טאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, די טעכטער מיינע. נישט פאָלגן פון דאַנען ביז אַהין. שיין היטן זיי אָפּ דעם כיבוד־אב, נישטאָ וואָס צו רעדן! הלוואי וואָלטן זיי אַנטרונען געוואָרן מיט דער מאַמען אינאיינעם, וואָלט איך כאָטש נישט איינגענומען קיין בושות.

— וואָס וואַרטשעסטו דאָרטן, טאַטע, — האָט אַריינגעשריגן איינע פון די טעכטער דורכן פענסטער. — ס׳איז דיר שוין ווידער עפּעס נישט רעכט.

— ווער וואַרטשעט, סלאָווע? עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, טעכטערל! נאָ דיר גאָר אַ וואַרטשען, צו מיינע שונאימס קעפּ, — האָט זיך פאַרענטפערט זיידל מלאך.

די טעכטער אין דרויסן האָבן געלאַכט, די קאַטערס אויפן דאַך האָבן געמיאַוקעט. און זיידל מלאך האָט אָנגעגאָסן די גלעזער טיי.

— טרינקטס, חברה, און דערנאָך וועל איך אייך לייענען מיין „נח־שפּיל".

מיר האָבן געזופּט די הייסע טיי. זיידל מלאך האָט זיך אויך אַוועק־געזעצט אַנטקעגן אונז. פישערל האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס מאַכט איר נישט חתונה אייערע טעכטער, ר׳ זיידל?

— פאַרוואָס, פרעגסטו? — האָט אָפּגעזיפצט זיידל מלאך. — ס׳איז גרינג צו פרעגן און שווער חתונה צו מאַכן. ווער אַ שטייגער וועט זיי נעמען, אַז קיין שיינע זענען זיי נישט און דער מינדסטער מלאך הייסט זיך היינט געבן אַ מאַיאָנטעק נדן. פון וואַנען זאָל איך נעמען, האַ? היינטיקע צייטן זענען נישט אַמאָליקע צייטן. אַמאָל פלעגסטו חתונה מאַכן אַ טאָכטער און נישט וויסן אַפילו ווען. היינט, גיב געלט, גיב זיי!

דער אמתער שלים־מזל, אָט דער זיידל מלאך, — האָב איך געטראַכט, — דאָס ווייב איז אַנטלאָפן, כאָטש ער האָט נישט געוואָלט, די טעכטער זענען געבליבן, כאָטש ער וואָלט פון זיי געוואָלט פּטור ווערן. אַז איך וועל ווערן גרויס, האָב איך באַשלאָסן, וועל איך אָנשרייבן וועגן אָט דעם זיידל מלאך אַ פּורים־שפּיל.

זיידל איז געוואָרן אומגעדולדיק. דאָס טרינקען די טיי האָט געדויערט צו לאַנג. ער האָט זיך קוים דערוואַרט מיר זאָלן אויסטרינקען.

— אַניין, איר ווילט שוין נישט מער קיין טיי, — האָט ער אַ זאָג־געטאָן און מורא האָבנדיק, אַז מיר קאָנען חלילה זאָגן „יאָ", האָט ער צוגעגעבן, — צופיל טיי איז נישט געזונט, בפרט זומער־צייט.

מיר האָבן אים צוליב־געטאָן און אים געזאָגט, אַז מיר ווילן מער נישט קיין טיי. זיידל מלאך האָט אונז פאַרבעטן אין שטוב אַריין. דאָרט וועט זיין בעסער צו לייענען. דאָ נעמט דאָס טיש־לעמפּל אַרויס די אויגן.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דער וואוינשטוב. זיידל האָט זיך אַ ווײַלע געפּאָרעט אין אַ שופלאָד און אַרויסגענומען דעם כתב־יד.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די דריי בעטלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין צימער. זיידל מלאך האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ צווייטן בעטל אַנטקעגן אונז. ער האָט אַ הוסט געטאָן און געזאָגט:

— עץ זאָלט מיר נישט איבעררייסן אין דער מיט, חברה. עץ וועט זען, אַז איר וועט האָבן הנאה.

— מיר זענען גרייט צו הערן, ר׳ זיידל.

זיידל מלאך האָט פאַרגראַבן די נאָז אין מאַנוסקריפּט און גענומען לייענען. די קאָטערס אויפן דאַך האָבן געמיאַוקעט.

„ביי נחן אין דער תיבה. נח הצדיק ליגט טויט־שיכור אויף דער ערד. חם און יפת קומען אַריין.

חם: יפתל!

יפת: האָ?

חם: זעסט, דאָרט דרימלט דער פּאַפּאַ.

יפת: אָנגעזשליאָקעט זיך מיט וויין,
וויפל ס׳איז אין אים אַריין,
איצטער פּאָפּט ער ווי אַ בער.

חם: ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? הער,
לאָמיר אָפּטאָן אים אַ שפּיצל.

יפת: מיט אַ שטרויעלע אַ קיצל,
וועט ער מיינען פליגן בייסן?

חם: ניטע, ניטע, גאָט באַהיט,
דער טאַטע איז אַ בייזער איד,
ער וועט אונז מיטן קאַנטשיק שמייסן.

יפת: וואָס־זשע דען?

חם: כ׳האָב אַ פּלאַן.

יפת: לאָמיך הערן.

חם: כ׳מיין, פאַרשטייסט מיך, אים אַנטבלויזן.

יפת: אָפּגעמאַכט. נאָר שטיל און שאַ,
נישט אויפוועקן דעם פּאַפּאַ.

(זיי גייען צו אויף די שפּיץ פינגער. זיי דעקן אָפּ נחן, וואָס שלאָפט ווי אַ געהרגעטער, דערנאָך נעמען זיי זיך ביידע אָן ביי די הענט, דרייען זיך אַרום אים און זינגען:)

חם און יפת: בע, טאַטעשי, בע,
מען זעט דעם גאַנצן „פּע״.
זעט מען אים אינגאַנצן.
קומט צו לויפן קינד און קייט,

זעט דעם נחת, זעט די פרייד,
קומט און לאָמיר טאַנצן!

אין דער רגע קומט אַריין שם. ער טראָגט אַ חומשל אונטערן אָרעם. דערזעענדיק זיינע טייערע ברידערלעך, ווערט ער אין כעס.)

שם: לאָבוזעס, אַוועק, איר הערט?

חם: קרומע נאָז, כ׳האָב דיך אין דר׳ערד.

יפת: זשידאָווסקע חוצפה, אונערהערט.

שם: כ׳וועל דעם טאַטעשי דערציילן.

חם: פּרואוו, ס׳וועט דיר מער נישט פעלן.

(אין דער רגע כאַפּט זיך אויף נח הצדיק. ער רייבט זיך אויס די אויגן, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און שפּייט דריי מאָל אויס.)

נח: טפו, אַ חלום! כ׳בין געזעסן
אויפן בית־המדרש־דאַך,
צוויי, צי דריי, צי פיר מעת־לעתן,
שטודירט דעם געטלעכן תנ״ך,
פּלוצלונג הער איך „טראַך און קראַך״...

(ער כאַפּט זיך אָן ביים האַרץ, און ווענדט זיך צו די קינדער, וואָס שטייען אַרום אים:)

אַ גלאָז מיט וואַסער, כ׳פיל זיך שוואַך!

(שם לויפט און ברענגט דעם טאַטן אַ גלאָז וואַסער)

— נאַ דיר, טאַטעשי, נו, נעם!

נח: (טרינקט אויס דאָס גלאָז וואַסער. ס׳ווערט אים אַביסל בעסער. ער טוט שמעקן אַ קניפּ אין בעקל.)

ביסט אַ וואוילער בחור, שם.

(נח נעמט דעם קאַנטשיק אַראָפּ פון דער וואַנט. די קינדער זעצן זיך אַוועק ביים טיש. נח פרעגט זיי מיט אַ ניגון:)

ס׳אַראַ סדרה גייט די וואָך?

יפת: לך־לך.

חם: ניין, כל־ולך.

שם: טאַטעשי, איך ווייס, איך ווייס,
אלה תולדות נח.

נח: זאָגט־זשע אַלע קינדער הויך:

אלה תולדות נח.

(נח הצדיק פּאַכעט מיטן קאַנטשיק. די דריי חברה שאָקלען זיך איבערן חומש און זינגען אויף אַ קול:)

אלה תולדות נח,

פון קוימען גייט אַ רויך,

פון בראָנפן האָט מען כּוח.

(אין דער רגע קומט אַריין אַ דעלעגאַציע פון די הינט. זיי דרייען מיט די עקן און האַוקען:)

הינט: **האַוו, ר' נח, האַוו,**

מיר זענען גאָטס באַשאַף,

און מיר ווילן עסן,

און דיין ווייב, די נחטע,

די אַלטע, קאַרגע נחטע,

האָט אין אונז פאַרגעסן.

(די הינט טרעטן אָפּ אין אַ זייט, אַ דעלעגאַציע פון די חזירים קומט אַריין. יעדער חזיר שטרעקט אויס דאָס רעכטע פּיסל:)

חזירים: **הייל, ר' נח, הייל,**

הער אונז אויס אַ ווייל,

מיר זענען טאַקע טריפה,

נאָר דיין ווייב, די נחטע,

די אַלטע, קאַרגע נחטע,

זי איז אַ מכשפה.

(די חזירים טרעטן אָפּ אין אַ זייט. צוויי ווייסע קעץ קומען אַריין. זיי זענען אויסגעמאַגערט. זיי מיאַוקען:)

קעץ: **מיאַו, ר' נח, מיאַו,**

זאָגע דיינער פראַו,

אַ שיסעלע מיט מילעך,

פּאָר מיצי, מיין באַשערטער,

און אַ טעפּל סמעטענע

וויל איך, וויל איך, ווילעך.

מער האָט זיידל מלאך נישט געקאָנט לייענען. די קאָטערס אויפן דאַך האָבן אויפגעהויבן אַזאַ מיאַוקעריי, אַז מען האָט נישט געהערט מער קיין וואָרט. מיר האָבן זיך צוגעהאַלטן די אויערן, זיידל מלאך איז געווען פּשוט פאַרצווייפלט. דאָס „נח־שפּיל" האָט געציטערט אין זיין האַנט. ער האָט געקרעכצט:

— מילא, זיין אין גלות ביי די טעכטער — זענען דאָס כאָטש טעכטער, אָבער זיין אין גלות ביי די קאָטערס, דאָס איז שוין מחוץ לדרך הטבע.

די דריי טעכטער זענען אַריינגעקומען אין שטוב. פאַר זיי און הינטער זיי זענען געשפּרונגען די קאָטערס. איינער איז אַרויף צו מיר אויפן שויס. איך האָב אים אַראָפּגעשליידערט פון זיך.

שפרה, די עלטסטע טאָכטער, האָט מיך אָנגעקוקט קרום און אַ וואָרטשע געטאָן:

— מיטן קאָפּ וואַרפט מען, יונגער מלאך.

די צווייטע האָט אונז גענומען טרייבן פון שטוב:

— געגאַנגען חבר, ס'איז שוין שפּעט. מען דאַרף גיין שלאָפן.

זיידל מלאך איז געווען אומגליקלעך. קוים דערטאַפּט בעלנים, זיי זאָלן אויסהערן זיינס אַ פּורים־שפּיל, קומען די טעכטער, אַן אויסכאַפּעניש אויף זיי, און לאָזן נישט פאַרענדיקן.

— ני, וואָס שטייט עך, לאָבוזעס?

די עלטסטע טאָכטער האָט אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגל און אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. מיר זענען געבליבן אין דער פינסטער.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און מיר האָבן געמוזט גיין. מיר האָבן געטאַפּט די ווענט. קוים געפונען די טיר.

— אַ גוטע נאַכט, ר' זיידל.

זיידל מלאך האָט אַ שווערן קרעכץ געטאָן. ער איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן פּורים־שפּיל אין האַנט. די טעכטער האָבן געשאָלטן, צעוואָרפן דאָס בעט־געוואַנט. אין דער פינסטער האָבן געפינקלט די גרינע אויגן פון די קאָטערס.

אין דרויסן האָבן מיר אויסגעגלייכט די פליגל, אָפּגעאָטעמט. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. איבער אונזערע קעפּ האָט זיך געשיפט אַ וואָלקנדל.

— ווייסט וואָס, שמואל־אַבא, לאָמיר זיך אַביסל דורכשיפן אויפן וואָלקנדל!

— האָט געזאָגט פישערל.

מיר האָבן אַ פלאַטער געטאָן מיט אונזערע פליגל און זיך אויפגעהויבן

אין דער הויך. דאָס וואָלקנדל האָט זיך געשיפּט פּאַמעלעך, נישט געאײלט זיך. וואָס, אַ שטײגער, האָט עס זיך צו אײלן און וואוהין אַ שטײגער?

מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט בײם ראַנד פונם וואָלקנדל און אײנס און צװײ זענען מיר געפאָרן רײטנדיק.

פישערל איז געװען גליקלעך... זײנע אויגן האָבן געשטראַלט. פון אונטן האָבן זײ, מסתמא אויסגעזען װי צװײ שטערן. פישערל האָט געזונגען:

אויף אַ װאָלקן צו רײטן,
העט, העט, איבער דער ערד,
איז אַ מיליאָן מאָל בעסער,
װי אויפן פלינקסטן פערד.

דאָס בעסטע פערד, דאָס פלינקסטע,
װערט מיד און אָפּגעשװאַכט,
אויף אַ װאָלקנדל קאָן מען זיך שיפן
אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט.

איך האָב אַראָפּגעקוקט אונטן. די הײזער פון דער גן־עדן שטאָט האָבן אויסגעזען װי שפּילעכלעך. איך האָב געפּרואװט דערקענען די הײזער, די װילעס פון די צדיקים. פישערל האָט װײטער געזונגען:

װיאָ, פערדל, װאָלקן־פערדל,
פלי, פלי און שטעל זיך נישט אָפּ,
װיאָ — און װאַרף אונז נישט בײדע,
אויף דער ערד אַראָפּ.

— אַ שאָד, פישערל, װאָס זײדל מלאך דער פאָטאָגראַף איז נישטאָ מיט אונז. דאָ אויפן װאָלקן װאָלט ער אונז געקאָנט פאַרענדיקן דעם פּורים־שפּיל און הערן די טעכטער מיט די קאַטערס, װי דעם קאַטער.

— ער פעלט דיר אויס, דער שלים־מזל? — האָט פישערל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — זאָל ער דאָרט שלאָפן געזונטערהײט.

— פונדעסטװעגן איז אויף אים אַ רחמנות, — האָב איך געזאָגט, — און דאָס פּורים־שפּיל איז אַ גאַנץ שײן פּורים־שפּיל.

פישערל האָט ווייטער געזונגען:

וויאָ, פערדל, וואָלקן־פערדל,
טראָג אונז אַוועק אַהין,
וואו ס'שפּינט אירע זילבער־פעדעם
די ווייסע לבנה־שפּין.

מיר זענען אָפּגעשוואומען אויפן וואָלקנדל אַ שטיקל מהלך. נאָענט צו מיטן־נאַכט זענען מיר אַראָפּגעשפּרונגען. ס'איז געווען די העכסטע צייט. דאָס וואָלקנדל האָט זיך פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פונם טערקישן גן־עדן.

מיר האָבן געוואונקען צום אָפּשווימענדיקן וואָלקנדל מיט די הענט און געזונגען:

גריס, וואָלקנדל, גריס דאָרטן הגר
און ישמעאליקל, איר זון,
און זאָג, זיי זאָלן אונז שיקן
אַ טערקישן פעקל טיטון.

מיר זענען צוריק געפלויגן אַהיים. פאַר דער גן־עדן־לאָנקע האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין חבר.

— פישערל, געדענק, מאָרגן אין חדר!

פישערל האָט זיך צעלאַכט:

ביי מאיר פאַרעך, דעם גמרא־מלאך,
וואָס איז פרימער ווי אַ גלח...

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב. איך האָב זיך געלאָזט פליען אַהיים. פאַרבייפליענדיק זיידל מלאכס דירה, האָב איך זיך פאַרהאַלטן. מען האָט גאָרנישט געהערט. זיידל מלאך, זיינען דריי מיאוסע טעכטער און דער צענט־ליק קאָטערס זענען געשלאָפן. דאָס פּורים־שפּיל איז געלעגן פאַרשעמט אין שופלאָד.

איך האָב באַדויערט דעם שלים־מזל פונם גאַנצן האַרץ. נאָר העלפן האָב איך אים נישט געקאָנט, סיידן מיט אַ קרעכץ.

איבער זיידלס דירה איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן. זיין מזל — האָב איך געטראַכט, — און אפשר זיין שלים־מזל. איך בין אַוועק אַהיים שלאָפן.

XV

קונצן־מאַכערס אין גן־עדן

אין גן־עדן האָבן זיך באַוויזן קונצן־מאַכערס. קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען זיי זענען געקומען. אין אַ שיינעם פאַרנאַכט זענען זיי אַריינגעפאָרן אין אונזער גן־עדן־שטאָט אויף אַ פויעריש פורל. צוויי מאַנסבילן און איין נקבה. די מאַנסבילן האָבן געטראָגן רויטע, טערקישע מיצלעך און די נקבה אַ בלאָ קליידל מיט רויטע טופּעלעך.

אין מיטן מאַרק האָט זיך פאַרהאַלטן דער וואָגן. די טערקן האָבן אַנגע־הויבן אַראָפּשלעפּן ברעטער פון דער פור און זיך גענומען מייסטרעווען. אויפ־געקלאַפּט אין אַן ערך אַ שעה אין מיטן גאַס אַ בינע.

די נקבה איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּויק איבער די גאַסן און גערופן דעם עולם גיין זען די קונצן־מאַכערס, וואָס האָבן נישט קיין גלייכן צו זיך אין אַלע דריי גן־עדנס. די קונצן־מאַכערס האָבן שוין געשפּילט פאַר די גרעסטע צדיקים פונם גויאישן און טערקישן גן־עדן. מאַכמעד, דער נביא, האָט זיי אַפילו אויסגעצייכנט מיט אַן אָרדער — אַ גילדענע האַלב־לבנה אויף אַ גרינעם באַנד. און ווער ס׳וויל זיך איבערצייגן, זאָל קומען מאָרגן אין דער פרי, צען אַזייגער, וועט ער זען מיט די אייגענע אויגן.

די נקבה האָט גערעדט מיט אַ באַסאָוון קול. די צדיקים וואָלטן געמעגט שווערן, אַז ס׳איז אַ מאַנסביל, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ נקבה.

— אַ קול פון אַ מאַנסביל, — האָט געזאָגט דער „לובלינער“, — און דאָס אַנטועכץ פון אַ נקבה — וואָס־זשע איז זי?

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט „וואָס־זשע איז זי“, — האָט זיך גע־פּילפּולט דער אַפּטער, — און „זי“ איז דאָך בלשון נקבה, הייסט עס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ נקבה.

— ווער איז דער „מיר“, — האָט זיך געכעסט דער לובלינער, — אפשר האָט איר צו טאָן מיט אַ נקבה, טאָ רעדט־זשע נישט בלשון „מיר“, אַפּטער צדיק.

— גערעכט, גערעכט, — האָבן צוגעבאָמקעט די צדיקים, וואָס האָבן זיך

צוגעהערט צו דער אַמפּעריי, — דער לובלינער איז געדעכט, וואָס איז דאָס פּאַר אַ „מיר" אין מיצקע דרינען?

דער אַפּטער האָט זיך פאַרענטפערט:

— ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, רבותי... איך האָב חלילה נישט געמיינט קיין שלעכטס. וואָס־זשע איז דאָ דער ירגזון, וואָס? האָט איר געהערט אַ מעשה?

דער ייד הקדוש האָט געמאַכט אַ פּשרה:

— לויט אַלע סימנים, רבותי, איז דאָס גאָר אַן אַנדרוגינוס. וואָרעם דאָס קול איז טאַקע פון אַ מאַנסביל, די הלבשה טאַקע פון אַ נקבה, און אַזוי ווי ביידע אינאיינעם, איר פאַרשטייט, רבותי, פּאַרט זיך נישט, בלייבט עס, הייסט עס, אַן אַנדרוגינוס.

די נקבה מיטן מאַנסבילישן קול האָט זיך נישט געמאַכט הערנדיק, זי איז ווייטער געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט און געפּויקט אין דער פּויק:

— ווער ס'וויל זען אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך נישט געזען אין זיין לעבן, זאָל קומען זען די גרויסע קונצן־מאַכערס מאַכמעד אַלי און אַלי מאַכמעד. מאָרגן, צען אַזייגער אינדערפרי. ווער ס'וועט נישט זען מאָרגן, וועט האָבן חרטה, ווייל אַזוינס זעט מען נישט אַלע טאָג אַפילו אין גן־עדן...

מיר, דאָס הייסט מיין חבר פישערל און איך, זענען גראָד געזעסן ביים גמרא־מלאך מאיר פאַרעך און געלערנט. מיטאַמאָל האָט דער גמרא־מלאך אָוועקגעלייגט דעם קאַנטשיק און אַ זאָג געטאָן:

— קונצן־מאַכערס!

מער האָבן די תלמידים נישט באַדאַרפט. ווער דורכן פענסטער און ווער דורך דער טיר זענען זיי זיך צעפלויגן, איבערגעלאָזט דעם גמרא־מלמד אַ פאַרגאַפטן אַליין אין חדר.

מיר זענען נאָכגעפלויגן דער נקבה מיט דער פּויק. באַוואונדערט איר מאַנסבילשן קול און איר בלאָ קלייד מיט די רויטע פינטעלעך. איך האָב אַ שטויס געטאָן מיין חבר:

— ס'וועט זיין פריילעך אין גן־עדן.

פישערל איז געווען גליקלעך. ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן קונצן־מאַכערס אַ סך, נאָר געזען האָט ער נאָך גאָרנישט. מאָרגן וועט ער אַליין זען מיט די אייגענע אויגן. ווער איז צו אים גלייך?

די גאַנצע נאַכט האָבן די טערקן מיט דער נקבה געשיכורט אין שענק

„צום צדיק נח". אַפילו שמעון־בער האָט געמוזט מודה זיין, אַז די קונצן־מאַכערס האָבן „דימענטלעך אין האַלז" און אַז זיי קענען מאַכן אַ כּוסה.

שמעון־בער דער מלאך, דאַרפט איר וויסן, זאָגט נישט סתּם אין דער וועלט אַריין. ער, אַז ער זאָגט אויף עמעצן, אַז „ער קען", איז דאָס אמת ווי גאָלד. שמעון־בער איז אַ מבין.

דער מלאך שמעון־בער האָט זיך שטאַרק אויסגעחברט מיט די טערקישע קונצן־מאַכערס. די נאַכט, וואָס ער האָט מיט זיי פאַרבראַכט אינאיינעם אין שענק „צום צדיק נח", איז געווען לויט שמעון־בערס רייד איינע פון די שענסטע נעכט אין גן־עדן.

— איך פלי מיר אַזוי פאַרביי דעם גן־עדן־שענק, — האָט דערציילט שמעון־בער, — הער איך, מען זינגט. ווער קאָן עס זינגען, טראַכט איך מיר און באַשליס, אַז מען דאַרף געבן אַ קוק. ערשט איך עפן די טיר, דערזע איך די טערקן, די קונצן־מאַכערס. אויפן טיש שטייען צוויי פלעשער בראָנפן, אויף דער פאַדלאָגע וואַלגערן זיך עטלעכע אויסגעליידיקטע פלעשלעך. די טערקן האַלטן זיך אַרומגענומען און זינגען:

וויין איז טוב,
נאָר בראָנפן איז בעסער,
באַשער אונז, אַלאַה,
צוויי פולע פעסער.

אַלאַה, דו ביסט גרויס,
דער סאַמע גרעסטער,
פון אַלע געטראַנקען
איז ספּירט דער בעסטער.

טאָ לאָמיר־זשע טרינקען
און לויבן אַלאַה,
ביז די נאַכט זאָגט צום מאָרגן:
פאַה־פאַה, פאַה־פאָ.

— ווי אַזוי די טערקן האָבן מיך דערזען, — האָט ווייטער דערציילט שמעון־בער, — זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. געמיינט, אַז איך בין אַ

פאַליציי־מלאך, צי וואָס. איך האָב אַ פּאָך געטאָן מיט די פליגל און אַ וואונק געטאָן צו די פלעשער:

— טרינקט, טרינקט, קונצן־מאַכערס און זאָל אייך וואויל באַקומען.

דערהערט פון מיר אַזוינע ווערטער, האָבן זיך די טערקן דערפרייט. זיי האָבן מיך פאַרבעטן צום טיש, איך זאָל מיט זיי מאַכן אַ כוסה. נו, איר פאַרשטייט, — האָט זיך שמעון־בער אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע, — אַז מען בעט, טאָר מען נישט אָפּזאָגן. מיר האָבן געמאַכט אַ לחיים ביז פאַרטאָג. זיי קענען, די טערקן, נאָר די נקבה, אַ נכפה אויף איר, האָט געטרונקען בעסער פון די מאַנסבילן. געגאָסן אין זיך און גלייך גאָרנישט.

אַלע האָבן געפילט, אַז שמעון־בער דערציילט נישט דעם גאַנצן אמת. געטרונקען האָט ער טאַקע מיט די טערקן. פון אַזאַ זאַך זאָגט זיך דער מלאך שמעון־בער קיינמאָל נישט אָפּ. נאָר דאָס, וואָס שמעון־בער איז שפּעטער אַרומגעפלויגן איבערן גן־עדן און יעדן אָפּגעשטעלט און געהייסן, למען־השם, גיין זען די קונצן־מאַכערס, איז געווען מאָדנע ביז גאָר.

— די נקבה האָט אים אָנגעטאָן אַ כישוף, — האָבן געמורמלט עלטערע מלאכטעס, — די טערקישע יפהפיות זענען גרויסע כישוף־מאַכערינס.

— ווייבערישע קעפּ, — האָבן מיט ביטול געזאָגט די מלאכים, — תיכף איז ביי זיי כישוף. שמעון־בער וועט אייך פאַרקויפן פאַר אַ גלעזל בראָנפן דעם גאַנצן גן־עדן...

— ווער געדענקט נישט, — האָט זיך אָנגערופן אַן אַלטער מלאך מיט גריז־גראָע פליגל, — ווי שמעון־בער האָט אַמאָל פאַרזעצט זיינע פליגל אין שענק. אַ גאַנץ יאָר איז ער געגאַנגען צופוס ביז מען האָט אים צונויפגענומען אַ נדבה, ער זאָל קאָנען אויסקויפן די פליגל.

ווי אַזוי ס'זאָל נישט זיין, שמעו־ ־ר איז אַרומגעפלויגן איבערן גן־עדן, געלויבט די קונצן־מאַכערס ביזן הימל, און געעצהט די מלאכים, גרויס און קליין, צו גיין צו די קונצן־מאַכערס.

— וואו זאָלן מיר נעמען געלט אויף בילעטן? — האָבן אים געפרעגט די קליינע מלאכימלעך.

— מען נעמט אַרויס מיט אַ שטרויעלע פון די צדקה־פּושקעס, — האָט זיי אויפגעקלערט שמעון־בער. — מען גנבעט אַרויס ביינאַכט פונעם טאַטנס קעשענע.

דאָס גאַנצע גן־עדן איז געגאַנגען כּאַדראַם. וואו מען איז געשטאַנען און וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען געהערט פון די קונצן־מאַכערס.

די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ווי ס׳האָט נאָר געקומען טאָגן, האָב איך זיך אָנגעטאָן, זיך געוואַשן, געזאָגט „מודה אני״ און היידאַ צו מיין חבר פישערל.

פישערל איז איינס און צוויי געווען אָן אָנגעטוענער. אויף די שפּיץ־פינגער זענען מיר אַרויס אין דרויסן. פישערל האָט מיר געוויזן עטלעכע מטבעות, וואָס ער האָט אַרויסגעגנבעט פון דער מאיר־בעל־הנס־פּושקע.

— ס׳וועט קלעקן אויף צוויי בילעטן פאַר מיר און פאַר דיר, שמואל־אַבאַ!

אַלע אין גן־עדן זענען נאָך געשלאָפן. מיר זענען אַרומגעפלויגן איבער די פוסטע גאַסן און בולוואַרן. מען האָט נישט געזען אַפילו קיין הונט. פון אַ מלאך און אַ צדיק איז דאָך אָפּגערעדט.

אַפילו שמעיה מלאך דער פאַליציאַנט, וואָס זיין חוב איז צו היטן דעם אליהו־הנביא־בולוואַר, איז געלעגן ערגעץ אין אַ קיך ביי אַ קעכין. געלאָזט דעם גאַנצן בולוואַר אויף הפקר.

ווען מיר זענען פאַרבייגעפלויגן די ווילע פון אברהם אבינו, וואָס געפינט זיך אין דער דריי־אבות־אַליי, האָבן מיר געזען דעם עלטסטן פון די אָבות אָנגעטאָן אין טלית און תּפילין. ער איז גראָד אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה.

דורכן אָפענעם פענסטער פון יעקב אָבינוס ווילע האָט בלהה אויסגעגאָסן דאָס נאַכט־געשיר. די מוטער רחל האָט פונאַנדערגעצויגן דעם פענסטער־פאָרהאַנג און אַרויסגעגענעצט דעם פרימאָרגן גלייך אין פּנים אַריין.

— פישערל!

— וואָס, שמואל־אַבאַ?

— לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר צום גן־עדן־טייך.

מיר זענען געפלויגן צום גן־עדן־טייך. דאָרט האָבן מיר אַזוי לאַנג געוואָרפן שטיינדלעך, ביז דער לויתן האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם שלאָף. קוים האָבן מיר דערזען דעם קאָפּ פון לויתן אויף דער אויבערפלאַך פונם וואַסער, זענען מיר אַנטלאָפן און בשעת־מעשה געזונגען דאָס לידל:

לויתן, לויתן,
טאַטער ווילסטו זיין אַ חתן,
טאַ קויף דיר אַ צילינדער,

װעלן אַלע קינדער,
צוזאַמען און באַזונדער,
שרייען: ווייס־איך וואָס־ער,
דער חתן איז אַ נאַסער.

אַ גליק וואָס דער לויתן האָט אונז נישט געקאָנט נאָכיאָגן, אַז נישט וואָלט ער אונז איינגעשלונגען אָן אַ ברכה און מיר וואָלטן צוריק דערזען די ליכטיקע שיין ערשט ווען משיח וועט קומען. אָפליגן אַזאַ צייט אין בויך פונם לויתן איז נישט קיין קלייניקייט.

מיר זענען צוריקגעפלויגן אין שטאָט אַריין. איבער די גאַסן זענען געלאָפן צדיקים מיט זייערע ווייבער און קינדער. אַלע האָבן זיך געאײלט. איטלעכער האָט געוואָלט וואָס פריער זיין אויפן מאַרק־פּלאַץ, פאַרנעמען אַ בעסער אָרט, כדי בעסער צו זען די קונצן פון די קונצן־מאַכער.

יעקב אבינו האָט אויסגערוקט מיט דער גאַנצער משפחה. מיט אַלע פיר ווייבער און אַלע צוועלף בנים. די טאָכטער דינה איז, ווי תמיד, געווען געפּודערט און געשמינקט ווי אַ ליאַלקע.

אין דער לופטן זענען געפלויגן גרויסע און קליינע מלאכים, מיט מטבעות אין די הענט. אין דער היים זענען געבליבן בלויז אַ טייל איינוואוינער פונם אָרעמען בעל־שם־טוב־געסל און פונם בעל־מלאכהשן יוחנן־הסנדלר־געסל.

מיר, דאָס הייסט מיין חבר פישערל און איך, האָבן זיך אויך גענומען איילן. מיר זענען געפלויגן מיטן שנעלסטן טעמפּאָ און נישט איינמאָל זיך אָנגעקלאַפּט מיט אַן עלטערן מלאך, אָדער אַ יונגע מלאכטע. מיר האָבן קוים צייט געהאַט זיך צו אַנטשולדיקן, אַ זאָג צו טאָן „פּאַרדאָן” און די פליגל האָבן אונז ווייטער געטראָגן.

מיט איין מלאכטע, טשאַרנע די קלאַפּטשעכע, האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל אינצידענט. פישערל האָט איר נישט־ווילנדיק אַ שטויס געטאָן און די מכשפה האָט זיך צעקללהט, ווי איר שטייגער, געשאָלטן אויף אַ קול, גלייך מען וואָלט איר אָוועקגעהרגעט די קאַפּאָטע.

— אַז די אויגן זאָלן אייך אַרויסקריכן, ממזרים. ס׳פּליט יענעם אויפן קאָפּ אַרויף און ס׳מיינט, אַז זאָגן „פּאַרדאָן” איז גענוג. אַז פליען זאָלט איר שוין אין גיהנום אַריין מיט אייער „פּאַרדאָן” אינאיינעם און איר זאָלט צוריק קומען דענצמאָל ווען איך וועל אייך רופן.

טשאַרנע די קלאַפּשעכצע האָט געשיט און געשיט. זי, אַז זי צעלאָזט זיך, איז אַן אַ ברעג און אַן אַ מאָס. אַ גליק, וואָס די מלאכים, וואָס זענען געפלויגן הינטער איר, האָבן פון איר געזעצט די נשמה

— פאַרשטעלט נישט דעם וועג, טשאַרנע. אָדער פליט אָדער לאָזט אונז פליען. די קונצן־מאַכערס הויבן אָן פונקט צען אַזייגער.

דער מאַרק איז געווען פול מיט צדיקים. די קונצן־מאַכערקע אין בלאָען קליידל מיט די רויטע פּינטעלעך האָט צונויפגענומען דאָס געלט אין אַ טעלערל. אין דער לופטן איז אַרומגעפלויגן שמעון־בער און איינקאַסירט ביי די מלאכים:

— שנעלער, איילט זיך, די קונצן־מאַכערס הויבן אָן, — האָט שמעון־בער געזעצט די נשמה.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער לעצטער רגע... אויף דער בימה איז געשטאַנען דער טערק מאַכמעד אַלי און געצויגן סטענגעס פון דער נאָז, פון די אויערן. די סטענגעס האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן שאַכטל און איינס־צוויי „אַלאַן פּאַסעע״ איז די שאַכטל מיט די סטענגעס נעלם געוואָרן.

די צדיקים האָבן אויפגעעפנט מויל און אויערן. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, געצמאַטשקעט מיט די ליפּן:

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! אַן אמתער חידוש!

נאָר דאָס איז נאָך געווען אַ גאָרנישט מיט אַ נישט אַנטקעגן דעם, וואָס דער צווייטער קונצן־מאַכער אַלי מאַכמעד האָט באַוויזן. פון שלינגען פייער, ווי להבדיל די צדיקים האַלעשקעס, איז אָפּגערעדט. דער דאָזיקער אַלי מאַכמעד האָט באַוויזן אמתע נסים. אַזוינס האָבן די צדיקים נאָך נישט געזען זינט זיי לעבן און זיי, די צדיקים, זענען עפּעס מבינים אויף קונצן.

אַלי מאַכמעד האָט אַראָפּגענומען די רויטע יאַרמולקע פון קאָפּ, זיך פאַרנויגט פאַרן עולם מיט אַ שמייכל און געבעטן ביים חשובן פּובליקום, אַז יעדער, ווער ס׳וויל, זאָל אַריינוואַרפן עפּעס אין דער יאַרמולקע... אַ רגע האָט זיך דער עולם געקווענקלט, מורא געהאַט איינצושטעלן. נאָר, אַז שלמה המלך האָט אויסגעטאָן דעם גאָלדענעם זיגל־רינג פון זיין פינגער און אַריינגעוואָרפן אין דער יאַרמולקע, האָט שוין אסתר־המלכה אַריינגעוואָרפן דאָס גאָלדענע שפּיגעלע, וואָס אחשורוש האָט איר געשענקט צו דער חופּה, אברהם אבינו — דאָס טייערע טאַבאַק־שקעטעלע, די מוטער שרה — אַ גאָלדן אויערינגל און יצחק אבינו די ספּינקעס פון די מאַנזשעטן.

אַלי מאַכמעד האָט די זאַכן גוט דורכגעטרייסלט אין זיין רויטער יאַר־מולקע. אַלע האָבן געגאַפט, געוואָרט אויף דעם, וואָס ס׳וועט געשען. די, וואָס האָבן אַריינגעלייגט זאַכן אין דער יאַרמולקע, האָבן געציטערט פאַר זייערע זאַכן.

אַלי מאַכמעד האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי זיין שטייגער, „אַלאַן פּאַססע, איינס און צוויי, שמיי און דריי" און ער האָט אויסגעטרייסלט די יאַרמולקע, קיין שום זאַך איז אָבער מער נישט געווען אין איר. אסתר־המלכה האָט זיך שיער נישט צעוויינט

— מיין שפּיגעלע, מיין גאָלדן שפּיגעלע! דער מלך אחשורוש האָט עס מיר געשענקט צו דער חתונה...

אַלי מאַכמעד האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַרנוויגנדיק פאַר אברהם אבינו, האָט ער געזאָגט:

— זייט מוחל, ר׳ אברהם, און טוט אַ טרייסל אייער באָרד!

אברהם אבינו האָט אַ טרייסל געטאָן די באָרד, און — חידוש איבער חידוש — אסתר המלכהס גאָלדן שפּיגעלע איז אַראָפּגעפאַלן פון דער באָרד.

— און איר, ר׳ שלמה, — האָט אַלי מאַכמעד געזאָגט צו שלמה המלך, — זייט אַזוי גוט און כאַפּט אַ קוק אויפן פינגער פון דער מוטער רחל, וואָס שטייט אין דער דריטער ריי הינטער איך. — און ריכטיק. אויפן פינגער פון דער מוטער רחלס האַנט האָט מען געפונען דעם רינג פון שלמה המלך. די מוטער רחל האָט זיך פאַרשעמט. פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט מען ביי איר אַראָפּגעצויגן פון דעם פינגער דאָס רינגל פון אַ פרעמדן מאַנסביל.

דאָס טאַבאַק־שקעטעלע פון אברהם אבינו האָט מען געפונען ביי יעקב אבינוס קעפּס־ווייב זלפה אין בוזעם און יצחק אבינוס ספּינקעס, ביי רחב הזונה אין לינקן זאַק.

אַלע האָבן זיך געחידושט, געלאַכט און באַוואונדערט דעם גרויסן קונצן־מאַכער אַלי מאַכמעד, וואָס לויט זיין בריהשאַפט וואָלט ער געקאָנט זיין דער גרעסטער צדיק פונם גאַליציאַנער קאַנט.

מיטאַמאָל האָט די מוטער שרה פאַרבראָכן די הענט און זיך צעוויינט אויף אַ קול

— מיין גאָלדן אויערינגל, ווי איז מיר, פאַרפאַלן געוואָרן מיין גאָלדן אויערינגל.

אַלי מאַכמעד האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן דובנער מגיד, וואָס איז געשטאַנען אין דער צענטער ריי:

— פע, דובנער מגיד, פון ווען אָן טראָגט איר עס ווייבערישע אויער־רינגלעך? זייט אַזוי גוט און גיט אָפּ דאָס אויערינגל דער מוטער שרה.

דאָס גילדענע אויערינגל איז געהאַנגען אויפן לינקן אויער פונם דובנער מגיד. קוים, וואָס מען האָט עס אַראָפּגענומען. דער דובנער מגיד איז געוואָרן אויסער זיך:

— אַנטקעגן דעם האָב איך אַ משל, רבותי. אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט דריי...

— מען דאַרף נישט קיין משלים, דובנער מגיד, מיר זענען געקומען זען קונצן און נישט הערן קיין משלים, — האָט געטומלט דער עולם.

— ס'וועט אייך באַנג טאָן, רבותי, דער משל איז אַ טייערער משל און דער נמשל איז אַ גאָלדענער נמשל, — האָט געסטראַשעט דער דובנער מגיד.

נאָר אַלע האָבן אים געהערט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. די אויגן פון דעם עולם זענען געווען געווענדעט צו דער בינע, וואו ס'איז געשטאַנען די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול. איצט איז געקומען די ריי אויף איר, זי זאָל ווייזן אירע קונצן.

די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול האָט אַ זאָג געטאָן: „ראַנע קאַפּאַנע, אַלעראַנע", און מיטאַמאָל איז זי געשטאַנען איינגעהילט אין זיבן פאַרביקע שלייערן. די שלייערן האָבן געבלענדעט די אויגן. די צדיקים זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער.

די נקבה האָט אַ זאָג געטאָן צו די זיבן שלייערן, וואָס האָבן געציטערט אויף איר:

— דו, ווייסער שלייער, פלי צו דער מוטער שרה; דו, רויטער, צו דער מוטער רבקה; דו, גרינער, צו דער מוטער רחל און דו, בלאָער, צו דער מוטער לאה.

די פיר שלייערן האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די אַנדערע. זיי האָבן אַרומ־געפלאַטערט איבער די קעפּ פון דעם עולם אַזוי לאַנג, ביז יעדער שלייער האָט אָפּגעזוכט איינע פון די אמהות.

— און איצט קומט צוריק! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול און תיכף האָבן די שלייערס זיך אָפּגעטיילט פון די אמהות און זענען צוריקגעפלויגן צו דער קונצן־מאַכערין.

די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול האָט נאָכאַמאָל אַ זאָג געטאָן: „ראַנע, קאַפּאַנע, אַלעראַנע״, און די שלייערס זענען נעלם געוואָרן. קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זיי זענען אַהינגעקומען.

די צוויי טערקן זענען ווידער אַמאָל אַרויף אויף דער בימה. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דער נקבה מיטן מאַנסבילשן קול און איינער האָט געזאָגט צום צווייטן אויף טייטש:

— דיזע פרוי איז מיינע, איין סימן, זי האָט גאָלדענע האָר.

און מיטאַמאָל האָט דער גאַנצער עולם דערזען, אַז די נקבה האָט טאַקע גאָלדענע האָר.

איז דער צווייטער נישט געווען צופרידן, האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף טייטש:

— אַלאַן פּאַסעע, די פרוי איז מיין, איין סימן, זי האָט רויטעס האָר, איבערצייג זיך אויב איך שפּרעכע וואָהר.

און מיר האָבן דערזען די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול. זי האָט טאַקע דאָסמאָל געהאַט פייער־רויטע האָר.

די צוויי קונצן־מאַכערס האָבן זיך געאַמפּערט: דער האָט געזאָגט אַזוי און דער צווייטער קאַפּויער און יעדעס מאָל איז די פרוי געוואָרן אַנדערש... זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט ביז איינער האָט אַ געשריי געטאָן „אַלאַן פּאַסעע, פּאַרשווינד, דו פּעע״ און די נקבה איז נעלם געוואָרן. די צוויי חברה־לייט האָבן זיך געוויזן איינער דעם צווייטן אַ פייג און פאַרנויגנדיק זיך פאַרן עולם געזאָגט:

דאָס שפּיל איז צו ענדע, —
איר קענט קליאַטשן די הענדע.

די צדיקים האָבן טאַקע געקליאַטשט אין די הענט. נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין. זיי האָבן געוואָלט נאָך קונצן. די קונצן־מאַכערס האָבן אָבער געפילט, אַז ס׳איז גענוג. זיי האָבן צענומען די בודע, צונויפגעפּאַקט די זאַכן. די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול איז אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. די זאַכן האָט מען אויפגעלאָדן אויפן וואָגן. די נקבה האָט געפּויקט אין דער פּויק. דער וואָגן האָט גערירט פון אָרט. די קונצן־מאַכערס האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. ווער ווייסט וואוהין?

די טערקן אויפן וואָגן האָבן געפּאָכעט מיט די רויטע יאַרמולקעס, זיך געזעגנט מיטן עולם. דער עלטערער האָט געשריגן:

— זייטס געזונט, צדיקים! מירן נאָכאַמאָל קומען מיט שפּאָגל־נייע קונצן.

דער גאַנצער עולם האָט זיי באַגלייט ביז צום שטאָט־טויער. אברהם אבינו האָט אין נאָמען פון דער גאַנצער גן־עדן־שטאָט זיך געזעגנט מיט זיי און געהייסן קומען נאָכאַמאָל צו פאַרטרייבן אַביסל די נודנעקייט פון גן־עדן.

— איר וועט אייך דערמיט קויפן אַן אמתע מצווה, — האָט ער פאַרענדיקט זיין דרשה, און די נקבה מיטן מאַנסבילשן קול איז געווען אַזוי גערירט פון זיינע ווערטער, אַז זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און געוואָלט געבן אַ קוש...

— נו, אי אַ, פּע!

די נקבה האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. אַזוי ווי זי האָט געזען, אַז אברהם אבינו לאָזט זיך נישט אַ קוש טאָן, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן. איינער פון די טערקן האָט אַ וויאָקע געטאָן צום פערד: „וויאָ!" און דער וואָגן האָט גערירט פונם אָרט.

די צדיקים האָבן זיי נאָכגעקוקט. געפּאַכעט מיט די טיכלעך, כל־זמן מען האָט נאָך אָנגעזען די פור. נאָר אַז די פור איז פאַרשוואונדן צווישן וואָלקנס און טראַקט, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט:

— אַוועקגעפאָרן! טאַקע אויף דער רעכטער אמת, אַוועקגעפאָרן.

— אַ שאָד! אַ שאָד! — האָבן אַלע אָפּגעזיפצט און זיך געלאָזט אַהיימגיין. יעדער צו זיין דירה און זיין הויזגעזינד.

איך און מיין חבר פישערל האָבן זיך אויך געלאָזט פליען אַהיים. מיר האָט שטאַרק באַנג־געטאָן נאָך די פריילעכע קונצן־מאַכערס. אין דמיון האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דאָס כישוף־שפּיל פון די דריי טערקן. דאָס האַרץ האָט מיר געקלעמט.

— ווען, אַ שטייגער, קאָנען זיי נאָכאַמאָל קומען, די טערקן, פישערל?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? וואָס בין איך עפּעס אַ נביא, שמואל־אַבא?

— עס בענקט זיך דיר נאָך די טערקן, פישערל?

— פון איין באַנק אויף דער אַנדערער, — האָט געברומט פישערל, נאָר איך האָב געפילט, אַז ער זאָגט אַ ליגנט. דאָס מאַכט ער זיך נאָר קוראַזש, אין דער אמתן, אָבער, טוט אים באַנג פונקט ווי מיר, און אפשר נאָך מער פון מיר.

פאַרבייפליענדיק די הייליקע דריי־אבות־אַליי, האָבן מיר דערהערט אַ

געוואַלט. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער, געוואויר ווערן וואָס עס איז געשען.

מיר האָבן נישט געגלויבט אונזערע אייגענע אויגן. די הייליקע אָבות זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז. די בערד זענען ביי זיי געווען צעפּאַטלט, די הייליקע אימהות האָבן געבראָכן די הענט, געוויינט און געיאָמערט:

— מען האָט אונז באַגנבעט, אויסגעליידיקט אַלץ פון די שטובן. נישט איבערגעלאָזט קיין פאָדים אַפילו.

די מוטער שרה האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אברהם אבינו, אים געזידלט מיט די לעצטע ווערטער:

— טערקן האָט זיך אים פאַרגלוסט, דערווייל האָבן גנבים צוגענומען אַלצדינג פון דער שטוב. דיינע טערקן, אברהמל. עפּעס לייטישס וועט אַרויסקומען פון דיין ישמעאל.

אברהם אבינו האָט זיך ביי איר געבעטן, ממש מיט טרערן אין די אויגן:

— קריך אַראָפּ, שרה, וועסט זען, די גנבה וועט זיך אָפּזוכן, קריך אַראָפּ!

אין די אַנדערע גן־עדן־גאַסן האָט זיך אויך געטאָן חושך. די צדיקים מיט זייערע ווייבער זענען אַרומגעלאָפן ווי דולע. דאָס געשריי און דער געוואַלט האָט דערגרייכט ביז צום זיבעטן הימל.

— גנבים זאָלן זיך אַריינכאַפּן אין גן־עדן אַריין, — האָט געיאָמערט דער אַפּטער צדיק.

— דער רוח האָט זיי אָנגעטראָגן, די טערקן. הלוואי וואָלטן זיי געבראָכן רוק און לענד, איידער זיי זענען געקומען אַהער, — האָט געשאָלטן שרה־בת־טובים און די קופּקע איז ביי איר געפלויגן אויפן קאָפּ, ווי אַ משוגענע טויב.

— אפשר איז דאָס אַ שפּיצל פון די טערקן? — איז געפאַלן אויף אַ המצאה אַ קליין צדיקל מיט אַ געל בערדל.

— אַ שפּיצל פון די טערקן, זאָגט איר? אַוודאי אַ שפּיצל. זיי, די טערקן, האָבן אונז פאַרנאַרט, אונז געוויזן קונצן און דערווייל האָט מען אונז באַגנבעט.

— שרה־קרוין, קריך שוין אַראָפּ, — האָט זיך געבעטן אברהם אבינו, — וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז דו וועסט האַלטן שבת אויף מיר? פון דעם וועט זיך נישט אָפּזוכן די גנבה.

די גן־עדן־פּאָליציי איז גרינגע מונדירן איז געקומען צו פליען. די

צדיקים האָבן אָנגעהויבן אויסצורעכענען, וואָס מען האָט ביי זיי צוגעגנבעט:

— דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט, די זילבערנע לייכטער, די גילדענע בראָש, אַפילו דעם קדושין־רינג.

— דעם שפּיגל פון דער וואַנט, דאָס שבתדיקע ברוסט־טוך, אַפילו די פּאַנטאָפל פון מיין מאַן, דעם צדיק.

— די יום־טובדיקע מלבושים, דעם זיידענעם שירעם און אַ זעקל מצוות.

— דעם זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ, דאָס שטערן־טיכל, וואָס איז מיר געבליבן בירושה, דעם טלית מיט דער גאָלדענער עטרה, דער לייפּסקער.

— דאָס זילבערנע בשמים־ביקסל, די זיידענע זאָקן פון מיין עלטסטער טאָכטער און די חופּה־וועש פון מיין פּלימעניצע.

— די הוידעלקע פונעם גאָרטן, די נאָז־פּאַטשיילע, דאָס טאַבאַק־שקעטעלע און דאָס נאַכט־געשיר, להבדיל.

די צדיקים האָבן גערעכנט, די ווייבער האָט צוגעהאָלפן און די גן־עדן־פּאָליציי האָט פאַרשריבן. ס׳איז געווען אַ וואַזשנע גנבה. קיין איין שטוב איז נישט געבליבן פאַרשוינט.

דעם גאַנצן טאָג האָט געדויערט דאָס פאַרשרייבן די אַלע זאַכן. די צדיקים זענען געווען אַזוי צעטראָגן, אַז זיי האָבן פאַרגעסן צו דאַווענען מנחה.

— מען דאַרף כאַפּן די טערקן, — האָט אַ זאָג געטאָן אברהם אבינו צום עלטסטן פון דער גן־עדן־פּאָליציי.

דער עלטסטער פּאָליציי־מלאך האָט אַ דריי געטאָן די וואָנסעס, ווי איינער רעדט: „איר זענט טאַקע אַ גרויסער צדיק, ר׳ אברהם, נאָר וואָס שייך גנבות, ווייס איך בעסער וואו איין און וואו אויס״.

עמעצער האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון שמעון־בער דעם מלאך. דער פּאָליציי־עלטסטער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן:

— וואָס איז מיט שמעון־בער דעם מלאך?

— שמעון־בער האָט געשיכורט מיט די טערקן אַ גאַנצע נאַכט. איינדערפרי האָט ער זיי געהאָלפן איינקאַסירן געלט ביי די קליינע מלאכימלעך, וואָס זענען געקומען זען די קונצן־מאַכערס.

— אַהאַ! — האָט אַ מאַך געטאָן דער עלטסטער פּאָליציי־מלאך און אַ ציי געטאָן איין העלפט פון דער וואָנסע אין דער הויך, — אַהאַ!

דעם „אַהאַ״ האָט ער איבערגעחזרט אַ צענדליק מאָל. דערנאָך האָט ער באַפוילן מען זאָל אים ברענגען דעם מלאך שמעון־בער.

צוויי פּאָליציי־מלאכים זענען אַוועק. שמעון־בערן האָבן זיי געפֿונען טויט־שיכּור אין שענק „צום צדיק נח“. זיי האָבן אים געבראַכט צו פּירן. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס.

דער עלטסטער פּאָליציי־מלאך האָט אים גענומען אויפֿן צימבל, אים געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ס'וועט אים גאָרנישט העלפֿן און אַז ער, דער עלטסטער פּאָליציי־מלאך, ראָט אים, ער זאָל תּיכּף אויסזאָגן, וואו די טערקן געפֿינען זיך.

שמעון־בער דער מלאך האָט זיך געשוואוירן, אַז ער ווייסט גאָרנישט, ער זאָל אַזוי נישט וויסן פֿון קיין שלעכטס. די טערקן האָבן אים געשטעלט בראָנפֿן, האָט ער געטרונקען. אדרבא, זאָל אים דער פּאָליציי־מלאך זאָגן אין וועלכן גן־עדן־ספֿר עס שטייט געשריבן, אַז מען טאָר נישט טרינקען קיין בראָנפֿן, אויב אַ טערק הייסט געבן בראָנפֿן.

דער עלטסטער פּאָליציי־מלאך האָט אויף אים געשריגן, אים געזאָגט קורץ און שאַרף, אַז ביי אים גייען נישט אָן קיין פּוילע שטיק. ער איז אַ מבֿין אויף די אַלע זאַכן, שמעון־בער איז אַ שותּף צו דער גנבֿה. אַ סימן, אַז ער האָט געמאַכט יד־אַחת מיט די טערקן, איז דאָס, וואָס ער האָט איינקאַסירט געלט ביי די קליינע מלאכימלעך און דאָס האָבן אים די טערקן געהייסן.

— שמעון־בער איז געוואָרן ווילד. ער האָט געשריגן מיט אַזאַ קול, אַז נישט איין צדיק האָט פֿאַרלוירן די נשמה אין די הויזן אַריין.

— מען קאָן אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ שיכּור, מהיכא־תּיתי, זאָל מען זאָגן. אָבער אַ גנבֿ, אַ גנבֿ, — ווער ס'וועט אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ גנבֿ, דעם וועט ער שוין ווייזן.

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם עלטסטן פּאָליציי־מלאך און מיט אים אַזוי לאַנג געטרייסלט, אַז יענער האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

— אַ גנבֿ, האָסטו געזאָגט, — האָט שמעון־בער געשריגן, — אַ נאַכאַל־ניק? איך וועל דיר צעברעכן די פֿליגל, דו ממזר דו... דו...

דעם אַנדערן טאָג האָט מען אים צוריק אַרויסגעלאָזט. שמעון־בער האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער האָט געמיינט, אַז די טערקן זענען טערקן. פֿונוואַנען האָט ער געזאָלט וויסן, אַז זיי זענען גנבֿים, אויסוואורפֿן? ער האָט טאַקע נאָר געמיינט אַ כּוסה און גיי ריכט זיך, אַז ס'וועט דערפֿון אַרויס אַ גנבֿה.

ביי די צדיקים האָט זיך געטאָן חושך. מען איז געשלאָפן אויף די הוילע מאַטראַצן. געגעסן האָט מען מיט די הענט, און מען האָט געשלונגען די טרערן.

די פּאָליציי האָט געזוכט, געגנישטערט. יעדן טאָג געמאַכט אַ נייעם פּראָטאָקאָל.ביים פּאַפּיר־קרעמער חנא מלאך האָט אַזש פֿאַרפֿעלט פּאַפּיר און די גנבים האָט מען אַלץ נישט געכאַפּט.

— וואָס וועט זיין דער סוף? — האָט די צדיקים געפֿרעגט דעם עלטסטן פֿון דער גן־עדן־פּאָליציי. — די גנבה איז טאַקע פֿאַרפֿאַלן, פּאַניע אדון?

דער עלטסטער פֿון דער גן־עדן־פּאָליציי האָט געדרייט די וואָנסעס און געשמייכלט כיטרע:

— וואָס הייסט פֿאַרפֿאַלן? ביי דער גן־עדן־פּאָליציי איז נישט קיין „פֿאַרפֿאַלן".

— סוף גנב לתליה, — האָט באַשטעטיקט אַ צדיק.

און מען האָט ווייטער געזוכט, געגנישטערט, געפּאַרשט, אַרעסטירט פֿאַר־דעכטיקע, זיי באַפֿרייט און אַרעסטירט אַנדערע...

וואָס ס'איז געוואָרן דער סוף פֿון דער גנבה, צי מען האָט טאַקע געכאַפּט די גנבים, קאָן איך אָבער נישט זאָגן, ווייל אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיר מיין חבר פֿישערל אָנגעזאָגט די בשורה, אַז שמעון־בער פֿירט מיך אַוועק פֿונם גן־עדן אויף דער ערד געבוירן ווערן.

— —

— —

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. דער רב אַנטקעגן מיר איז געזעסן ווי אויסגעהאַקט פֿון שטיין. דער דיין — מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. דער גביר ר' מיכל הורוויץ האָט געזוכט עפּעס אַ וואָרט פֿאַר אָט די אויסטערלישע מעשיות פֿונם גן־עדן און סוף־כל־סוף אַ זאָג געטאָן:

— זאָנדער... זאָנדערבאַר!

מיין טאַטע איז געזעסן אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אָנ'ם טיש, זיינע אויגן זענען געוועזן גרויס און פֿאַרוואונדעט.

— אַ מאָדנע וועלט, אָט דער גן־עדן, — האָט אַ זאָג געטאָן דער רב, — אַ וועלט מיט קידער־ווידער, מיט רשעות און גנבה, ווי איז צו מיר. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אינגעלע? ס'ווילט זיך מיר גאָרנישט גלויבן, אַז דאָס אַלצדינג, וואָס דו האָסט דערציילט, איז אמת.

— אַלצדינג, וואָס איך האָב דערציילט איז אמת, איך האָב עס אַליין געזען מיט די אייגענע אויגן.

— אפשר איז דאָס פּאַרט אַ דמיון, — האָט אַ זאָג געטאָן דער דיין. — ס'האָט זיך דיר אויסגעדאַכט און דו מיינסט, אַז עס איז אמת. וואָרום ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז די צדיקים זאָלן שלאָפן אויף די הוילע מאַטראַצן, זייערע ווייבער זאָלן נישט בענטשן קיין ליכט, ווייל מען האָט ביי זיי צוגע־גנבעט די לייכטער?

— אפשר טאַקע אַ דמיון, — האָט זיך אָנגעכאַפּט דער רב, ווי אַ טרינקען־דיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי.

— ס'איז נישט קיין דמיון, רבותי, נאָר די ריינע וואָר. אפשר איז דער גן־עדן, וואָס איר מאָלט אים, אַ דמיון, אַן אויסטראַכטעניש. דער גן־עדן, פון וואַנען איך קום, איז דער אמתדיקער גן־עדן און כאָטש ער האָט חסרונות, פונדעסטוועגן איז ער שיין. אַ סימן — איך בענק נאָך אים און בין גרייט, מען זאָל מיר נאָר לאָזן, זיך אומצוקערן אַהין.

מיין מאַמע איז צו מיר צוגעלאָפן, מיך געכאַפּט אויף די הענט און מיך פעסט צוגעדריקט צו איר האַרץ:

— וואָס רעדסטו קדיש מיינער, וואָס הייסט דו ביסט גרייט צו גיין צוריק אין גן־עדן אַריין? דו, אוצרל, וועסט בלייבן ביי דער מאַמען, איך וועל אויסדראַפּען די אויגן דעם, וואָס וועט דיך פרואוון צונעמען ביי מיר.

— אַט האָסטו דיר, — האָב איך געטראַכט, — גיי הויב זיך אָן מיט די ערדישע מאַמע. תיכף זענען זיי דאָ מיטן אויסדראַפּען די אויגן. זיי מיינען, אַז די ערד איז טאַקע אַזאַ כשרע מציאה, אַז ס'לוינט זיך נישט אָוועקצוגיין פון איר. נישט אומזיסט זאָגט מען אין גן־עדן אַ ווערטל: זי איז גוט און נאַריש, ווי אַן ערדישע מאַמע.

דער רב האָט געגלעט די שניי־ווייסע באָרד און מיך אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי־זשע קומט עס, וואָס מען האָט דיך גראָד אַראָפּגעשיקט געבוירן ווערן און נישט דיין חבר פישערל? דו ביסט דאָך געווען פונקט אַזאַ מלאכל, ווי ער?

איך האָב אים געזאָגט, אַז ווייזט אויס, איך בין נישט געווען קיין אמת מלאכל, נאָר אַ צייטווייליק מלאכל. דער חילוק פון אַן אמת מלאכל ביז אַ צייטווייליק מלאכל איז דער, וואָס אַן אמת מלאכל קאָן נישט געבוירן ווערן אויף דער ערד. אַן אמת מלאכל, אַז ס'פאַרזינדיקט זיך, פאַרשיקט מען עס

אויף אַ צייט לאַנג אין עולם־התוהו אַריין, אָדער אין גיהנום אַריין. דאָרט מוז עס שאַרן די גליענדיקע קוילן מיט די הענט אַזוי לאַנג, ביז ס׳קומט אָפּ די שטראָף.

דער רב האָט זיך אויפגעהויבן. זיין גאַנצער גוף האָט געציטערט. ער האָט געזאָגט צום טאַטן:

— גרייט צו דעם ברית, פּיוול. מיין עצה איז, דו זאָלסט אים אַ נאָמען געבן שמואל־אַבא, פּונקט ווי ער האָט געהייסן אין גן־עדן.

דער טאַטע איז געווען מסכים:

— אַוודאי, שמואל־אַבא, וואָס דען, נישט שמואל־אַבא?

די מאַמע האָט מיך מער נישט אַראָפּגעלאָזט פון די הענט. דער גביר און דער דיין האָבן זיך געזעגנט מיטן טאַטן:

— דו האָסט באַקומען אַן אבן־טוב, פּיוול. היט אים, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אַזאַ חברה־מאַן, ווי דיין שמואל־אַבא, איז אַן אמתער אוצר.

די מאַמע האָט מיך געהאַלזט און געקושט. אין אירע שיינע אויגן האָבן געפינקלט טרערן:

— אוצר מיינס, גאָלד מיינס, שמואל־אַבעלע!

די אורחים האָבן געקושט די מזוזה. דער רב האָט הויך אַ זאָג געטאָן: „אַ גוטע נאַכט! מירן זיך זען מירצעשעם אויפן ברית, פּיוול״.

די מאַמע האָט מיך אַריינגעלייגט אין וויגל. דער טאַטע האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער דער שטוב. זיין שאָטן האָט זיך אַ נישט גלויביקער געוואַקלט אויף דער וואַנט.

אינהאַלט

1. מיין לעצטער טאָג אין גן־עדן 5
2. מיין געבוירן־ווערן 18
3. מיין ערשטער שבת אויף דער ערד 30
4. מיין חבר פישערל 45
5. געשפּענסטער אין גן־עדן 59
6. אין דוד המלכס גיטער 73
7. נאַכט אין דוד המלכס גיטער 87
8. מיטן־נאַכט אין דוד המלכס גיטער 101
9. אַ מעשה נורא מיטן שור־הבר 117
10. דער טומל אַרום דער פּליטה פונם שור־הבר 133
11. אונזער שליחות 148
12. אניעלא 163
13. דער פּאַראַד לכבוד דעם שור־הבר 178
14. ביי זיידל־מלאך דעם גן־עדן־פאָטאָגראַף 192
15. קונצן־מאַכערס אין גן־עדן 206